STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07769

FAR YUGNT

Fyodor Dostoyevsky

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

פאר יוגנט

פ. מ. דאָסטאָיעווסקי

יידיש: גיטל מייזיל.

ווארשע 1924

Jewish People's Library

פ. מ. דאָסטאָיעווסקי

אויסדערוויילטע דערציילונגען.

פאַרלאַג ש. יאַטשקאָווסקי, גענשע 7

געזעצט בײַ י. קרעלבוים, פולאח
געדרוקט בײַ ברידער וואָיצי־
קיעוויטש. ווארשאַ, גענשע 15

געבונדן בײַ א. קאַמיען

Dostojewski dla Młodzieży

Wydawnictwo Szymon
Jaczkowski — Warszawa

Drukarnia B-ci Wójcikiewicz
Warszawa, Gęsia 15.

פ. מ. דאָסטאָיעווסקי

וואַריענקאַ דאָבּראָסעלאָוואַ

אידישע פאָלקס ביבליאָטעק
Montreal - מאָנטרעאַל
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY

וואַריענקאַ דאָבראָסעלאָוואַ.

I.

ווען מיין טאַטע איז געשטאָרבן, בין איך אַלט געווען פיר־צען יאָר. דאָס בעסטע שטיקל צייט אין מיין לעבן זיינען געווען די קינדערישע יאָרן. אָנגעהויבן האָבן זיי זיך נישט דאָ, נאָר ווייט פונדאַנען, אין אַ פאַרוואָרפענער פּראָווינץ. דער טאַטע איז געווען אַ פאַרוואַלטער פון אַ גרויס גוט באַם פירשט פ. אין ט. גובערניע. געוווינט האָבן מיר אין איינעם פון דעם פירשטס דערפער, און געלעבט שטיל, רויק, גליקלעך... געווען בין איך אַ רירעוודיקע, קליינע, האָב נאָר איין אַרבעט געהאַט: — אַרומגיין זיך איבער פעל־דער, וועלדלעך, איבערן גאָרטן, און ווייניק ווער עס האָט געזאָרגט וועגן מיר. דער טאַטע איז שטענדיק אָן אויפהער פאַרטון געווען אין זיינע עסקים, די מאַמע — מיט באַלעבאַטישקייט פאַרנומען; מען האָט מיך נישט געלערנט, נאָר איך בין דערפון זייער צופרידן געווען. גאַנץ פרי פלעג איך שוין אַוועק צום טייכל, אין וועלדל, צום היי־פעלד, צו די שניטערס. די זון מעג באַקן, נאָר דו פאַר־קלויבסט זיך, אַליין נישט צו וויסן, ווי ווייט פון ישוב, צעדראַפעסט זיך אָן די צווייגן, צערייסט דאָס קלייד; — שפעטער אינדערהיים שרייט מען אָן דערפאַר, נאָר איך מאַך מיך, גלייך ווי נישט מיך מיינט מען עס.

און מיר דאַכט זיך, איך וואָלט אַזוי גליקלעך געווען, ווען איך וואָלט קיינמאָל פון דאָרף נישט אַרויסגעפאָרן און דאָס גאַנצע לעבן דאָרט אָפּגעלעבט. און דאָך, קינדווייז נאָך, האָב איך שוין געמוזט פאַרלאָזן די היימישע ערטער. איך בין אַלט געווען אינגאַנצן צוועלף יאָר, ווען מיר זיינען אַריבערגעפאָרן קיין פעטערבורג. אָך, עס איז אַזוי טרויעריק צו דערמאַנען זיך, ווי שווער עס איז געווען דאָס איבערקלייבן זיך. איך האָב אַזוי געוויינט בײַם געזעגענען זיך מיט אַלץ, וואָס מיר איז ליב געווען. איך געדענק: איך האָב זיך אויפן פּאָטערס האַלדז געוואָרפן און מיט טרערן זיך געבעטן, כאָטש נאָך אַ ביסל אין דאָרף צו פאַרבלייבן. דער טאַטע האָט זיך צעשריגן, די מאַמע האָט געוויינט; זיי האָבן געזאָגט — מען מוז, די געשעפטן פאָדערן עס. דער אַלטער פירשט פּ. איז געשטאָרבן, די יורשים האָבן דעם טאַטן פון זיין שטעלע אָפּגעזאָגט. דער טאַטע האָט נאָך אַ סומע געלט געהאַט בײַ אייניקע מענטשן אין פעטערבורג. ער האָט געהאָפט צו פאַרבעסערן זיינע געשעפטן, און צוליב דעם געפונען פאַר נייטיק אַליין דאָרט צו זיין. דאָס אַלץ האָב איך זיך ערשט שפּעטער פון דער מאַמען דערוווּסט. אין פעטערבורג האָבן מיר זיך אויף פעטערבורגער זייט באַזעצט און אָפּגעוווינט אויף איין אָרט ביזן טאַטנס טויט.

שווער איז מיר געווען זיך צוצוגעוווינען צום נייעם אָרט לעבן! עס איז געווען האַרבסט-צייט, ווען מיר זיינען קיין פעטערבורג געקומען. בשעת מיר האָבן דאָס דאָרף פאַרלאָזט, איז אַ ליטערער, וואַרימער העלער טאָג געווען; די פעלד-אַרבעט האָט זיך כמעט ווי געענדיקט; אין די שייערס זיינען הויכע סטערטעס תבואה געלעגן און מחנות שרייענדיקע פייגל האָבן געטומלט; אַלץ איז אַזוי העל און פריילעך געווען; און דאָ, בעת דעם אַריינפאָרן אין שטאָט, — אַ טריבער רעגן, אַ בלאָטע, אַ פויל האַרבסט-פראָסטל און אַ מאַסע פרעמדע פּנימער, נישט קיין גאַסטפריינטלעכע, אומצופרידענע, בייזע!

...בן זיך ווי עס איז איינגעאָרדנט. איך געדענק, אַלע האָבן זיך געטומלט, זיך געפּאָרעט און געהאַט צו טאָן מיט דער נייער באַלעבאַטישקייט. דער פאָטער איז אַלץ אינדערהיים נישט געווען, די מאַמע האָט קיין פרייע מינוט נישט געהאַט — און מיך האָט מען לחלוטין פאַרגעסן. אומעטיק איז מיר געווען נאָך דער ערשטער נאַכט אויפצושטיין אויפן נייעם אָרט. די פענסטער האָבן אַרויסגעקוקט אויף עפּעס אַ געלן פּלויט. אין דרויסן איז אַ שטענדיקע בלאָטע געשטאַנען. זעלטן ווען האָבן זיך דורכגייער באַוויזן, און זיי אַלע האָבן זיך אַזוי שטאַרק געהילט, עס איז אַלע שטאַרק קאַלט געווען.

און אין שטוב בא אונדז האָט גאַנצע טעג געהערשט אַ באַנגדיקע פּוסטקייט און לאַנגווייליקייט. קיין פריינט, קיין באַקאַנטע האָבן מיר כמעט נישט געהאַט. גאַנץ אָפּט נאָר פלעגן צו אונדז מענטשן געשעפטלעך אַראָפּקומען. זיי האָבן זיך געקריגט, געררעשט, געשריגן. נאָך יעדער זייער קומען פלעגט דער טאַטע ווערן אומצופרידענער, בייזער; שעהנווייז פלעגט ער פון איין עק צימער אין צווייטן אַרומשפּאַנען, אָנגעברוגזט, מיט קיינעם קיין וואָרט נישט אויסגערעדט. דאַמאָלס האָט די מאַמע אפילו רעדן צו אים נישט געוואַגט, האָט זי געשוויגן. און איך פלעג זיך מיט אַ ביכל אין אַ ווינקל פאַרקלויבן — שטיל, געלאַסן; קיין ריר, קיין פּיפּס נישט געטאָן.

אין דריי חדשים אַרום נאָך אונדזער קומען קיין פּעטערבורג, האָט מען מיך אַריינגעגעבן אין אַ פּענסיאָן. אַך, ווי פּיינלעך איז מיר לכתחילה געווען צווישן פרעמדע! אַלץ איז געווען אַזוי נישט געמיטלעך, אַזוי נישט היימלעך; די ערציערינס — אַזעלכע שרייערינס, די מיידלעך אַזוינע אָפּלאַכעריגס, און איך אַזאַ ווילדע. שטרענג און מיט תבועות! אויף אַלץ זיינען געווען באַשטימטע שעהן, אַלע בא איין טיש, לאַנגווייליקע לערערס — דאָס אַלץ האָט מיך אין אָנהייב

געפּיי̆ניקט און אויסגעמאַטערט. איך האָב דאָרט אפילו שלאָפֿן נישט געקענט, פֿלעג וויינען אַ גאַנצע נאַכט, אַ לאַנגע, לאַנגווייליקע, קאַלטע נאַכט. באַנאַכט פֿלעגן אַלע לערנען, איבערחזרן די לעקציעס; און איך זיך מיר באַ די שמועסן, גראַמאַטיקאַלישע איבונגען, וואָס נישט אַ ריר צו טון זיך און טראַכט אַלץ וועגן אונדזער ווינקל אינדערהיים, וועגן טאַטן, מאַמען, וועגן דער אַלטיטשקער ביאַניע, וועגן אירע מעשהלעך... אַך ווי אומעטיק עס פֿלעגט מיר ווערן! וועגן יעדער מינדסטער שטוב-זאַך דערמאַן איך מיך מיט פֿאַרגעניגן. טראַכט, טראַכט: אַך, ווי גוט וואָלט אַצינד אינדערהיים געווען! איך וואָלט געזעסן אין קליינעם צימערל באַם סאַמאָוואַר צוזאַמען מיט אַלע אונדזעריקע; עס וואָלט אַזוי וואַרעם, גוט, היימלעך געווען. איך קלער, ווי איך וואָלט אַרומגענומען די מאַמען, שטאַרק — שטאַרק, הייס — הייס! — איך טראַכט און טראַכט און צעוויין זיך פֿון בענקשאַפֿט שטילערהייט, דערשטיק אין זיך די טרערן, און עס קריכן מיר נישט די גראַמאַטיקאַלישע איבונגען אין קאָפּ אַריין. אויף מאָרגן איז די לעקציע נישט צוגעגרייט; אַ גאַנצע נאַכט חלומט זיך מיר דער לערער, די מאַדאַם, די מיידלעך; אַ גאַנצע נאַכט אין שלאָף חזרסטו די לעקציעס און אויף מאָרגן ווייסטו קיין איין וואָרט נישט. שטעלט מען דיך אויף די קני, מען גיט דיר נאָר איין געריכט. איך בין געווען אַזאַ אומעטיקע, אַזאַ טרויעריקע. די ערשטע צייט האָבן אַלע מיידלעך פֿון מיר געלאַכט, זיך גערייצט מיט מיר, איבערגעשלאָגן, ווען כ׳פֿלעג אָפּענטפֿערן די לעקציע, געקניפּט, ווען מיר זיינען רייענווייז צום מיטאָג אָדער צו טיי געגאַנגען, אומזיסט און אומנישט זיך געקלאָגט אויף מיר פֿאַר די ערציערינס.

דערפֿאַר איז אָבער אַן אמתער יום-טוב געווען שבת-צו-נאַכטס, ווען די ביאַניע פֿלעגט קומען מיך אָפּנעמען.

איך פֿלעג מיט ווילדער פֿרייד זי אַרומכאַפּן. זי טוט מיך אָן, וויקלט מיך אַרום, אין וועג דעריאָגט זי מיך קוים, און איך פֿלאַפּל.

פלוידער, האַלט אין איין דערציילן איר. אַהיים קום איך אַ פריי־
לעכע, לוסטיקע, נעם פעסט אַרום אונדזערע, ווי נאָך אַן אָפּשייד
פון צען יאָר. עס הייבן זיך אָן מעשיות, שמועסן, דערציילונגען;
איך גריס זיך מיט אַלע, איך שמייכל, לאַך, איך לויף, שפּרינג.
מיטן טאַטן פיר איך ערנסטע געשפּרעכן: וועגן וויסנשאַפט, וועגן
אונדזערע לערער, וועגן פראַנצויזיש, וועגן לאַמאַנדס גראַמאַטיק —
און אַלע זיינען מיר פריילעך, צופרידן, איך אַציגד ווערט מיר
פריילעך, ווען כ׳דערמאַן מיך אָן די מינוטן. איך האָב מיך מיט
אַלע כּוחות באַמיט צו לערנען, אָנצוטון אַ נחת דעם טאַטן. איך האָב
געזען, ווי ער גיט אַוועק דאָס לעצטע, און אַליין, גאָט ווייסט, ווי
ער שלאָגט זיך פון די כּוחות אַרויס. מיט יעדן טאָג איז ער געוואָרן
אַלץ מרה־שחורהדיקער, אומצופרידענער, בייזער, זיין כאַראַקטער איז
אינגאַנצן קאַליע געוואָרן; די געשעפטן האָבן זיך נישט איינגעגעבן,
חובות איז געווען אַ תּהום. די מאַמע פלעגט שוין וויינען מורא
האָבן, אַ וואָרט זאָגן געציטערט, דעם טאַטן נישט צו דערצערנען;
זי איז געוואָרן קראַנק; אַלץ דאַרער און דאַרער געוואָרן און צום
סוף אָנגעהויבן שוואַר צו הוסטן. איך פלעג קומען פון פּענסיאָן —
באַ אַלע זיינען די פּנימער אַזעלכע אומעטיקע; די מאַמע וויינט
שטילערהייט, דער טאַטע בייזערט זיך. הייבן זיך אָן פאַרוואורפן,
טענות. דער טאַטע הייבט אָן צו זאָגן, אַז איך פאַרשאַף אים קיין
פרייד נישט, קיין שום טרייסט נישט; פון מיינעטוועגן זאָגן זיי זיך
פון לעצטן ביסן אָפּ און ביז אַציגד רעד איך נאָך קיין פראַנצויזיש
נישט; מיט איין וואָרט, אַלע צרות, אַלע אומגליקן, אַלץ, אַלץ האָט
זיך אויסגעלאָזט צו מיר, צו דער מאַמען.

און ווי האָט מען געקענט אַזוי פּייניקן די אומגליקלעכע
מאַמע?!

דאָס האַרץ פלעגט וויי טון צו זען זי: די באַקן איינגעפאַלן,
די אויגן סטאַרטשען אַרויס, אויפן פּנים אַ שווינדזיכט־קאָליר. איך

האָב געהאַט מער פאַר אַלע. ס'פּלעגט זיך אָנהייבן פון קליי־ניקייטן און דערנאָך פלעגט, גאָט ווייסט, ווי ווייט דערגיין; אָפט פלעג איך אפילו נישט פאַרשטיין אין וואָס עס גייט אייגנטלעך. און וואָס האָט מען נישט אויסגערעכנט!... די פראַנצויזישע שפּראַך, און אַז איך בין אַ גרויסער נאַר, און אַז די פּאַנסיאָן-אויפזעערין איז נישט קיין געראָטענע און נאַרישע פרוי; אַז זי זאָרגט נישט וועגן אונדזער מאָראַל; און אַז דער טאַטע קען קיין שטעלע נישט געפינען, און אַז לאָמאָנדס גראַמאַטיק איז אַ גרויסע שמאַטע און זאַפּאַלסקעס איז פיל בעסער; אַז מען האָט אומזיסט אַ סך געלט אויף מיר אויסגע־בראַכט — מיט איין וואָרט, איך בין פון דער הויט געקראָכן, גע־לערנט גראַמאַטיק און שמועסן און צום סוף בין איך אין אַלץ שול־דיק געווען! עס הייסט נישט, אַז דער טאַטע האָט מיך נישט ליב געהאַט: איך מיט דער מאַמען זיינען זיין גאַנץ חיות געווען. נאָר אַזוי איז עס שוין — אַזאַ כאַראַקטער געהאַט.

זאָרגן, יסורים, דורכפאַלן האָבן דעם אומגליקלעכן טאַטן ביזן סוף אויסגעמאַטערט: ער האָט אויפגעהערט גלייבן מענטשן; געוואָרן גאַליק; געווען ביז גאָר פאַרצווייפלט, געמאַכט הפקר זיין געזונט, זיך פאַרקילט און פּלוצלינג קראַנק געוואָרן, נישט לאַנג געליטן און אַזוי אומדערוואַרט, אַזוי פּלוצלינג אויסגעגאַנגען, אַז מיר אַלע זיינען עטלעכע טעג אויסער זיך געווען פון דעם אומגליק. די מאַמע איז ווי פאַרשטיינערט געבליבן; איך האָב אַפילו פאַר איר פאַרשטאַנד זיך געשראָקן. און ווי נאָר דער טאַטע איז געשטאָרבן, זיינען, ווי פון דער ערד, אויסגעוואַקסן קרעדיטאָרן, זיך אַ שאָט געגעבן אַ מחנה מיטאַמאָל. אַלץ, וואָס מיר האָבן געהאַט, האָבן מיר אָפּגעגעבן. אונדזער הייזל אויף פּעטערבורגער זייט, וואָס דער טאַטע האָט גע־קויפט אין אַ האַלב יאָר אַרום נאָך אונדזער קומען, איז [illegible] פאַר־קויפט געוואָרן. איך ווייס נישט ווי מען האָט דאָס איבער[illegible] איינ־געאָרדנט, נאָר מיר זיינען געבליבן אָן אַ היים, אָן אַ דאַך, אָן חיונה.

די מאַמע האָט פון אַ שווערער קרענק געליטן, קיין פּרנסה האָבן מיר נישט געהאַט, נישט געהאַט פון וואָס צו לעבן, און אויף ווייטער — קיין אויסזיכט. איך בין דאַמאָלס נאָר־וואָס דרייצן יאָר אַלט געוואָרן. און דאַמאָלס האָט זיך בײַ אונדז באַוויזן אַננאַ פעדאָראָוונאַ. זי האָט אַלץ געטענהעט, אַז זי איז עפּעס אַ גוט־באַזיצערין און קערט זיך אָן מיט אונדז אַ קרובֿה. די מאַמע האָט אויך געזאָגט, אַז זי איז אונדזערע אַ קרובֿה, נאָר זייער אַ ווייטע. בײַם טאַטנס לעבן פלעגט זי קיינמאָל צו אונדז נישט קומען. זי איז געקומען מיט טרערן אין די אויגן, געזאָגט, אַז זי נעמט זיך שטאַרק צום האַרץ באַדויערט אונדזער אומגליק, אונדזער טראַגישע לאַגע און צוגעגעבן, אַז דער טאַטע איז אַליין שולדיק: ער האָט נישט געלעבט לויט די מעגלעכקייטן, פאַרקראָכן צו ווייט און שוין צופיל זיך אויף אייגענע כּוחות פאַרלאָזט. זי האָט אויסגעדריקט דעם ווילן נענטער זיך צונויפצוגיין מיט אונדז, פאַרגעלייגט צו פאַרגעסן די אומאָנגענעמלעכקייטן פון ביידע צדדים; און ווען די מאַמע האָט דערקלערט, אַז זי האָט קיינמאָל צו איר קיין פיינטשאַפט נישט געפילט, האָט אַננאַ פעדאָראָוונאַ אַ פּאָר טרערן געלאָזט און אַוועקגעפירט די מאַמע אין קלויסטער, אַ הספּד באַשטעלט נאָך דעם „האָלובטשיק" (אַזוי האָט זי זיך אויסגעדריקט וועגן טאַטן). נאָכדעם האָט זי זיך פייערלעך מיט דער מאַמען איבערגעבעטן.

נאָך לאַנגע הקדמות און פאָרויסוואָרענישן, אָפּמאָלנדיק מיט בונטע פאַרבן אונדזער ביטערע לאַגע, פאַריתומטקייט, עלנטקייט, האָ גונגסלאָזקייט, הילפלאָזיקייט, האָט אונדז אַננאַ פעדעראָוונאַ פאָרגעלייגט אַריבערצוגיין צו איר. די מאַמע האָט געדאַנקט, נאָר לאַנג זיך נישט געקאָנט באַשליסן: נאָר אַזוי ווי קיין אַנדערע עצה האָט זי זיך נישט געקענט געבן, קיין אַנדערער אויסוועג איז נישט געווען, האָט זי ענדלעך דערקלערט אַננאַ פעדאָראָוונען, אַז מיר נעמען אָן מיט דאַנק איר פאָרשלאַג.

ווי איצט געדענק איך דעם פרימאָרגן, ווען מיר זיינען פון פעטערבורגער זייט אַריבערגעפאָרן אויף וואַסילעווער אינזל.

עס איז געווען אַ האַרבסטיקער, קלאָרער, טרוקענער, פּראָס-טיקער פרימאָרגן. די מאַמע האָט געוויינט: מיר איז שרעקלעך אומעטיק געווען; דאָס האַרץ האָט מיר שיער נישט געפּלאַצט, דאָס געמיט האָט אַן אומקלאָרע, גרויזאַמע בענקשאַפט געדריקט... אַ שווערע צייט איז עס געווען...

II.

לכתחילה, כל-זמן מיר, איך און די מאַמע, האָבן זיך נישט צוגעוויינט צום נייעם אָרט, האָט אונדז אַלץ באַ אַננאַ פעדעראָוונאַ אויסגעזען ווילד און נישט היימלעך.

אַננאַ פעדעראָוונאַ האָט געוווינט אין אַן אייגן הויז, אויף דער זעקסטער ליניע. די וווינונג איז באַשטאַנען אינגאַנצן פון פינף ריי-נע צימערן. אין דריי פון זיי האָט געוווינט אַננאַ פעדעראָוונאַ און סאַשע, מיינס אַ שוועסטערקינד, וועלכע האָט זיך אויפגעהאָדעוועט באַ איר, אַ מיידעלע, אַ יתומעלע, אָן טאַטע-מאַמע. איין צימער האָבן מיר פאַרנומען, און אין לעצטן צימער, לעבן אונדזערן, האָט גע-וווינט פּאָקראָווסקי, אַן אָרימער סטודענט, אַ שכן באַ אַננאַ פעדעראָוונאַ.

אַננאַ פעדעראָוונאַ האָט זיך געלעבט זייער גוט. זי פלעגט אונדז אָן אויפהער באַשיטן מיט שטעך-ווערטער און יעדער ווײַלע דערמאַנען וועגן איר גרויסן חסד צו אונדז. פאַר זייטיקע מענטשן פלעגט זי אונדז פאָרשטעלן, ווי אירע אָרימע קרובים, אַן אומגליק-לעכע אלמנה און יתומה, אויף וועלכע זי האָט זיך אויס רחמנות דערבאַרעמט און צוגענומען צו זיך. און באַם טיש פלעגט זי באַ-גלייטן מיט איר קוק יעדן ביסן, וואָס מיר האָבן גענומען, און טאָ-מער האָבן מיר נישט געגעסן איז געווען נאָך ערגער, האָט זיך

ערשט אָנגעהויבן אַ סדרה: הייסט דאָס מיר מיאוסן זיך; און וואָלט אונדז דען באַ אונדז אַליין בעסער געווען?

באַ יעדער געלעגנהייט האָט זי געזידלט דער טאַטן; געטענהט, אַז ער האָט געוואָלט זיין פיינער פון דער גאַנצער וועלט, איז אָבער דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען; ער האָט דאָס אייגענע ווייב און קינד פאַר קבצנים געמאַכט און ווען נישט די גוטהאַרציקע קרובה, די קריסטלעכע מיטליידנדיקע נשמה, וואָלטן מיר, באַהיט גאָט, אײַנמיטן גאַס פון הונגער אויסגעגאַנגען. און נאָך און נאָך האָט זי גערעדט. נישט אַזוי ביטער, ווי העסלעך איז געווען צו הערן.

די מאַמע האָט יעדער ווײַלע געוויינט; איר געזונט האָט זיך פון טאָג צו טאָג פאַרערגערט, זי איז אויסגעגאַנגען ווי אַ ליכט. און דערצו האָבן מיר נאָך פון פאַרטאָג ביז שפעט באַנאַכט געאַרבעט, געקריגן באַשטעלונגען, גענייט. נאָר מען האָט זיך געדאַרפט אָפּשפאָרן אויף נישט פאָרויסגעזעענע הוצאות: מען האָט אומבאַדינגט געמוזט האָבן אַ ביסל געלט. מיר האָבן אויף יעדן פאַל געקליבן געלט, געהאָפט, אַז מיר וועלן קענען מיט דער צייט ערגעץ־ווו אַריבערפאָרן. נאָר אויף דער אַרבעט האָט די מאַמע געפטרט דאָס לעצטע ביסל געזונט: זי איז מיט יעדן טאָג שוואַכער געוואָרן, די קרענק האָט, ווי אַ וואָרים, געטשאָטשעט איר געזונט און זי דערבענטערט צום קבר, איך האָב דאָס אַלץ געזען, אַלץ געפילט, אַלץ דאָס דורכגעליטן; דאָס אַלץ איז פאַר מײַנע אויגן דורכגעגאַנגען!

טעג נאָך טעג זײַנען געגאַנגען און יעדער נײַער טאָג איז געווען ענלעך צום פריערדיקן. מיר האָבן געלעבט שטיל, גאָרנישט ווי אין שטאָט. אַננאַ פעדאָראָוונאַ האָט ביסלעכווייז אַליין אָנערקענט איר הערשאַפט און האָט זיך ביסלעכוויז איינגעשטילט איר האָט דאָך קיינמאָל קיינער אפילו נישט געטראַכט אַקעגן צו רעדן. צווישן אונדזער צימער און איר טייל וווינונג איז געווען אַ קאָרידאָר־מחיצה און לעבן אונדז, ווי איך האָב שוין דערמאַנט, האָט געוווינט

פּאָקראָווסקי, ער האָט געלערנט סאַשען פראַנצייזיש, דייטש, געשיכטע, געאָגראַפיע — אַלע וויסנשאַפטן, ווי אַננאַ פעדאָראָוונאַ פלעגט זאָגן, און אַלס באַלוינונג באַקומען אַ דירה מיט עסן.

סאַשע איז געווען אַ פעיִק מיידעלע, כאָטש אַשטיפערין און אַ שטותערקע; זי איז דאַמאָלס אַלט געווען דרייצען יאָר.

איינמאָל האָט אַננאַ פעדאָראָוונאַ געזאָגט דער מאַמען, אַז עס וואָלט נישט געשאַדט איך זאָל זיך אויך לערנען, צולערנען זיך דאָס, וואָס מען האָט מיך נישט אין פּענסיאָן דערלערנט. די מאַמע האָט מיט פרייד מסכים געווען און אַ גאַנץ יאָר נאָך דעם האָב איך צוזאַמען מיט סאַשען געלערנט באַ פּאַקראָווסקין.

פּאָקראָווסקי איז געווען אַן אָרימער, זייער אָרימער יונגערמאַן; זיין שוואַך געזונט האָט אים נישט דערלויבט שטענדיק זיך צו לערנען, מען האָט אים אַזוי נאָר, פון געוווינהייט, גערופן סטודענט. געלעבט האָט ער באַשיידן, שטיל, מען פלעגט אים אפילו נישט הערן אין אונדזער צימער. אויסערלעך איז ער געווען אַזאַ מאָדנער: אַזוי אומגעשיקט געגאַנגען, אומגעשיקט זיך פאַרנייגט, אַזוי משונה גערעדט, אַז אין אָנהייב האָב איך נישט געקענט אָן געלעכטער קוקן אויף אים. סאַשע האָט אָן אויפהער פון אים חוזק געמאַכט, איבערהויפּט אין די לערן-שעהן. און דערצו איז ער געווען אַ גרויסער כעסן, זיך שטענדיק געבייזערט, פלעגט איבער יעדער קלייניקייט פון די כלים אַרויס, געשריגן אויף אונדז, פאַרקלאָגט אונדז, אָפט איבערגעריסן די לעקציע און אַן אויפגערעגטער צו זיך אין צימער אַוועק. באַ זיך אין צימער פלעגט ער גאַנצע טעג זיצן איבער ביכער. ער האָט פאַרמאָגט אַ סך ביכער, און אַלץ טייערע, זעלטענע ביכער. ערגעץ-ווו האָט ער נאָך געלערנט עמעצן, עפּעס וואָס געצאָלטס באַקומען, און ווי נאָר עס פלעגט זיך באַווייזן באַ אים געלט, איז ער באַלד געגאַנגען ביכער איינקויפן.

מיט דער צייט האָב איך אים דערקענט נענטער, בעסער.

ער איז געווען דער אײדלסטער, פײנסטער, לײטישסטער פון אלע מענטשן, מיט וועלכע עס איז מיר אויסגעקומען זיך צו טרעפן. די מאַמע האָט געפילט צו אים אַ גרויסן אָפּשײ. שפּעטער איז ער אויך פאַר מיר געוואָרן דער בעסטער פרײנט, — פאַרשטײט זיך, נאָך דער מאַמען.

אין אָנהײב האָב איך, שוין אַזאַ גרויס מײדל, געשטיפט צו־זאַמען מיט סאַשען, מיר פלעגן זיך שעהנווײז ברעכן דעם קאָפּ, ווי אַזוי אים צו דערצערנען און אַרויסברענגען פון געדולד. ער האָט שרעקלעך לעכערלעך זיך געהיצט, און אונדז האָט דאָס אויסערגע־ווײנטלעך הנאה געטון (מיר איז אַ חרפה אפילו צו דערמאָנען זיך וועגן דעם).

אײנמאָל האָבן מיר אים צערײצט כמעט ביז טרערן, און איך האָב דײטלעך געהערט, ווי ער האָט אַ מורמל געטון:

„שלעכטע קינדער".

איך בין געוואָרן צעמישט; איך האָב אײנצײטיק דערפילט אַ בזיון, אַ ביטערקײט און אַ רחמנות צו אים. איך געדענק, ביז איבער די אויערן בין איך רויט געוואָרן און כמעט מיט טרערן זיך געבעטן בײַ אים ער זאָל זיך באַרויִקן, ער זאָל זיך נישט באַ־לײדיקן פון אונדזערע נאַרישע שטותערײען. נאָר ער האָט פאַר־מאַכט דאָס ביכל, נישט פאַרענדיקט די לעקציע און אַוועק צו זיך אין צימער.

איך האָב מיר, פון חרטה, קײן אָרט נישט געפונען. דער געדאַנק, אַז מיר, קינדער, האָבן מיט אונדזער שלעכטקײט אים גע־ברענגט צו טרערן, איז געווען פאַר מיר אומדערטרעגלעך. מיר האָבן, הײסט עס, געוואַרט אויף זײנע טרערן. אונדז האָט זיך, הײסט עס, אײנגעגעבן אים אַרויסצוברענגען פון געדולד; דאָס הײסט מיר האָבן געצוווּנגען אים, דעם אומגליקלעכן, דעם אָרימען, דערמאָ־נען זיך אין זײַן ביטערן גורל!

פון ערגערניש, טרויער, חרטה בין איך נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.

מען זאָגט, אַז חרטה מאַכט גרינג דאָס געמיט — גאָר פאַר־קערט. איך ווייס נישט ווי אַזוי עס האָט זיך אין מיינע צרות נאָך אַריינגעמישט אַ געפיל פון אייגנליבע. מיר האָט זיך נישט געוואָלט ער זאָל מיך האַלטן פאַר אַ קינד. איך בין שוין דאַמאָלס אַלט גע־ווען פופצן יאָר.

פון דעם טאָג אָן, האָב איך אָנגעהויבן מאַטערן מיין כוח הדמיון, געשאַפן טויזנטער פלענער, אויף וואָס פאַר אַ אופן צו צווינגען פּאָקראָווסקין זיין מיינונג וועגן מיר צום גוטן צו בייטן. נאָר צייטנווייז בין איך געווען שעמעוודיק און נישט אַנטשלאָסן; איך האָב נישט געקענט, אין דער געשאַפענער לאַגע, קומען צו קיין באַשלוס און האָב זיך באַנוגנט מיט טרוימען (און איין גאָט ווייסט מיט אַ וואָסערע!). איך האָב נאָר אויפגעהערט צוזאַמען מיט סאַשען צו שטיפן; ער האָט אויפגעהערט זיך צו בייזערן אויף מיר נאָר פאַר מיר איז דאָס ווייניק געווען.

אַצינד וויל איך נאָך זאָגן אַ פּאָר ווערטער וועגן אַ מאָדנעם טשעקאַוועין און אומגליקלעכן באַשעפעניש, וואָס נאָך אַזאַ איינס איז מיר שוין קיינמאָל נישט אויסגעקומען צו באַגעגענען.

איך דערמאָן אים אַצינד, גראָד אין דעם אָרט פון מיינע זכרונות, ווייל ביז דער צייט האָב איך אויף אים נישט געלייגט קיין אַכט; — אָט אַזוי איז פאַר מיר מיטאַמאָל אַלץ, וואָס איז נוגע געווען פּאָקראָווסקין, וויכטיק געוואָרן!

צו אונדז אין שטוב פלעגט פון צייט צו צייט אַריינקומען אַן אַלטיטשקער — פאַרשמירט, שלעכט אָנגעטון, אומגעשיקט, אַ גרויענ־קער, קליינער, נישטיקער, מיט איין וואָרט, ביז גאָר אַ מאָדנע נפש. פון ערשטן בליק האָט זיך געדאַכט, אַז ער שעמט זיך פאַר

עפּעס, אַז אים איז אַ בושה פֿאַר זיך אַליין, און דערפֿאַר איז ער איינגעגנאָרעט, דערפֿאַר איז ער פֿאַרקרומט. ער האָט אַזויגע מאָדנע שטיק און העוויות געמאַכט, אַז מיר זיינען געווען איבערצייגט, ער ער איז געריערט פֿון זינען.

ער פֿלעגט קומען, בלייבן שטיין אין פֿאָדערהויז באַ די גלעזערנע טירן און נישט געוואַגט אַריינצוגיין אין שטוב. גייט עמעץ פֿון אונדז פֿאַרביי — איך, סאַשע, אָדער עמעצער פֿון די באַדינער, וועלכער איז מער צוגעלאָזט צו אים — ווינקט ער באַלד, רופֿט צו זיך, מאַכט פֿאַרשידענע צייכנס, און ווי נאָר דו טוסט אַ שאָקל מיטן קאָפּ — אַ סימן, אַז אין שטוב זיינען נישטאָ קיין פֿרעמדע און אַז דער אַריינגאַנג איז פֿריי און אָפֿן פֿאַר אים — ערשט דאַמאָלס עפֿנט ער שטיל אויף די טיר, שמייכלט פֿון גרויס פֿרייד, רייבט די הענט און אויף די שפּיץ פֿינגער שפּאַנט ער גלייך צו פּאָקראָווסקין אין צימער אַוועק.

דאָס איז געווען זיין פֿאָטער.

שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט אַלע פּרטים פֿון דעם אומגליקלעכן אַלטנס געשיכטע. ער האָט אַמאָל ערגעץ געאַרבעט, נאָר ער איז געווען אַ טויגעגישט און האָט פֿאַרנומען אַ קליין אָרט אויף דער שטעלע. אַז עס איז געשטאָרבן זיין ערשט ווייב (דעם סטודענט פּאָקראָווסקיס מוטער), איז אים איינגעפֿאַלן חתונה צו האָבן צום צווייטן מאָל, און ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ פּראָסטער פֿרוי. נאָר באַ דעם נייעם ווייב איז אַלץ קאַפּויר, אַלץ מיט דעם קאָפּ אַראָפּ אַוועק; זי האָט קיינעם נישט געלאָזט פֿריי עטעמען; אַלע אַריינגעכאַפּט אין אירע הענט. דער יונגער פּאָקראָווסקי איז דאַמאָלס איבגאַנצן צען יאָר אַלט געווען. די שטיפֿמוטער האָט אים פֿיינט געקריגן.

נאָר דער קליינער פּאָקראָווסקי איז געווען אַ מזלדיקער. דער גוט-באַזיצער ביקאָוו, וועלכער האָט נאָך פֿון אַמאָל גע-

קענט דעם אָנגעשטעלטן פּאָקראָווסקי און אים גוטס געטון, האָט גענומען דאָס קינד אונטער זיינע שוץ-פליגל און אים אַריינגעגעבן אין אַ מין שול.

נאָך דער שול איז פּאָקראָווסקי אַרייגעטרעטן אין אַ מיטל-שול און נאָכדעם אין אַ הויכשול. דער הער ביקאָוו פלעגט גאַנץ אָפט קומען קיין פּעטערבורג און אויך דאָ אים נישט פאַרלאָזט. אָבער פּאָקראָווסקי האָט נישט באַוויזן, איבער זיין שוואַכן געזונט, פאַרטצוזעצן די למודים. דער הער ביקאָוו האָט אים באַקאַנט מיט אַננאַ פעדאָראָוונאַ, פערזענלעך אים רעקאָמענדירט און אויף אַזאַ אופן איז פּאָקראָווסקי צוגענומען געוואָרן אויף קעסט מיטן תּנאַי צו לערנען סאַשען אַלץ, וואָס עס וועט נאָר נייטיק זיין.

דער אַלטער אָבער איז צוליב די צרות און דעם ווייבס גרוי-זאַמקייטן כּמעט קיינמאָל נישט ניכטער געווען. ער איז געווען נאָך גאָרנישט קיין אַלטער מענטש, נאָר איבער זיינע שלעכטע אייגנ-שאַפטן איז ער געוואָרן כּמעט עובר-בטל. דאָס איינציקע נאָר — די גרענעצלאָזע ליבע צום זון, האָט עדות געזאָגט, אַז ער פאַרמאָגט נאָך פיינע, מענטשלעכע געפילן.

מען האָט געזאָגט, אַז דער יונגער פּאָקראָווסקי איז, ווי צוויי טראָפּנס וואַסער, ענלעך צו זיין פאַרשטאָרבענער מוטער. און אפשר זיינען די עריגערונגען פון דעם ערשטן גוטן ווייב געווען די סיבה פון זיין גרענעצלאָזער ליבע צו אים? חוץ ווי וועגן זיין זון, האָט דער אַלטער וועגן עפּעס אַנדערש גאָרנישט געקענט רעדן און רעגלמע-סיק צוויי מאָל אין דער וואָך באַזוכט אים. ער איז געווען זייער אַ נייגעריקער און האָט מיט זיינע שמועסן און פוסטע נאַרישע פראַגן געשטערט דעם זון צו לערנען; און דערצו פלעגט ער נאָך קומען אַמאָל אַ שיכּורער אויך.

דער אומגליקלעכער אַלטער האָט זיך נישט געקענט אָנהידושן און אָנזעטיקן מיט זיין פּעטינקען (אַזוי האָט ער גערופן דעם זון)-

כמעט שטענדיק, ווען ער פֿלעגט צו אים קומען, האָט ער אויסגעזען פֿאַרזאָרגט און ציטערדיק, זיך לאַנג געקווענקלט באַם אַרייַנגאַנג; און טאָמער פֿלעגט ער מיך כאַפּן, האָט ער שוין אַ מינוט צוואַנציק אויסגעפֿרעגט — איז וואָס־זשע מאַכט ער, פּעטינקע? איז ער געזונט? און ווי איז ער געשטימט? און צי איז ער אפֿשר מיט עפּעס וויכטיקס פֿאַרנומען? און וואָס טוט ער? שרייַבט ער, אָדער איז ער גאָר אין טיפֿע מחשבֿות פֿאַרטון? און אַז איך האָב אים שוין אין אַ געזונגנדער מאָס באַרויִקט, פֿלעגט ער זיך אָננעמען מיט מוט און שטיל — שטיל, פֿאָרזיכטיק אויפֿעפֿענען די טיר, אַרייַן אין צימער, אויסטון דאָס מאַנטל מיט דעם צעריסענעם, צעקנייטשטן, דורכגעלעכערטן היטל — דאָס אויפֿהענגען אויף אַ טשוואָק. דאָס אַלץ האָט ער אָפּגעטון שטיל און זאַכט; נאָכדעם זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און שוין נישט אָפּגעריסן קיין אויג פֿון זון. און אַז דער זון האָט אויסגערעדט צו אים אַ וואָרט, האָט ער אָפּגעענטפֿערט שטיל, און באַנוצט זיך מיט די געקליבנסטע, דאָס הייסט מיט די לעכערלעכסטע אויסדריקן, ווייל די קונסט פֿון וואָרט האָט זיך אים נישט אייַנגעגעבן. אַ צעמישטער, אַ דערשלאָגענער, האָט ער שוין נישט געוווּסט ווי אַהינצוטון די הענט, ווי אַזוי זיך צו האַלטן, געוואָלט פֿאַריכטן און לאַנג נאָך עפּעס שטילערהייט געמורמלט.

ער פֿלעגט אַמאָל אַרייַנקומען צו אונדז אויך, מיטגעבראַנגט פֿאַר מיר און סאַשען לעקעכלעך מיט עפּל און געהאַלטן אין איין רעדן וועגן פּעטינקען. ער האָט אונדז געבעטן מיר זאָלן זיך גוט לערנען און פֿאָלגן פּעטינקען, געטענהט, אַז פּעטינקע איז אַ מוסטערהאַפֿטער זון, אַ גוטער זון און דערצו נאָך אַ געלערנטער זון, און דערבייַ האָט ער אַזוי משונה צוגעווונקען מיט איין אייגל, אַזעלכע קאָמישע העוויות געמאַכט, אַז מיר האָבן זיך נישט געקענט אייַנהאַלטן, און געלאַכט, געקייכט פֿאַר געלעכטער. די מאַמע האָט אים ליב געהאַט.

דערווייל האָב איך אויפגעהערט זיך צו לערנען בא פּאָקראָוו־סקין. נאָר ער האָט מיך, לויטן אַלטן שטייגער, געהאַלטן פאַר אַ קינד, פאַר אַ פאַרשייט מיידל, צוגלייך מיט סאַשען. מיך האָט דאָס זייער פאַרדראָסן און איך האָב זיך געפלייסט מיט אַלע כּוחות צו פאַרגלעטן מיין פריערדיקע אויפפירונג. נאָר ער האָט דאָס נישט באַמערקט. מיך האָט דאָס געאַרט אַלץ מער און מער. אויסער די לערן־שעה האָב איך נישט געפּרוווט, און גאָרנישט געקענט פּרוּוון, אויסרעדן מיט אים אַ וואָרט. איך פלעג באַלד רויט ווערן, זיך פאַרלירן און שפּעטער וויינען צוליב דעם אין אַ ווינקעלע פון פאַרדרוס.

איך ווייס נישט מיט וואָס דאָס אַלץ וואָלט זיך געענדיקט, ווען אַ מאָדנער צופאַל וואָלט מיר נישט געווען מיטגעהאָלפן.

איינמאָל, אויפדערנאַכט, ווען די מאַמע איז געזעסן בא אַננאַ פעדאָראָוונאַ, בין איך שטילערהייט אַריין אין פּאָקראָווסקיס צימער. איך האָב געוווּסט, אַז ער איז נישטאָ אינדערהיים און באמת, איך ווייס אַליין נישט, וואָס מיר איז עפּעס איינגעפאַלן אַריינצוגיין צו אים. אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט האָב איך אפילו קיין איינמאָל נישט אַריינגעקוקט צו אים, כאָטש מיר האָבן דורכגעלעבט העכער אַ יאָר אין אַזאַ נאָענטער שכנות.

איך האָב זיך אַרומגעקוקט מיט גרויס בייגעריקייט. דאָס צימער האָט אויסגעזען זייער קבצניש; געווען נישט אויפגערוימט. צו די ווענט זיינען געווען צוגעשלאָגן פינף לאַנגע פּאָליצעס מיט ביכער. אויפן טיש און די בענקלעך זיינען געווען אָנגעוואָרפן פּאַפּירן, ביכער און פּאַפּירן! ער איז געווען געלערנט און איך נאַריש, גאָרנישט געקענט, גאָרנישט געלייענט, אפילו קיין איין ביכל נישט... און איך האָב געוואָרפן אַ בליק, פול מיט קנאה, אויף די לאַנגע, שווער־אָנגעלאָדענע פּאָליצעס. אַ נאָגנדיקע ערגערניש, עפּעס אַ מין משוגעת האָט מיך באַהערשט. מיך האָט אָנגענומען אַ חשק, און איך האָב די זעלבע רגע טאַקע באַשלאָסן, ווי מעגלעך באַ־

שלאָסן, ווי מעגלעך שנעלער, זיינע ביכער, אַלע ביז איינעם, איבערצולייענען. איך ווייס נישט, איך האָב אפשר אַזוי אַרום געהאָפט זיין פריינטשאַפט צו געווינען.

איך האָב זיך אַ וואָרף געטון צו אַ פּאָליצע, נישט לאַנג געטראַכט, אַ כאַפּ געטון דאָס ערשטע פאַרשטויבטע, אַלטע ביכל און, ברוין און בלוי פון פחד און אויפרעגונג, האָב איך ציטערנדיק אַוועקגעשלעפּט דאָס געגנבעטע ביכל צו זיך אין צימער אַריין און באַשלאָסן איבערצולייענען עס בײַנאַכט בײַם שיין פון נאַכט-לעמפּל.

איך בין צו זיך אין צימער געקומען, גיך אויפגעעפנט דאָס ביכל און, שטעלט זיך פאָר מיין פאַרדרוס, איך האָב דערזען אַן אַלט, צעפּוילט און פון ווערים צעפרעסן לאַטייניש געדיכט. איך האָב מיך באַלד צוריק אומגעקערט. אָבער ווי נאָר כ׳האָב געוואָלט אַרויפשטעלן דאָס ביכל אויף דער פּאָליצע, האָט זיך דערהערט אין קאָרידאָר אַ רעש און עס האָבן זיך אָנגעהויבן דערנענטערן עמעצענס טריט. איך האָב זיך צוגעאיילט, אָבער די העסלעכע ביכלעך זיינען אַזוי שטייף און ענג געווען צונויפגעשטעלט, אַז ווען איך האָב איינס אַרויסגענומען, האָבן זיך אַלע איבעריקע אַליין פון זיך פונאַנדערגערוקט און באַלד צוריק אַזוי פעסט זיך צונויפגעפרעסט, אַז פאַרן פריערדיקן חבר איז שוין נישט געבליבן קיין אָרט. איך האָב נישט געהאַט קיין כּוחות אַריינצושטופּן דאָס ביכל. און דאַמאָלס האָב איך מיט מיין גאַנצער קראַפט אַ שטופּ געטון די ביכער. דער פאַראָסטעטער טשוואָק, אויף וועלכן די פּאָליצע האָט זיך געהאַלטן און וועלכער האָט, משמעות, אויסגעקוקט אויף דער מינוט ער זאָל זיך קענען צעברעכן — האָט זיך צעבראָכן. די פּאָליצע האָט אַ פלי געטון אַראָפּ און די ביכער האָבן זיך מיט רעש אויף דער ערד אַ שאָט געטון. די טיר האָט זיך אויפגעפּראַלט און אין צימער איז אַריין פּאָקראָווסקי.

עס איז נייטיק צוצוגעבן, אַז ער האָט נישט געקענט ליידן

עמעצער זאָל זיך פּאַרען באַ אים אין צימער. ביטער איז געווען דעם, ווער עס האָט געוואַגט זיך צוצורירן צו זיינע ביכער! הײַנט שטעלט זיך פאָר מיין שרעק, ווען אַלע ביכער, קליינע, גרויסע פון פאַרשידענעם פאָרמאַט, פון פאַרשידענעם מין, האָבן זיך אַ שאָט געטון פון דער פּאָליצע, געפלויגן און געטאַנצט אין דער לופטן, אונטערן טיש, אונטער די בענקלעך, איבערן גאַנצן צימער. איך האָב געוואָלט אַנטלויפן, נאָר עס איז שוין געווען צו שפּעט. — אַ סוף, קלער איך, אַ סוף! איך בין פאַרפאַלן, איך קום אום! איך האַלט אין איין שטיפן, שטותן, ווי אַ צען-יעריק קינד; איך בין אַ נאַריש מיידל! אַ גרויסער נאַר!! — פּאַרקאָווסקי איז שרעקלעך אין כעס געוואָרן.

— נאָר דאָס האָט נאָך געפעלט! — האָט ער זיך צעשריגן. — און ווי איז אייך קיין חרפה נישט אַזוי שטיפן!... ווען וועט איר זיך שוין איינשטילן אַמאָל?

און ער האָט זיך אַ וואָרף געטון צונויפקלויבן די ביכער.

איך האָב געפּרוווט אים העלפן.

— מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט, — האָט ער געשריגן — בעסער קריכט נישט אַהין, ווו מען בעט אייך נישט.

עס האָט אים אָבער אַ ביסל אונטערגעקויפט מיין הכנעהדיקע באַוועגונג און ער האָט שוין געגעדט שטילער, נאָך אַלץ באַלערנד, אויסגענוצט דאָס פרי?ערדיקע רעכט פון אַ לערער.

— ווען-זשע וועט איר אייך באַטראַכטן, ווען-זשע וועט איר זיך איינשטילן? גיט אויף זיך אַ קוק, איר זענט דאָך שוין נישט קיין קינד, נישט קיין קליין מיידעלע, איר זענט דאָך שוין פופצען יאָר אַלט!

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז די מאַמע פּלוצלינג שטאַרק קראַנק געוואָרן. זי איז שוין צוויי טעג גישט אויפגעשטאַנען פונם בעט און אויף דער דריטער נאַכט איז זי געלעגן אין גרויסער היץ

און אָן באַוווּסטזיין. איך בין שוין איין נאַכט נישט געשלאָפן, אַכטונג געגעבן אויף דער מאַמען, געזעסן לעבן בעט, דערלאַנגט איר דאָס געטראַנק און אין באַשטימטע שעהן איינגעגעבן די רפואות. און אַז עס איז געקומען די צווייטע נאַכט, האָב איך שוין גאָר קיין כוחות נישט געהאַט. דער שלאָף האָט מיך געמאַטערט, פאַר די אויגן האָבן געשוועבט געלע און גרינע פלעקן, דער קאָפּ איז געגאַנגען כאָדאָראָם און איך בין געווען פעיִק יעדע ווײַלע צו פאַלן פון מידקייט, נאָר דער מאַמעס שוואַכע קרעכצן פלעגן מיך אויפמונטערן. איך פלעג אַ ציטער טון, אויף אַ רגע זיך אויפכאַפּן און דער דרימל האָט מיך שוין ווייטער פאַרוויגט. איך האָב מיך געמאַטערט. איך האָב זיך באמיט צו זיין וואַך, געראַנגלט זיך מיטן שלאָף און איך וויים נישט — איך קען זיך נישט דערמאַנען — נאָר עפּעס אַ שרעקלעכער חלום, עפּעס אַ גרויזאַמע זעונג האָט זיך פאָרגעשטעלט פאַר מיין צעדרייט געמיט. איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אין גרויס שרעק.

אין צימער איז געווען פינסטערלעך, דאָס נאַכט-לעמפּל האָט זיך געטיקט און פּאַסן שיין האָבן דאָ פאַרגאָסן דאָס צימער, דאָ קוים געשימערט איבער די ווענט און דאָ אינגאַנצן פאַרשוווּנדן. איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן, איך האָב אָנגעהויבן שוידערן; מיין פאָרשטעלונג איז געווען אויפגערעגט פון דעם שרעקלעכן חלום; אַן אומעט האָט מיין האַרץ צונויפגעפּרעסט... איך האָב געגעבן אַ שפּרונג און פון גרויס פּחד, פון עפּעס אַ גרויזאַם שווער געפיל, האָב איך, נישט ווילנדיק, אַ געשריי געטון. נאָר באַלד האָט זיך די טיר אויפגעעפנט און צו אונדז אין צימער איז אַריין פּאָקראָווסקי.

ער האָט מיך זאַכט אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול, דערלאַנגט מיר אַ גלאָז וואַסער און פאַרוואָרפן מיך מיט פאַרשידענע שאלות. איך געדענק נישט, וואָס איך האָב אים געענטפערט. — „איר זענט קראַנק, איר זענט אַליין זייער קראַנק", האָט ער געזאָגט און מיך אָנגענומען בײַ דער האַנט: „איר האָט היץ, איר שוינט נישט אייער

געזונט, איר ברענגט אייך אום; באַרויקט זיך, לייגט זיך, שלאָפט איין, איך וועל אייך אויפוועקן אין אַ שעה צוויי אַרום, באַרויקט זיך אַ ביסל... לייגט-זשע זיך, לייגט זיך!" האָט ער פאַרטגעזעצט און נישט געלאָזט מיך אַ וואָרט אַקעגן אויסרעדן. איך בין געווען שטאַרק מיד; די אויגן האָבן זיך פון שוואַכקייט געקלעבט. איך האָב זיך צוגעשפּאַרט אויף אַ ווייכער שטול, געוואָלט נאָר אויף אַ האַלבע שעה אַנדרימלט ווערן, נאָר איך בין אָפּגעשלאָפן ביז אינ־דערפרי. ער האָט מיך אויפגעוועקט ערשט דאַן, ווען מען האָט גע־דאַרפט דער מאַמען איינגעבן די רפואה.

אויפן אַנדערן טאָג האָב איך זיך שוין אָפּגערוט באַטאָג זיך גע־גרייט ווייטער אַ גאַנצע נאַכט צו זיצן בײַ דער מאַמעס בעט, און פעסט באַשלאָסן דאָס מאָל שוין נישט אַנטשלאָפן צו ווערן. אַ זייגער עלף האָט פּאָקראָווסקי אַנגעקלאַפּט אין אונדזער טיר. איך האָב אויפגע־עפנט. „אייך איז, מן הסתם לאַנגווייליק אַליין צו זיצן", האָט ער געזאָגט; „נאַט אייך אַ ביכל; נעמט, וועט אייך פאָרט פרייליכער זיין". איך האָב גענומען; איך געדענק שוין נישט וואָס פאַר אַ ביכל דאָס איז געווען; איך ווייס נישט צי האָב איך אין דעם ביכל אַריינ־געקוקט, כאָטש איך בין נישט געשלאָפן אַ גאַנצע נאַכט.

אין דער אַנדערער נאַכט, ווען אין שטוב האָבן זיך שוין אַלע געלייגט שלאָפן, האָט פּאָקראָווסקי אויפגעמאַכט זיין טיר, אָוועקגעשטעלט זיך אויף דער שוועל פון זיין צימער און פאַרפירט מיט מיר אַ שמועס. איך געדענק, איך האָב זיך געשעמט, זיך גע־ערגערט, געווען אויף זיך אַליין בייז און מיט אומגעדולד געוואַרט דאָס געשפּרעך זאָל זיך שוין ענדיקן, כאָטש טיף אין האַרץ האָב איך געוואָלט דאָס געשפּרעך זאָל זיך ווייטער ציִען, האָב אַ גאַנצן טאָג געטרוימט וועגן דעם און צוגעטראַכט פאַרשידענע פראַגן, ענט־פערן... איך האָב זיך מודה געווען פאַר אים, אַז מיר ווילט זיך זייער לערנען, עפּעס קענען, און אַז מיר איז פאַרדראָסיק, פאַרוואָס

ער האָט מיך נאָך אַלץ פאַר אַ קינד, פאַר אַ קליין מיידעלע...

די מאַמע האָט אָנגעהויבן קומען צו זיך, נאָר איך בין נאָך אַלץ אין די נעכט געזעסן באַ איר בעט. פּאָקראָווסקי האָט מיר אָפט געגעבן ביכער; אין אָנהייב האָב איך געלייענט נאָר כּדי נישט איינצושלאָפן, שפּעטער אויפמערקזאַמער און צום סוף מיט גרויס אינטערעס; עס האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר אָן אַ שיעור נייעס, אָן אַ שיעור אומבאַקאַנטס און אומבאַוויסטס. נייע געדאַנקען, נייע איינדריקן האָבן מיך מיט אַ ברייטן שטראָם פאַרפלייצט.

איינמאָל איז געקומען צו אונדז דער אַלטער פּאָקראָווסקי. ער איז געווען אויסערגעוויינטלעך פריילעך, אויפגעמונטערט, באַרעדעוודיק; ער האָט געלאַכט, געחכמעט זיך, פאַרשטייט זיך אויף זיין שטייגער, לאַנג געפּלוידערט און ענדלעך דערציילט די סיבה פון זיין התפּעלות. ער האָט דערקלערט, אַז פּונקט אין אַ וואָך אַרום איז פּעטינקעס געבורטסטאָג, און אַז ער וועט דאַן אומבאַדינגט קומען צום זון; אַז ער וועט אָנטון זיין ניי וועסטל און די נייע שטיוול, וואָס דאָס ווייב האָט אים צוגעזאָגט צו קויפן. מיט איין וואָרט, דער אַלטער איז געווען מלא שמחה, גליקלעך און האָט געפּלוידערט וועגן אַלץ, וואָס אים איז נאָר איינגעפאַלן.

זיין געבורטסטאָג! אָט דער געבורטסטאָג האָט מיך נישט געלאָזט רוען, נישט באַטאָג, נישט באַנאַכט. איך האָב באַשלאָסן צו געבן אים אַ באַווייז פון אונדזער פריינטשאַפט און עפּעס שענקען אים. אָבער וואָס? צום סוף האָב איך צוגעטראַכט — צו שענקען אים ביכער. איך האָב געוווּסט, אַז אים האָט זיך זייער געגלוסט האָבן די לעצטע אויסלאַגע פון פּושקינס אַלע געזאַמלטע ווערק, און איך האָב באַשלאָסן צו קויפן פּושקינען. און געהאַט האָב איך באַ זיך אַ דרייסיק רובל אייגן געלט, וואָס איך האָב פאַרדינט פון האַנט־אַרבעט, דאָס געלט האָב איך געהאַט באַהאַלטן אויף אַ ניי קלייד. און טאַקע באַלד האָב איך געשיקט אונדזער קערערין, די אַלטע מאַטרענאַ, זיך

דערוויסן וויפיל עס קאָסט גאַנץ פּושקין. שלעכט! די פּרייז פון אַלע עלף ביכער, צוזאַמען מיט די אויסגאַבן אויף איינבינדן, איז באַשטאַנען וויניקסטנס פון זעכציק רובל. ווי זשע נעמט מען געלט? איך האָב געטראַכט, געטראַכט און נישט געפונען קיין עצה. בעטן געלט ביי דער מאַמען האָט זיך מיר נישט געוואָלט. די מאַמע וואָלט מיר געוויס, אָן שום ספק, געהאָלפן; נאָר דאַמאָלס וואָלטן זיך דערוווּסט אַלע שטיפיקע וועגן דער מתנה; און די מתנה אַליין וואָלט זיך שוין פאַרוואַנדלט אין אַ דאַנק, איך אָן אָפּצאָל פאַר זיין לערנען זיך מיט מיר. און מיר האָט זיך געגלוסט שענקען אַליין, בסוד פון אַלעמען. — צום סוף בין איך געפאַלן אויף אָן איינפאַל.

איך האָב געוווּסט, אַז באַ די בוכהענדלער אין גאָסטיני-הויף קען מען אַמאָל אויך נאָך גוט זיך אַ דינג טון, קויפן פאַר אַ האַלבער פּרייז אַ וויניק אָפּגענוצט און כמעט ניי ביכל. און באַ מיר איז געבליבן אומבאַדינגט דורכצוגיין זיך אין גאָסטיני-הויף. אַזוי איז טאַקע געווען; צומאָרגנס האָט זיך אי באַ אונדז, אי באַ אַננאַ פעדאָ-ראָוונאַ אָפּגעזוכט אַ באַדערפעניש. און מען האָט געשיקט מיך; צו-זאַמען מיט מאַטרענען בין איך אַהין אַוועקגעגאַנגען.

מיר האָט געגליקט און איך האָב גיך געפונען פּושקינען אין זייער שיינע טאָוולען. איך האָב זיך אָנגעהויבן דינגען. אין אָנהייב האָט מען געזאָגט אַ פּרייז, נאָך אַ העכערע, ווי אין די געוועלבן; עס האָט מיך געקאָסט אַ סך מי, איך האָב געמוזט עטלעכע מאָל אַוועקגיין, ביז איך האָב געפועלט באַם סוחר, ער זאָל אָפּלאָזן פון דער פּרייז, און ער האָט באַגרעניצט זיינע פאָדערונגען ביז צען רובל זילבער. מיר האָט אַזוי הנאה געטון דאָס דינגען זיך!... מאַטרענאַ, נעבעך, האָט נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס איז געשען מיט מיר, פאַרוואָס איך קויף איין אַזוי פיל ביכער. נאָר שטעלט אייך פאָר מיין שרעק! איך האָב געהאַט איינגאַנצן אַ רובל דרייסיק פאַפּירן געלט, און דער סוחר האָט בשום אופן נישט געוואָלט ביליקער פאַר-

קויפן. איך בין צוגעשטאנען צו אים, געבעטן, געבעטן און סוף-כּל-סוף זיך דערבעטן. ער האָט אָפּגעלאָזט נאָר צוויי מיט אַ האַלבן, און דערביי האָט ער געשווירן, אַז ער מאַכט די הנחה נאָר צוליב מיר, ווייל איך בין אַזאַ פיינע פריילין, און אַז צוליב אַן אַנדערן וואָלט ער בשום אופן דאָס נישט געטון. עס האָט צוגעפעלט נאָך צוויי מיט אַ האַלבן רובל! איך האָב שיער נישט געוויינט פון פאַר-דרוס! נאָר אַ צופאַל האָט מיך פּלוצלינג געראַטעוועט.

נישט ווייט פון מיר, בײַ אַ צווייטן טישל מיט ביכער, האָב איך דערזען דעם אַלטן פּאָקראָווסקי. ער איז געשטאַנען אַרומגע-רינגלט פון פיר אָדער פינף בוכהענדלער; זיי האָבן אים פאַרדרייט און פאַרקלאַפּט דעם קאָפּ. יעדער איינציקער האָט זיין סחורה גע-לויבט. און וואָס אַלץ האָבן זיי אים נישט פאָרגעלייגט, וואָס אַלץ האָט ער נישט קויפן געוואָלט!

דער אַלטער, נעבעך, איז געשטאַנען אַ דערשלאָגענער צווישן זיי און נישט געוווּסט צו וואָס זיך פריִער צו נעמען. איך בין צו-געגאַנגען צו אים און געפרעגט — וואָס טוט ער דאָ?

דער אַלטער האָט זיך שטאַרק דערפרייט; ער האָט מיך זיי-ער שטאַרק, אפשר נישט ווינציקער פון פּעטינקען, ליב געהאַט.

— איר זעט, ביכער קויף איך איין, וואַרוואַראַ אַלעקסעיעוונאַ — האָט ער געענטפערט, — פּעטינקען ביכער קויף איך, אָט וועט זיין געבורטסטאָג באַלד זיין, און ער האָט ליב ביכער, איז אָט קויף איך זיי צוליב אים... — דער אַלטער האָט אַזוי אויך שטענדיק קאָמיש גערעדט און אַצינד איז ער דערצו נאָך שטאַרק צעמישט געווען. צו וואָס ער נעמט זיך נישט, קאָסט אַלץ אַ רובל, צוויי רובל, דריי רובל זילבער; צו גרויסע ביכער האָט ער שוין נישט געהאַט קיין השגה, ער האָט נאָר געוואָרפן אויף זיי אַ קוק, פול מיט קנאה, איבערגעבלעטערט זיי מיט די פינגער, איבערגעדרייט אויף אַלע זייטן און געשטעלט זיי צוריק אויף זייער אָרט.

— ניין, ניין, עס איז צו טייער — האָט ער אין דער שטיל גערעדט — סיידן פון אָט-אָ-די-אָ.

און ער האָט אָנגעהויבן איבערקלויבן דינעקע העפטלעך, לידער-זאַמלונגען, אַלמאַנאַכן; דאָס האָט געקאָסט זייער ביליק.

— צוליב וואָס קויפט איר דאָס אַלץ? — האָב איך אים געפרעגט. — דאָס איז דאָך אַלץ פּוסטע זאַכן.

— אַך, ניין, — האָט ער געענטפערט, — ניין, איר קוקט זיך נאָר גוט צו, וואָס פאַר אַ גוטע ביכער דאָ איז פאַרהאַן; זייער, זייער גוטע ביכלעך!

און די לעצטע ווערטער האָט ער אַזוי טרויעריק אויסגעצויגן, אַז איך האָב געמיינט, באַלד צעוויינט ער זיך פון פאַרדרוס און אַ טרערעלע וועט אַ טריף טון פון זיינע בלייכע באַקן אויף דער רויטער נאָז אַרויף.

— האָט איר אַ סך געלט? — האָב איך געפרעגט.

— אָט איז עס.

און דער אָרימענקער האָט אַרויסבאַקומען זיין גאַנץ געלט, וואָס איז פאַרוויקלט געווען אין אַ פאַרפעצט צייטונג-פּאַפּירל.

— אָט אין דעם האָט איר אַ האַלברובלדיקן, אַ פערציקער און צוואַנציק קאָפּעקעס קופּער.

איך האָב אים תיכּף אַוועקגעשלעפּט צו מיין טרך-פאַרקויפער.

— אָט די אַלע עלף ביכער קאָסטן אינגאַנצן צוויי און דרייסיק מיט אַ האַלבן; איך האָב דרייסיק; לייגט צו אייערע צוויי מיט אַ האַלבן, וועלן מיר קויפן אַלע ביכער און שענקען באַזאַמען.

דער אַלטער איז שיִער נישט משוגע געוואָרן פון גרויס פרייד. ער האָט אויסגעשאָטן זיין גאַנץ געלד, און דער סוחר האָט אָנגעלאָדן אויף אים אונדזער ביבליאָטעק. מיין אַלטעטשקער האָט אָנגעפּאַקט פולע קעשענעס מיט ביכער, גענומען אין ביידע הענט אַריין, אונטער די אָרעמס, געגעבן מיר דאָס וואָרט מאָרגן צו פרענגען

אַלע ביכער צו מיר, און אַוועקגעטראָגן דאָס אַלץ דערווייל צו זיך.

אויפן צווייטן טאָג איז דער אַלטער געקומען צום זון, ווי שטענדיק, געזעסן בײַ אים אַ שעה, שפּעטער אַריין צו אונדז און זיך אַנידערגעזעצט לעבן מיר. ער האָט אויסגעזען אויסערגעווייגנטלעך קאָמיש און געהיימנישפול. ער איז זייער שטאַרק געווען מיט אונדזער סוד, ער האָט געשמייכלט, געריבן זיך די הענט און באַלד מיר מודיע געווען, אַז די ביכער זיינען אומבאַמערקטערהייט איבערגעטראָגן געוואָרן צו אונדז, און זיי זיינען שוין באַהאַלטן אין אַ קיך-ווינקעלע אונטער מאַטרענעס שויך.

שפּעטער איז דאָס געשפּרעך נאַטירלעך אַריבער אויף דעם דערוואַרטעטן יום-טוב.

דער אַלטער האָט זיך צערעדט וועגן דעם, אויף וואָס פאַר אַן אופן מיר וועלן שענקען די ביכער, און וואָס ווייטער ער האָט זיך פאַרטיפט אין דעם ענין, וואָס מער ער האָט גערעדט וועגן דעם, אַלץ קלערער איז מיר געוואָרן, אַז ער האָט עפּעס אויפן האַרץ, נאָר קען נישט, וואַגט נישט, און האָט אפילו מורא דאָס אַרויסצוזאָגן. איך האָב געוואַרט און געשוויגן. די געהיימע פרייד, די געהיימע צופרידנהייט, וואָס איך פלעג ביז אַצינד לייענען אין זיינע מאָדנע העוויות, אין זיין קרימען זיך, אין זיין אונטערווינקען מיטן לינקן אויג, איז פאַרשוווּנדן. ער איז געוואָרן אַלץ אומעטיקער און אומרויִקער; צום סוף האָט ער נישט אויסגעהאַלטן.

— הערט נאָר — האָט ער שטיל און נישט זיכער אָנגעהויבן; — הערט נאָר, וואַרוואַראַ אַלעקסעיעווּנאַ... ווייסט איר גאָר וואָס, וואַרוואַראַ אַלעקסעיעווּנאַ?... — דער אַלטער איז געווען שרעקלעך צעמישט. — זעט איר: נעמט זיך צען ביכלעך, און אַז עס וועט קומען זיין געבורטסטאָג, וועט איר אים אַליין שענקען, דאָס הייסט פון זיך, פון אייער זייט; און איך וועל דעמאָלס נעמען איין ביכל, דאָס עלפטע, און וועל אויך שענקען פון זיך, דאָס הייסט

אייגנטלעך פון מיין זייט. איז אָט זעט איר — ווען איר האָבן וואָס צו שענקען און איך וועל האָבן וואָס צו שענקען; וועלן מיר ביידע האָבן וואָס צו שענקען.

דאָ האָט ער זיך פאַרפּלאָנטערט און איז שטיל געבליבן. איך האָב אַ קוקגעטון אויף אים; ער האָט מיט מורא געוואַרט אויף מיין ענטפער.

— אָבער פּאַרוואָס-זשע ווילט איר נישט, אַז מיר זאָלן צוזאַמען שענקען, זאַכאַר פּיעטראָוויטש?

— אָט אַזוי, וואַרוואַרא אַלעקסעיעוונאַ, אַזוי איז עס שוין... — איך בין דאָך אַ ביסל דאָס.. — מיט איין וואָרט, דער אַלטער האָט זיך פאַרלוירן, איז רויט געוואָרן, זיך פאַרטשעפּעט באַם וואָרט און נישט געקענט אַרויסקריכן.

— זעט איר, — האָט ער צום סוף דערקלערט. — איך, וואַרוואַרא אַלעקסעיעוונאַ, האָב אַ שוואַכקייט אַזעלכע און גיב זיך נאָך... ד. ה., איך האָב אייך געוואָלט דערקלערן, אַז איך גיב זיך אַלץ נאָך, אַז שטענדיק גיב איך זיך נאָך... בין געכאַפּט אין דער מעשה... ד. ה., פאַרשטייט איר, טרעפט זיך, אַז אין דרויסן איז קאַלט, אומאָנגענעמלעכקייטן פאַרשידענע מאַכן זיך, אָדער עס ווערט דיר עפּעס אומעטיק, אָדער עפּעס שלעכטס פּאַסירט — אין אַזאַ שעה קען איך זיך שוין נישט איינהאַלטן, זאָג זיך נישט אָפּ, טרינק אויס און כאַפּ אָפּט אַריבער די מאָס. פּעטינקען איז דאָס זייער נישט אָנגענעם. איז דערפאַר טאַקע וואָלט זיך מיר געגלוסט אים מיט מיין מתנה דערוויזן, אַז איך ווער בעסער, אַז איך הייב זיך אָן אויפצופירן גוט; אַז איך האָב אַ קאָפּעקע צו אַ קאָפּעקע געקליבן, כדי אים אַ ביכל צו קויפן, לאַנג געקליבן, ווייל קיין געלט האָב איך כמעט קיינמאָל נישט, סיידן פּעטרושאַ גיט עפּעס אַמאָל. ער ווייסט דאָס. און אַזוי אַרום וועט ער דערזען אויף וואָס איך האָב דאָס געלט אויסגעגעבן און זיך דערוויסן, אַז צוליב אים אַליין טו איך דאָס אַלץ.

איך האָב געהאַט גרויס רחמנות אויף דעם אַלטן. איך האָב נישט לאַנג געטראַכט. דער אַלטער האָט געקוקט אויף מיר.

— הערט, זאַכאַר פּעטראָוויטש — האָב איך געזאָגט: — איר וועט אים שענקען אַלע.

— ווי אַזוי אַלע? ד. ה. אַלע ביכלעך?

— נו יאָ, אַלע ביכלעך.

— פון מיר?

— פון אייך.

— פון מיר אַליין? ד. ה. פון מיין נאָמען?

— נו יאָ, פון אייער נאָמען...

איך האָב, דאַכט זיך, גאַנץ קלאָר גערעדט, נאָר דער אַלטער האָט לאַנג נישט געקענט פאַרשטיין.

— נו יאָ, — האָט ער פאַרטראַכטערהייט געזאָגט, — יאָ! דאָס וואָלט זייער גוט געווען, דאָס וואָלט באמת גוט געווען, אָבער וואָס־זשע וועט זיין מיט אייך, ווארוואַרא אַלעקסעיעוונאַ?

— נו, און איך וועל גאָרנישט שענקען.

— וואָס הייסט! — האָט דער אַלטער כמעט אַ דערשראָקענעם געשריי געטון — איר וועט פעטינקען גאָרנישט שענקען? ווילט איר אים טאַקע גאָרנישט שענקען?

דער אַלטער האָט זיך אינגאַנצן דערשראָקן; ער איז, דאַכט זיך, גרייט געווען זיך אָפּצוזאָגן פון זיין פאָרשלאַג, כדי אויך איך זאָל קענען זיין זון עפּעס שענקען. זייער אַ גוטער איז דער אַלטער געווען! איך האָב אים פאַרזיכערט, אַז איך וואָלט מיט פרייד געגעבן עפּעס זיין זון, נאָר איך וויל נישט צונעמען בא אים דאָס פאַרגעניגן.

— אַז אייער זון וועט זיין צופרידן, — האָב איך צוגעגעבן — און איר וועט זיין צופרידן, וועל איך אויך זיין צופרידן,

ווייל בסוד, טיף אין הארץ, וועל איך זיך פילן פונקט אַזוי, ווי איך אַליין וואָלט געווען געשענקט.

דאָס האָט דעם אַלטן אינגאַנצן באַרויִקט. ער איז נאָך געווען בא אונדז אַ שעה צוויי, די גאַנצע צייט נישט געקאָנט איינזיצן אויף איין אָרט, געפּאָרעט זיך, גערעשט, געשטיפּט מיט סאַשען, שטילער-הייט מיך געקושט, געצופּט מיך בא דער האַנט און נאָכגעקרומט פון הינטן אַננאַ פעדעראָוונע. ענדלעך האָט אים אַננאַ פעדעראָוונאַ אַרויסגעטריבן. מיט איין וואָרט, דער אַלטער, קאָן זיין, האָט זיך נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן אַזוי נישט אַ שפּיל געטון, אַזוי באַגייסטערט געווען, ווי דאָס מאָל.

אין דעם פייערלעכן טאָג איז ער געקומען פונקט עלף אַ זייגער, גלייך פון קלויסטער, אין אַ גוט פאַריכטן פראַק און טאַקע אין אַ נייעם וועסט און נייע שטיוול. אין יעדער האַנט האָט ער געהאַלטן אַ פּעקל ביכער. מיר אַלע זיינען געזעסן בא אַננאַ פעדאָראָוונאַ אין זאַל און געטרונקען קאַווע (עס איז געווען זונטיק).

דער אַלטער האָט אָנגעהויבן, דאַכט זיך, פון דעם, אַז פּושקין איז געווען אַ גאַנץ גוטער דיכטער; נאָר באַלד האָט ער זיך פאַר-פּלאָנטערט און פלוצלינג אָנגעהויבן שטאַמלען וועגן דעם, אַז מען מוז זיך גוט אויפפירן און אַז אַ מענטש פירט זיך שלעכט, הייסט דאָס, אַז ער גיט זיך נאָך; און אַז שלעכטע איינגנשאַפטן ברענגען אום און מאַכן אַ תל פון מענטש; ער האָט אפילו אויסגערעכנט עטלעכע ביישפילן פון שלעכטע געוווינהייטן און געענדיקט דערמיט, אַז זינט אַ שטיקל צייט, האָט ער זיך זייער געענדערט און פירט זיך אויף מוסטערהאַפט גוט.

איך האָב מיך צוגעהערט צו דעם אומגליקלעכן אַלטן און זיך נישט געקענט איינהאַלטן פון לאַכן און וויינען; ער איז אָבער אַ בריה געווען ליגנט צו זאָגן, אַז עס איז אויסגעקומען! די ביכער זיינען איבערגעטראָגן געוואָרן אין פּאָקראָווסקיס צימער אַריין און

דאָרט אַוועקגעשטעלט געוואָ־ן אויף דער פּאָליצע. פּאָקראָווסקי האָט באַלד פאַרשטאַנען דעם אמת. דעם אַלטן האָט מען איינגעלאַדן צום מיטאָג. דעם טאָג זיינען מיר אַלע זייער פריילעך געווען. נאָך מיטאָג האָבן מיר געשפּילט אין קאָרטן און אין פאַרשידענע שפּילן; סאַשע האָט געשטיפט, איך בין איר נישט אונטערשטעליק געבליבן.

און אַצינד הייבן זיך שוין אָן טרויעריקע און שווערע זכרונות; אַצינד הייב איך אָן צו דערציילן וועגן מיינע שלעכטע טעג. און אפשר דערפאַר באַוועגט זיך לאַנגזאַמער מיין פען, פּונקט ווי זי וואָלט זיך געוואָלט אָפּזאָגן פון שרייבן ווייטער. דערפאַר, אפשר, האָב איך מיט אַזאַ באַגייסטערונג און ליבע איבערגעקליבן אין מיין זכרון אַלע פּרטים פון די גליקלעכע טעג, אַלע פּרטים פון זייער לעבנסשטייגער. די טעג זיינען געווען אַזוי קורץ; אויף זייער אָרט זיינען געקומען צרות, שוואַרצע צרות און איין גאָט ווייסט, ווען זיי וועלן זיך ענדיקן.

מיינע אומגליקן האָבן זיך אָנגעהויבן מיט דער קרענק און טויט פון פּאָקראָווסקין.

ער איז קראַנק געוואָרן אין צוויי חדשים אַרום נאָך די לעצטע געשעענישן, וואָס איך האָב באַשריבן. אין משך פון די צוויי חדשים האָט פּאָקראָווסקי נישט אויפגעהערט זוכן זיך לעבנס-מיטלען, ווייל ביז אַצינד האָט ער נאָך אַלץ נישט געהאַט קיין באַשטימט פאַרדינסט. ער האָט זיך, ווי אַלע שווינדזיכטיקע, ביז דער לעצטער רגע נישט צעשיידט מיט דער האָפענונג צו לעבן לאַנג. ער האָט געקענט קריגן אַן אָרט פון אַ לערער, נאָר צו דעם פאַך האָט ער געפילט אַן עקל. אַרבעטן אין אַ מלוכה-אַנשטאַלט האָט אים זיין שוואַך געזונט נישט דערלויבט. דערצו וואָלט אים נאָך אויסגעקומען לאַנג צו וואַרטן אויף דעם ערשטן געהאַלט. מיט איין וואָרט, פּאָקראָסקי האָט זיך נישט געקענט קיין עצה געבן; זיין כאַראַקטער איז קאַליע געוואָרן. זיין געזונט האָט זיך פאַרערגערט; ער האָט

דאָס נישט באַמערקט. עס איז געווען האַרבסט, ער פלעגט אַרויס־גיין יעדן טאָג אין לייכטן מאַנטל צוליב זיינע געשעפטן — ערגעץ בעטן, אויסוויינען אַ שטעלע און דאָס האָט אים אינגערלעך זייער געפייניקט; ער פלעגט זיך נעצן די פיס, ווייקן זיך אונטערן האַרבסט־רעגן און צום סוף זיך אין בעט אַריינגעלייגט און מער שוין נישט אויפגעשטאַנען... געשטאָרבן איז ער אין טיפן האַרבסט, אין סוף פון חודש אָקטאָבער.

ער איז געווען זעלטן באַם באַוווסטזיין; אָפט גערעדט פון היץ; גערעדט, איין גאָט ווייסט וועגן וואָס: וועגן זיין שטעלע, וועגן זיינע ביכלעך, וועגן מיר, וועגן זיין פאָטער... די לעצטע נאַכט איז ער גאָרנישט באַ זיך אין די הענט געווען; ער האָט שרעקלעך געליטן, געמאַטערט זיך; זיינע קרעכצן האָבן אַרויסגענו־מען מיין נשמה: אַלע שטוביקע זיינען געווען דערשראָקן. מען האָט געבראַנגט אַ דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אַז ער וועט נאָך די נאַכט שטאַרבן.

דער אַלטער פּאָקראָווסקי האָט אַ גאַנצע נאַכט פאַרבראַנגט אין קאָרידאָר, באַ דער שוועל פון דעם זונס צימער; מען האָט צו־ליב אים דאָרט אויסגעשפּרייט עפּעס אַ ראָגוזשע. יעדער ווייִלע איז ער אַריין אין צימער. עס איז אַ שרעק געווען אויף אים צו קוקן. ער איז געווען אַזוי דערשלאָגן, אַז עס האָט זיך געדאַכט, ער פאַר־שטייט נישט און פילט גאָרנישט. דער קאָפּ האָט זיך באַ אים גע־טרייסלט. ער האָט געציטערט מיטן גאַנצן לייב און אַלץ געמורמלט, געטענהט וועגן עפּעס מיט זיך אַליין. איך האָב געמיינט, אַז ער איז פון די צרות פון זינען אַראָפּ.

פאַרטאָג איז דער אַלטער, אַ מידער פון דער גרויסער ווײ־טיק, אַנטשלאָפן געוואָרן אויף זיין ראָגוזשע, ווי אַ דערהרגעטער. אַכט אַ זייגער האָט דער זון אָנגעהויבן גוססן; איך האָב אויפגע־וועקט דעם פאָטער. פּאָקראָווסקי איז געווען באַ זיינע פולע געדאַנ־

קען און האָט זיך מיט אַלע געזעגנט. מאָדנע! איך האָב נישט געקענט וויינען; נאָר מיין האַרץ האָט שיִער נישט געפּלאַצט.

מער פאַר אַלץ האָבן מיך אויסגעמאַטערט די לעצטע מינוטן. נר האָט מיט זיין פאַרגליווערטער צונג לאַנג, לאַנג עפּעס געבעטן, אָבער איך האָב גאָרנישט געקענט פאַרשטיין. מיין האַרץ האָט געבלוטיקט! אַ גאַנצע שעה איז ער געווען אומרויִק, געפּלאָגט זיך, געפּרווט געבן צייכנס מיט זיינע קאַלטע הענט און שפּעטער אַנגסטלעך, הייזעריק, ווייטער עפּעס געבעטן; נאָר אַלע זיינע ווערטער זיינען געווען נישט קיין קלאָרע קלאַנגען און איך האָב זיי נישט געקענט פאַרשטיין.

ענדלעך האָב איך פאַרשטאַנען, וואָס ער האָט געוואָלט. ער האָט געבעטן איך זאָל אויפהייבן די פאָרהאַנג ביים פענסטער און עפענען די לאָדן. ער האָט, מן הסתם, געוואָלט דאָס לעצטע מאָל אַ קוק טון אויפן טאָג, אויף גאַטס וועלט און אויף דער זון.

איך האָב אויפגעהויבן די פאָרהאַנג; נאָר דער שאַריענדיקער טאָג איז, ווי דאָס אויסגייענדיקע לעבן פון דעם גוססדיקן, געווען טרויעריק און אומעטיק. קיין זון איז נישט געווען די וואָלקן האָבן פאַרדעקט דעם הימל און אים פאַרנעפּלט; דער הימל איז געווען אַ רעגנדיקער, טרויעריקער און חושכדיקער. אַ דראָבנע רעגנדל האָט געטריפט אין די פענסטער און זיי געשווענקט מיט מיט ריינעלעך קאַלטן, קויטיקן וואַסער; עס איז געווען פינסטערלעך, גרוילעך. שטראַלן פון דעם בלאַסן טאָג זיינען קוים־קוים אַריינגעדרונגען אין דעם צימער, קוים-קוים בייגעקומען די ציטערדיקע שיין פון דעם קליינעם לעמפּל, וואָס איז געווען אָנגעצונדן אונטערן הייליקן בילד, דער גוססדיקער האָט אויף מיר אַ קוק געטון, טרויעריק — טרויעריק אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און איז אין אַ מינוט אַרום אויסגעגאַנגען.

מיטן איינאָרדנען די לוויה האָט זיך אַננאַ פעדעראָוונאַ אַליין

פאַרנומען. מען האָט אַ פּשוטע, פּשוטע טרומנע געקויפט אין אַ משא־וואָגן געדונגען. כּדי צו באַוואָרענען זיך מיט די הוצאות, האָט אַננאַ פעדעראָוונאַ פאַרקאַפט די זאַכן און אַלע ביכער פון דעם פאַרשטאָר־בענעם. דער אַלטער האָט זיך מיט איר געקריגט, געטומלט, צוגענומען וויפיל ער האָט נאָר געקענט, ביכער, אַנגעשטופּט מיט זיי אַלע קעשענעס, דאָס היטל, געלייגט, ווו עס האָט זיך נאָר געלאָזט, אַרומגעטראָגן זיך מיט זיי די גאַנצע דריי טעג און זיך נישט צעשיידט מיט זיי אַפילו ווען מען האָט געדאַרפט גיין אין קלויסטער אַריין. די גאַנצע צייט איז ער געווען ווי אַ משוגענער, ווי אַ דולער, און האָט זיך פאַרזאָרגט געפאָרעט אַרום דער טרומנע; פאַריכט דאָס קרענצל, אָנגעצונדן און פאַרלאָשן די ליכט, מען האָט געזען, אַז זיינע געדאַנקען קענען זיך נישט אָפּשטעלן אויף איין זאַך.

אין קלויסטער זיינען נישט געווען, נישט די מאַמע, נישט אַננאַ פעדאָראָוונאַ. די מאַמע איז קראַנק געווען, און אַננאַ פעדאָ־ראָוונאַ איז שוין גרייט געווען צו גיין, האָט זי זיך צעקריגט מיטן אַלטן פּאָקראָווסקין און געבליבן אינדערהיים. געווען בין נאָר איך און דער אַלטער. בשעת דער תּפילה איז מיך אַזאַ שרעק באַפאַלן, אַז איך בין קוים אייגעשטאַנען אין קלויסטער.

ענדלעך האָט מען פאַרמאַכט די טרומנע, זי פאַרקלאַפּט, אוועק־געשטעלט אויפן וואָגן און אָוועקגעפירט. איך האָב אים באַגלייט נאָר ביזן סוף גאַס. דער פורמאַן איז געפאָרן גיך. דער אַלטער איז נאָכגעלאָפן און האָט הויך געוויינט; זיין געוויין האָט געציטערט און זיך איבערגעריסן פונם לויפן. דער אומגליקלעכער האָט פאַרלוירן זיין היטל און זיך נישט אָפּגעשטעלט עס אויפהייבן. זיין קאָפּ האָט זיך געווייקט אונטערן רעגן; דער ווינט האָט זיך געשטאַרקט אַ פרעסטל האָט געשמיסן אין פּנים אַריין און עס געשטאָכן. דער אַלטער האָט, דאַכט זיך, נישט געפילט דאָס שלעכטע וועטער און איז מיט אַ גע־וויין פון איין זייט וועג אויף דער אַנדערער אַריבערגעלאָפן. די

פּאָלעס פון זיין אַלטן סורדוט האָבן געפלאַטערט אויפן ווינט ווי פליגל. פון אַלע קעשענעס האָבן אַרויסגעסטאַרטשעט ביכער; אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ גרויס בוך און ער האָט עס פעסט אַרומגעהאַלטן. פאַרבייגייער האָבן אַראָפּגענומען די היטלען, זיך געצלמט. אייניקע האָבן זיך אָפּגעשטעלט און זיך געחידושט אויפן אומגליקלעכן. די ביכער זייבען יעדער ווײַלע פון די קעשענעס גלייך אין דער בלאָטע אַריין. מען האָט אים אָפּגעשטעלט, אָנגעוויזן; ער האָט זיי אויפגעהויבן און זיך געלאָזט נאָכיאָגן די טרומנע. אין ראָג איז צו אים אַן אַלטע בעטלערין צוגעשטאַנען. דער וואָגן האָט פאַרקערעוועט און איז פאַרשוווּנדן פון מיינע אויגן. איך בין אַוועק אַהיים. איך בין צוגעפאַלן צו דער מאַמען, שטאַרק, שטאַרק זי אַרומגענומען, געקושט זי און הויך געוויינט, געציטערט, געטוליעט זיך צו איר, געוואָלט אין מיינע אָרעמס איינהאַלטן מיין איינציקן פריינט, אים נישט אַוועקגעבן דעם טויט... נאָר דער טויט האָט שוין אויך אויף מיין אָרימער מוטער געלויערט!...

די הונדערטיעריקע.

די הונדערטיעריקע

דעם הײַנטיקן פֿרימאָרגן האָב איך מיך עפּעס שטאַרק פֿאַרשפּעטיקט, — האָט מיר די טעג דערצײַלט אײנע אַ פֿרוי, — עס איז שוין געווען כמעט נאָך האַלבן טאָג, ווען איך בין אַרויס פֿון שטוב און, ווי אויף צו להכעיס, האָבן זיך בײַ מיר אָנגעזאַמלט אַן אַ שיעור זאַכן צום דערלײדיקן. גראָד אויף ניקאָלאַיעווער גאַס האָב איך באַדאַרפֿט זײַן אויף צוויי ערטער, אײנס לעבן אַנדערן, פֿריער — אין ביוראָ, און באַלד באַם טויער פֿון דעם הויז האָב איך געטראָפֿן אָט די אַלטעטשקע. זי האָט אויסגעזען אַזוי אַלט: אַן אײנגעהויקערטע, מיט אַ שטעקעלע, גאָר פֿונדעסטוועגן האָב איך נאָך אַלץ ווי געהעריק נישט אָפּגעשאַצט די צאָל פֿון אירע יאָרן. זי האָט זיך צוגעשאַרט צום טויער און דאָ אין אַ ווינקל צוגעזעצט זיך אָפּרוען אויף אַ בענקעלע. איך בין אַזוי פֿאַרבײַגעגאַנגען און נישט געלײגט קײן אַכט אויף איר.

אין אַ צען מינוט אַרום גײ איך אַרויס פֿון ביוראָ, און ווײַטער מיט צוויי הײַזער איז דאָס געווען, אין וועלכן איך האָב נאָך פֿאַראַכטאָגן באַשטעלט שיך פֿאַר סאָניען, ווײַל איך זײ שוין אין אײן וואָך אָפּנעמען, און איך לאָז זיך גײן אַהין, און אָט דערזע איך יענע אַלטעטשקע האָט זיך צוגעשפּאַרט שוין לעבן דעם הויז און

ווידער אויף אַ טויער-בענקעלע, זיצט און קוקט אויף מיר; איך האָב אַ שמייכל געטון צו איר, אַריין — גענומען די שיך. נו, דערווייל איז אַ דריי, פיר מינוט אַדורך — דערנענטער איך מיך שוין צו נעווסקי צו, איך טו אַ קוק — מיין אַלטעטשקע איז שוין בײַ אַ דריטער שטוב, אויך בײַם טויער, נאָר אַצינד שוין נישט אויף קיין בענקעלע, נאָר אויף אַן עק מויער-וואַנט אָנגעשפּאַרט, קיין בענקעלע איז גראָד בײַ דעם טויער נישט געווען. איך האָב זיך פּלוצלינג, נישט ווילנדיק, אָפּגעשטעלט לעבן איר: וואָס איז דאָס, טראַכט איך, בײַ יעדן הויז זעצט זי זיך אַנידער?

— מיד געוואָרן, זאָג איך, אַלטעטשקע?

— איך ווער מיד, האַרצעניו, רק איך ווער מיד. איך קלער מיר: וואָרים דאָס זונעלע שיינט, לאָמיך זיך דורכשפּאַצירן צו מיינע אייניקלעך, אַ מיטאָג אָפּעסן.

— הייסט עס, גייסטו, באָבעניו, מיטאָג אָפּעסן?

— אַ מיטאָג אָפּעסן, טייערענקע, אַ מיטאָג אָפּעסן.

— דו וועסט דאָך נישט דערגיין.

— ניין, איך וועל דערגיין, איך וועל אָפּגיין אַ ביסל און וועל זיך אָפּרוען, שפּעטער אויפשטיין און ווייטער שפּאַנען.

באַטראַכט איך זי, און עס ווערט מיר שטאַרק טשעקאַווע. אַן אַלטענקע, אַ קליינע, אַ ריינע, מיט אַפּגעטראָגענע בגדים, פון פּראָסטן גראָד ווייזט אויס, מיט אַ שטעקעלע, דאָס פּנים אַ בלייכס, אַ געלס, צו די ביינער אַ צוגעטרוקנטס; די ליפּן בלאַס, — אַ מומיע עפּעס, זיצט זיך — שמייכלט, און די זון שיינט איר גלייך אין פּנים אַריין.

— ביסט אַוודאי, באָבעניו, זייער אַלט, — טרייב איך קאַטאָוועס.

— הונדערט פיר יאָר, ליבענקע, הונדערט פיר יאָר אַלט, אָט דאָס איז סך הכל — (ווערטלט זי זיך אויך...) און דו וווהין גייסט?

קוקט זי אויף מיר — לאַכט, האָט זיך דערפרייט, ווייזט אויס, מיט דער געלעגנהייט זיך אַ ביסל דורכצושמועסן מיט עמעצען, נאָר עפּעס מאָדנע האָט געקלונגען באַ דער הונדערטיעריקער די פראַגע — וווהין איך גיי, פּונקט ווי עס איז איר זייער נייטיק דאָס צו וויסן.

— זעסט באַבעניו, — לאַך איך אויך, — געקויפט שיכעלעך פאַר מיין מיידעלע, טראָג איך זיי אַהיים.

— אַט פּיצענקע, די שיכעלעך דיינע, אַפּנים אַ קליינענקע מיידעלע האָסטו. אַט דאָס איז פיין. און נאָך קינדערלעך האָסטו?

און לאַכט אַלץ, קוקט. די אויגן פאַרלאָשן, כמעט טויטע, און דאָך שטראָמט עפּעס אַרויס פון זיי אַ שטראַל אַ וואַרעמער.

— באַבעניו, ווילסט, נעם באַ מיר דעם צענער. אַ זעמעלע קויף דיר, — און איך גיב איר אַ צענער.

— וואָס עפּעס גיסטו מיר אַ צענער? מילא, אַ דאַנק, איך וועל שוין נעמען באַ דיר דעם צענער.

— טאָ נאַדיר, באַבעניו, האָב קיין פאַריבל נישט.

זי האָט גענומען. קענטיק, זי בעטלט נישט, איז דערצו נישט געבערענגט געוואָרן, און גענומען האָט זי פיין, אַזוי, נישט ווי קיין נדבה, נאָר גלאַט אַזוי, אויס העפלעכקייט אָדער גוטהאַרציקייט. און אפשר איז איר דאָס זייער צום האַרץ געווען, ווייל ווער וועט דאָרט פאַרפירן אַ שמועס מיט אַן אַלטער, און דאָ, נישט נאָר מען רעדט מיט איר, נאָר מען זאָרגט נאָך אַפילו מיט ליבשאַפט וועגן איר.

— נו, אַ גוטן, — זאָג איך, — דערגיי דיר געזונטערהייט.

— איך וועל שוין דערגיין, ליבענקע, איך וועל דערגיין. געוויס דערגיין. און צו דיינע אייניקלעך גיי מיר דיר — האָט זיך די אַלטענקע פאַרפּלאָנטערט, פאַרגעסן, אַז איך האָב אַ טאָכטער, נישט קיין אייניקל, געמיינט, ווייזט אויס, אַז אַלע האָבן שוין אייניקלעך. איך בין מיר אָוועק, צום לעצטן מאָל אויסגעדרייט דעם קאָפּ און

דערזען, ווי די אַלטעטשקע הייבט זיך אויף, פּאַמעלעך, אָנגעשטרענגט, טוט אַ קלאַפּ מיטן שטעקעלע און שלעפּט זיך אַוועק אַראָפּ מיט דער גאַס. זי וועט נאָך אויפן וועג אפשר אַ מאָל צען זיך אָפּרוען, ביז זי וועט צו די אירעקע דערקריכן „אַפּעסן״. און וווהין גייט זי דאָס עסן מיטאָג? עפּעס אַזאַ מאָדנע אַלטעטשקע.

די מעשה האָב איך אין דעם זעלבן פרימאָרגן אויסגעהערט — אייגנטלעך איז דאָס גאָר קיין מעשה נישט, נאָר גלאַט עפּעס אַן איינדרוק פון אַ באַגעגעניש מיט אַ הונדערטיעריקער. (באמת טאַקע, ווען וועסטו טרעפן אַ הונדערטיעריקע און נאָך מיט אַזוי פיל לעבן?) און איך האָב אָן איר לחלוטין פאַרגעסן, און שוין שפּעט באַנאַכט, ווען איך האָב דורכגעלייענט און אוועקגעלייגט אין דער זייט אַן אַרטיקל פון אַ צייטשריפט, האָב איך זיך פּלוצלינג דערמאָנט אָן דער אַלטענקער און גלייך מיר פאַרגעשטעלט דעם המשך, ווי אַזוי זי איז געקומען צו די אירעקע אויף מיטאָג: עס איז אַרויסגעקומען אפשר אַן אַנדער, אָבער זייער צום אמת נאָענט קליין בילדל.

די אייניקלעך אירע, און אפשר גאָר אוראייניקלעך, נאָר זי רופט זיי בלויז אייניקלעך, פּאָך-מענער, מן הסתם משפּחה-מענטשן, פאַרשטייט זיך, אַ בישט וואָלט זי דאָך נישט געגאַנגען צו זיי אויף מיטאָג, וווינען אין אַ קעלער, אָדער האָבן ערגעץ אַ שערעריימענטשן אוודאי אָרעמע, נאָר פונדעסטוועגן קומען זיי אַדורך און פירן זיך אָנשטענדיק.

דערקראָכן איז זי צו זיי ערשט אַ זייגער צוויי. מען האָט זי נישט דערוואַרט, נאָר גאַנץ זיכער באַגעגנט זייער פריינטלעך.

— זע נאָר, מאַריאַ מאַקסימאָוונאַ איז דאָ; קום נאָר אַריין, קום אַריין, ברוך הבא!

די אַלטעטשקע גייט אַריין, שמייכלט, דאָס גלעקל בײַ דער טיר קלינגט נאָך לאַנג שאַרף און דין. איר אייניקל איז, מן הסתם דעם שערערס ווייב. ער אַליין איז נאָך נישט קיין אַלטער מאַן, פון

אַ יאָר פינף און דרייסיק. לויט דעם פּאַך זיינעם, אַ מענטש אַ גע־לאַסענער, כאָטש דאָס פּאַך איז אַ לייכטזיניקס, און גאַנץ זיכער שוין אין אַ סורדוט זייער אַ פאַרשמאָלצענעם פון פעטס, אָדער מיט עפּעס אַנדערש. איך ווייס נישט, נאָר אַנדערש האָב איך קיין „שערער" נישט געזען, אויסער מיט אַן אויסגעשמירטן קאָלנער.

דריי קליינענקע קינדערלעך — אַ יונגעלע מיט צוויי מיידע־לעך — רינגלען באַלד אַרום די אורבאָבע. אַזעלכע זייער אַלטע זקנות רעדן זיך, געוויינטלעך, זייער נאָנט צונויף מיט קינדער: זיי ווערן אַליין ענלעך צו קינדער, באַקומען אַליין אַ קינדערשע נשמה.

די אַלטעטשקע זעצט זיך; בײַ די באַלעבאַטים איז דאָ עפּעס אַ באַקאַנטער זייערס, אַ מאַן פון אַ יאָר פערציק, געקומען צו גאַסט, אָדער געשעפטלעך און קלייבט זיך שוין אַוועקצוגיין. און נאָך איז ביי זיי עפּעס אַ קרוב צו גאַסט, אַ שוועסטערס אַ זון, אַ זיבצען יאָ־ריקער יונג, וואָס וויל אין אַ דרוקעריי אַריינטרעטן. די אַלטעטשקע צלמט זיך, זעצט זיך און קוקט זיך איין אין דעם גאַסט:

— אָך בין איך מיד! און ווער איז דאָס?

— ווער איך בין? — שמייכלט דער גאַסט, — וואָס איז דאָס מאַריאַ מאַקסימאָוונאַ, איר האָט מיך נישט דערקענט. מיט צוויי יאָר צוריק האָבן מיר זיך דאָך צוזאַמען געקליבן אין וואַלד אַריין נאָך געהילץ צו גיין.

— עך דו, איך קען דיך, חוזק מאַכסטו. איך געדענק שוין דיך, איך קען מיך נאָר נישט דערמאַנען, ווי מען רופט דיך, ווער דו ביסט, אָבער אַיך געדענק. אָך, עפּעס האָב איך זיך שטאַרק פאַרמאַטערט.

— און וואָס איז דאָס מיט אייך, מאַריאַ מאַקסימאָוונאַ, טייע־רע מיינע, איר וואַקסט דאָך גאָרנישט, פאַרוואָס איז דאָס, וואָלט איך אַ בעלן געווען צו וויסן — ווערטלט זיך דער גאַסט.

— גיי שוין, גיי, — לאַכט די אַלטעטשקע, ווי ס'זעט אויס זייער אַ צופרידענע.

— איך בין, מאַריאַ מאַקסימאָוונאַ, אַ מענטש נישט קיין שלעכטער.

— און מיט אַ גוטן מענטש איז זיך דורכצוריידן טשעקאָווע. אָך, מאַמע טרייע, עפּעס שווער דעם אָטעם צו כאַפּן. און סערע־זשענקען האָט איר, ווייסט אויס, אַ ניי מלבושל געמאַכט.

זי ווייזט אָן אויפן קליינעם.

דער קליינער, אַ געפּאַקטער, געזונטער יונג, שמייכלט ברייט און רוקט זיך נענטער צו; ער טראָגט אַ ניי גרוי מאַנטל און איז נאָך אַלץ נישט גלייכגילטיק דערצו. צוגעוויינען וועט ער זיך צום נייעם בגד ערשט אין אַ וואָך אַרום, און דערוויל באַטראַכט ער יעדע רגע אין אַ שפּיגל די לאַצן, דעם קאָלנער און בכלל זיך אין זיין גאַנצער גרייס און איז פול מיט אַכטונג צו זיך אַליין.

— קום דאָ אַהער, גיב דיך נאָר אַ דריי, — פּלאַפּלט די שע־רערקע, דו קוק גוט, מאַקסימאָוונאַ, וואָס פאַר אַ מלבושל מיר האָבן דאָס געמאַכט: זעקס רובל, נישט ווינציקער, זאָגט מען אונדז באַ פּראָכאָריטשן, ביליקער לוינט גאָרנישט אָנצוהייבן, איר וועט אַליין שפּעטער דאָס באַדויערן, און דאָס וועט זיך שוין נישט צערייסן. דו זעסט אַ שטאָף! דריי זשע דיך אויס! און דער אונטערשלאַק, ווי שטאַרק, ווי פעסט, דריי זשע דיך אויס! אָט אַזוי אַ צערינט דאָס געלט אונדזערס. נישט געבליבן קיין קאָפּעקע.

— אַך, מאַמע טרייע, אַזאַ יקרות געוואָרן אויף דער וועלט, גאָרנישט צום אויסהאַלטן. בעסער וואָלסטו מיר גאָרנישט גערעדט, מיך נישט אויפגערעגט, — זאָגט מיט היץ מאַקסימאָוונאַ, אַלץ נאָך פאַרסאַפּעט.

נו, געגנוג שוין, — זאָגט דער באַלעבאָס, — מען וואָלט באַ־

דאַרפט עפּעס איבערבייסן. וואָס איז דאָס? עפּעס, זע איך, דו ביסט אַ היבש ביסל אָפּגעשטנען, מאַ ריאַ מאַקסימאָוונאַ?

— אָך, חכם מיינער, מיד; אַ טאָג אַ וואַרימער היינט, אַ זון; — לאָמיר, קלער איך, זיך דורכגיין זען, וואָס זיי טון דאָרט... וואָס וועל איך דאָס ליגן. אָך! און אויפן וועג באַגעגן איך אַ ווייבעלע, אַ יונגס, שיכעלעך פאַר די קינדער האָט זי געקויפט.

— וואָס איז, אַלטעטשקער — זאָגט זי — מיד? נאַדיר אַ צענער: אַ זעמעלע קויף דיר...

און איך, זעסטו, האָב גענומען דעם צענער...

— אָבער דו, באָבעניו, קודם-כל רו זיך אָפּ אַ ביסל, כאַפּסט דאָך קוים דעם אָטעם היינט! — ווערט עפּעס פּלוצלינג זייער אויפמערקזאַם דער באַלעבאָס.

אַלע קוקן אויף איר; זי איז פּלוצלינג שטאַרק בלאַס געוואָרן און די ליפּן גאָר ווייס — קוקט זי אויף אַלע, נאָר עפּעס ווי פון אַ נעפּל אַרויס.

— טראַכט איך מיר... לעקעכלעך פאַר די קינדערלעך... אַ צענער — אָט...

און ווידער זיך אָפּגעשטעלט, ווידער כאַפּט זי דעם אָטעם. אַלע זײַנען מיטאַמאָל שטיל געבליבן, אַ פינף רגעס אַזוי.

— וואָס, באָבעניו? — בייגט זיך איין צו איר דער באַלעבאָס.

נאָר די באָבע האָט נישט געענטפערט; ווידער אַ שטילשווייגן און ווידער זײַנען פינף רגעס אַדורך.

די אַלטע איז נאָך בלייכער געוואָרן און איר פּנים איז פּלוצלינק איינגעאַנצן איינגעפאַלן. די אויגן פאַרגלעזערט און אויף די ליפּן איז אַ שמייכל פאַרגליווערט; קוקט גלייך, נאָר זי זעט שוין גאָרנישט.

— נאָך אַ גלח אפשר!... — רופט זיך פּלוצלינג עמעץ אָן שטיל און האַסטיק.

— יאָ... אָבער שוין שפּעט, דאַכט זיך — מורמלט דער באַלעבאָס.

— באַבעניו, הא באָבעניו, — מונטערט די באָבען די שערעו־קע, שטאַרק אויפגערעגט; אָבער די אַלטע איז אומבאַוועגלעך, נאָר דער קאָפּ בייגט זיך אין אַ זייט. אין דער רעכטער האַנט, וואָס ליגט אויפן טיש, האַלט זי דעם צענער און די לינקע האַנט איז ליגן געבליבן אויף מישעס, דעם עלטסטן זיבניעריקן יונגלס אַקסל. ער שטייט, רירט זיך נישט פון אָרט און לאָזט נישט אַראָפּ זיינע גרויסע, פאַרוווּנדערטע אויגן פון דער באָבען.

— אויסגעגאַנגען! — זאָגט לאַנגזאַם און ערנסט דער באַלעבאָס און צלמט זיך לייכט.

— אָט וואָס! און איך קוק אַזוי, זי בייגט זיך איין — איז דער גאַסט שטאַרק גערירט און רעדט אָפּגעהאַקט; ער איז שרעק־לעך איבעראַשט און קוקט זיך אַרום אין אַלע זייטן.

— אָ גאָטעניו! אָט האָסטו! וואָס-זשע טוט מען אַצינד, מאַ־קאַריטש? אפשר אַהין זי נעמען? — צוויטשערט די באַלעבאָסטע גיך און צעמישט.

— וווּהין דאָס? — ענטפערט געלאַסן דער באַלעבאָס — מיר וועלן דאָס שוין אַליין דורכפירן, ביסט אַ קרובה, צי ניין? אָבער מען מוז גיין צוויסן געבן.

— הונדערט און פיר יאָר, אַך! — דרייט זיך אויף איין אָרט דער גאַסט און ווערט אַלץ מער און מער גערירט. ער איז פון אויפרעגונג אינגאַנצן רויט געוואָרן.

— יאָ, זי האָט שוין די לעצטע יאָרן אַ סך זאַכן אָנגעהויבן פאַרגעסן, — רעדט דער באַלעבאָס נאָך ערנסטער און געלאַסענער, זוכט דאָס היטל און נעמט אַראָפּ דאָס מאַנטל.

— ערשט מיט אַ מינוט צוריק האָט זי נאָך געלאַכט, זיך געפרייט! זע נאָר, דער צענער ליגט אין דער האַנט! לעקעכלעך, זאָגט זי; אָ-אָך, דאָס לעבן אונדזערס!

— נו, גייען מיר, — פעטר סטעפאַניטש, — שלאָגט איבער דעם גאַסט דער באַלעבאָס, און זיי גייען ביידע אַרויס. אַזויגע, פאַרשטייט זיך, באַווייבט מען נישט. הונדערט און פיר יאָר — גע-שטאָרבן גייענדיקערהייט און שוין.

די באַלעבאָסטע האָט געשיקט רופן די שכנות. זיי זיינען באַלד געקומען צו לויפן, כמעט מיט פאַרגעניגן אויסגעהערט דאָס נייעס, כאַטש געקרעכצט און געאויקעט.

באַלד האָט מען אויפגעשטעלט דעם סאַמאָוואַר. די קינדער, פאַרוווּנדערט, האָבן זיך באַהאַלטן אין אַ ווינקל און פון דאָרטן אַרויסגעקוקט אויף דער טויטער באָבע. מישע וועט שוין, ווי לאַנג ער וועט לעבן, געדענקען די אַלטע, ווי זי האָט פאַרקוועטשט די האַנט באַ אים אויפן אַקסל, בשעת זי איז געשטאָרבן; נו, און אַז ער וועט שטאַרבן, וועט שוין אויף דער גאַנצער ערד זי קיי-נער נישט דערמאָנען, און קיינער וועט זיך נישט דערוויסן, אַז גע-לעבט האָט זיך אַמאָל אַזאַ אַלטעטשקע, אָפּגעלעבט הונדערט פיר יאָר, צוליב וואָס און ווי אַזוי — ווייסט קיינער נישט. און צוליב וואָס אייגנטלעך געדענקען; אַלץ איינס, אָט אַזוי גוססן מיליאָנען מענטשן; אומבאַמערקט לעבט מען, אומבאַמערקט שטאַרבט מען. אויסער אפשר דער טויט אַליין פון די הונדערטיעריקע זקנים און זקנות האָט אין זיך עפּעס שטילס און רירנדיקס און אפילו עפּעס וויכטיקס און שלווהדיקס: הונדערט יאָר ווירקן נאָך ביז אַציננד שרעק-לעך אויפן מענטש.

זאָל גאָט בענטשן דאָס לעבן און דעם טויט פון פּראָסטע, גוטע מענטשן!

דער פויערמאַרע׳

דער פויער מאַרעי.

איך דערמאַן מיך אָן דעם חודש אויגוסט באַ אונדז אין דאָרף: אַ קלאָרער, טרוקענער טאָג, נאָר אַ ביסל קאַלט און ווינטיק; סוף זומער, און מען דאַרף שוין באַלד פאָרן צוריק קיין מאָסקווע ווייטער אַ גאַנצן ווינטער זיצן איבער די פראַנצויזישע לעקציעס, און מיר גלוסט זיך אַזוי שטאַרק נישט אַוועקצופאָרן פון דאָרף. איך גיי פאַרביי די שייערס, לאָז זיך אַראָפּ אין טיפן גרובן און קלעטער מיר ארויף אין לאָסק אַריין, אַזוי האָט מען באַ אונדז גערופן דאָס געדיכטע וועלדל, וואָס ציט זיך פון גרובן ביזן סאַמע וואַלד. און אָט פאַרטיף איך מיך צווישן די געדיכטע ביימלעך און דערהער, ווי נישט ווייט, אין אַ טאָל, וואָס ליגט אַ טריט דרייסיק פון מיר, אַקערט זיך איינזאַם אַ פויער. איך ווייס, אַז ער אַקערט, באַרג־אַרויף אַז זיין פערד איז שווער צו גיין, און איך הער פון צייט־צו־צייט זיין אויסגעשריי:

— נו־נו!

איך קען כמעט אַלע אונדזערע פויערן, נאָר איך ווייס נישט, וועלכער פון זיי עס אַקערט דאָס אַצינד. אָבער מיר איז אַלץ איינס, איך בין איינגאַנצן פאַרטון אין מיין זאַך, איך בין אויך פאַרנומען: איך ברעך מיר אָפּ אַ ניסן־צווייג, איך זאָל קענען שפּעטער מיט איר

שמייסן די פרעש; בײטשן פון ניסן-צווייגן זײַנען זייער שײן, אָבער נישט אַזוי שטאַרק, ווי קומען זיי צו בעריאָזע-בײטשן!

עס אינטערעסירן מיך אויך זשוקלעך, ווערעמלעך, איך קלויב זיי צונויף; עס זײַנען דאָ צווישן זיי זייער אויסגעפּוצטע; אויך האָב איך ליב קליינע, פלינקע, רויט-געלע יאַשטשערקעס, מיט שוואַרצע פּינטעלעך, נאָר פאַר שלענגעלעך האָב איך מורא. אַגב, באַגעגענען זיך דאָ שלענגעלעך אַ סך זעלטענער, ווי יאַשטשערקעס.

שוואָמען איז דאָ ווייניק; נאָך שוואָמען דאַרף מען גיין אין בעריאָזע-וועלדל אַרײַן, און איך קלויב מיך צו גיין אַהין. און קיין זאַך אין לעבן איז מיר נישט אַזוי ליב, ווי דער וואַלד מיט זײַנע פייגל און ווערמלעך, מיט זײַנע וויעוויערקעס און שטעכלחיהלעך, מיט זײַן ליבן, פייכטן ריח פון איבערגעפוילטע בלעטער. און אַפילו אַצינד, בשעת איך שרייב דאָס, פיל איך דעם ריח פון דעם דאָרפישן בעריאָזע-וועלדל: אָט די איינדריקן בלייבן שוין אויפן גאַנצן לעבן.

נאָר פלוצלינג האָב איך פון דער טיפער שטילקייט אַרויס קלאָר און דײַטלעך דערהערט, ווי עמעצער שרייט:

— אַ וואָלף לויפט!

איך האָב אַ געשריי געטון, אויסער זיך פון שרעק, זיך געלאָזט לויפן און אַזוי הויך שרייענדיק אַרויסגעלאָפן אין טאָל אַרײַן גלײַך אויפן פויער אַרויף, וואָס האָט דאָרט געאַקערט.

עס איז געווען אונדזער פויער מאַרעי.

איך ווייס נישט, צי עס איז פאַרהאַן אַזאַ נאָמען, נאָר אַלע האָבן אים גערופן מאַרעי. אַ פויער פון אַ יאָר פופציק, אַ פעסטער, אַ גאַנץ הויכער, מיט אַ סך גרויע פאַסן שוין אין זײַן טונקעלער ברייטער באָרד. איך האָב אים געקענט, נאָר מיר איז נישט אויסגעקומען, כמעט קיינמאָל נישט, צו רעדן מיט אים. ער האָט דערהערט מײַן געשריי, אָפּגעשטעלט זײַן פערדל, נאָר ערשט ווען איך

בין האַסטיק צוגעלאָפן, מיט איין האַנט זיך אָנגעכאַפּט באַם אַקער, מיט דער צווייטער באַ זיין אַרבל, האָט ער ערשט דערזען, ווי שטאַרק דערשראָקן איך בין.

— אַ וואָלף לויפט! — האָב איך פאַרסאַפּעט אויסגעשריגן.

אין דער ערשטער רגע האָט ער כמעט געגלייבט, אויפגעהויבן דעם קאָפּ און נישט ווילנדיק אַרומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן.

— ווו איז אַ וואָלף?

— געשריגן... עמעץ האָט ערשט געשריגן „אַ וואָלף לויפט"... — האָב איך געשמייכלט.

— וואָס רעדסטו, וואָס רעדסטו, וואָסער וואָלף, עס האָט זיך געדאַכט; זע! ווי קומט אַהער אַ וואָלף? — האָט ער געמורמלט, געוואָלט מיך באַרויִקן. נאָר איך האָב זיך אינגאַנצן געטרייסלט, נאָך שטאַרקער זיך אָנגעהאַלטן באַ זיין אַרבל און געווען אַפּנים זייער בלאַס.

ער האָט געקוקט אויף מיר מיט אַן אומרויִקן שמייכל, אַפּנים עגמת-נפש געהאַט און זיך געערגערט צוליב מיר.

— זע נאָר, דערשראָקן זיך, אַי-אַי! — האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ. — גענוג, טייערער, אָט אַ קליינער, אַי!

ער האָט אויסגעשטרעקט די האַנט און פּלוצלינג מיר אַ גלעט געטון איבער דער באַק.

— נו, גענוג שוין; נו, גאָט איז מיט דיר, צלם דיך איבער.

נאָר איך האָב זיך נישט געצלמט; די ווינקלען פון מיינע ליפּן האָבן געציטערט און דאָס האָט אים, אַפּנים, שטאַרק פאַרוווּנדערט. ער האָט שטילערהייט אויסגעצויגן זיין גראָבן פינגער מיטן שוואַרצן, פון ערד פאַרשמירטן, נאָגל און זיך שטילערהייט צוגערירט צו מיינע ציטערנדיקע ליפּן.

— זע נאָר, אַי, — האָט ער געשמייכלט צו מיר מיט עפּעס אַ לאַנגן מאַמע-שמייכל. גאָט מיינער, וואָס איז דאָס, זע נאָר, אַי, אַי!

282.9

איך האָב ענדלעך פאַרשטאַנען, אַז קיין וואָלף האָט זיך נישט געוויזן, אַז דער געשריי: „אַ וואָלף לויפט!" האָט זיך מיר נאָר געדאַכט. כאָטש דאָס קול איז געווען אַזאַ קלאָרס און דייט־לעכס, נאָר אַזעלכע געשרייען (און נישט נאָר וועגן וועלף) האָבן זיך מיר שוין פריער אויך עטלעכע מאָל געדאַכט, און איך האָב געוווּסט וועגן דעם.

— נו, איך וועל גיין, — האָב איך געזאָגט, און געקוקט אויף אים פרעגנדיק און נישט אַנטשלאָסן.

— נו, טאָ גיי דיר, און איך וועל דיר נאָכקוקן. איך וועל דיך שוין דעם וואָלף נישט אָוועקגעבן! — האָט ער צוגעגעבן מיטן זעלבן מאַמע־שמייכל, — נו, גאָט איז מיט דיר, נו, גיי, און ער האָט פריער איבערגעצלמט מיך, און דערנאָך זיך.

איך בין אָוועק און יעדע צען טריט זיך אויסגעדרייט צוריק.

די גאַנצע צייט, וואָס איך בין געגאַנגען איז מאַרעי געשטאַ־נען מיט זיין פערדל, מיר נאָכגעקוקט, און יעדעס מאָל, ווען איך האָב מיך אויסגעדרייט צו אים, האָט ער צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ. דעם אמת צו זאָגן, האָב איך מיך אַ ביסל געשעמט פאַר אים, וואָס איך האָב מיך אַזוי דערשראָקן, נאָר איך בין מיר געגאַנגען און נאָך אַלץ מורא געהאַט פאַרן וואָלף. ערשט ווען איך בין צוגעקו־מען צום גרובן, איז מיין שרעק אינגאַנצן פאַרשוווּנדן; און דאָ נאָך, איך ווייס נישט פון וואַנען ער האָט זיך גענומען, איז צו מיר אַ שפּרונג געטון אונדזער הויף־הונט וואָלטשאָק. מיט וואָלטשאַקן בין איך שוין גאָר מוטיק געוואָרן און צום לעצטן מאָל זיך אויס־געדרייט צו מאַרעיען; זיין פּנים האָב איך שוין נישט געזען, נאָר איך האָב געפילט, אַז ער שמייכלט נאָך אַלץ צו מיר מילד און שאָקלט מיטן קאָפּ. איך האָב אים אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, ער האָט מיר אויך אַ מאַך געטון מיט זיין האַנט און אַ טרייב גע־טון זיין פערדל.

— נו-נו! — האָב איך פון ווייטנס דערהערט זיין אויסגע־שריי, און דאָס פערדל האָט זיך ווייטער אַוועקגעשלעפּט מיט דעם אַקער.

דאָס אַלץ, איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, האָט זיך פּלוצ־לינג דייטלעך, מיט אַלע פּרטים, מיר פאָרגעשטעלט.

איך בין דאַמאָלס אַהיימגעקומען פון מאַרעיען און קיינעם נישט דערציילט וועגן „צופאַל". און וואָס פאַר אַ צופאַל איז דען דאָס געווען? און מאַרעיען אַליין האָב איך אויך זייער גיך פאַר־געסן. איך האָב אים שפּעטער אַ פּאָר מאָל באַגעגנט, נאָר נישט גע־רעדט מיט אים, נישט וועגן וואָלף און בכלל וועגן גאָרנישט, און פּלוצלינג האָב איך זיך אַזוי קלאָר, ביז דער מינדסטער קלייניקייט, דערמאָנט וועגן דער באַגעגעניש. הייסט דאָס, זי איז אומבאַמערק־טערהייט געלעגן באַ מיר אין האַרץ, אַליין פאַר זיך, אָן מיין ווילן, אַרויסגעשווומען דאַמאָלס, ווען מען האָט געדאַרפט; איך האָב מיך דערמאָנט אָן דעם צערטלעכן מאַמע־שמייכל פון דעם אָרימען פאַר־שקלאַפטן פויער, זיין צלמען זיך און שאָקלען מיטן קאָפּ.

— זע נאָר, דערשראָקן זיך קליינער!

און דער עיקר זיין גראָבן, מיט ערד אויסגעשמירן פינגער, מיט וועלכן ער האָט זיך שטיל און מיט אַ מילדער צאַרטקייט צו־גערירט צו מיינע ציטערנדיקע ליפּן.

יעדערער וואָלט, פאַרשטייט זיך, באַרויִקט אַ קינד, נאָר דאָ, אין דער איינזאַמער באַגעגעניש איז געווען עפּעס אַנדערש, און ווען איך וואָלט געווען אפילו זיין אייגענער זון, וואָלט איך נישט גע־קענט מיט קיין גרעסערער ליבע, מיט קיין ליכטיקן בליק קוקן אויף מיר.

און ווער האָט אים געצוואונגען דערצו?

ער איז געווען אונדזער קנעכט, אונדזער אייגענער פויער, און איך בין דאָך געווען זיין קליין באַלעבעסל; קיינער וואָלט דאָך

נישט געוווסט, ווי אַזוי ער האָט מיך געגלעט, קיינער וואָלט דאָך אים דערפאַר נישט באַשענקט מיט גאָרנישט. און אפשר האָט ער ליב געהאַט אַזעלכע זייער קליינע קינדער? עס טרעפן זיך אַזעלכע. נאָר די באַגעגעניש איז געווען אַן איינזאַמע, אין פּוסטן פעלד, און גאָט אַליין האָט נאָר, אפשר, אויבן געזען מיט וואָס פאַר אַן איידעלער כּמעט פרויען-צאַרטקייט, מיט וואָס פאַר אַ טיפן, ליכטיקן מענטשלעכן געפיל עס קען איבערפולט זיין דאָס האַרץ פון אַ פּשוטן, גראָבן, פאַרשקלאַפטן רוסישן פויער, וועלכער האָט נאָך דאַמאָלס נישט געוואַרט, נישט געהאָפט אפילו אויף זיין פרייהייט.

א י ל ו ש ע ט ש ק ע.

אילושעטשקע.

I.

שילער.

איינמאָל, ווען אַליאָשאַ קאַראַמאַזאָוו איז געגאַנגען איבער־ דער שטאָט, האָט זיך מיט אים געטראָפן אַ מעשה, אין פלוג נישט קיין וויכטיקע, וועלכע האָט אים אָבער שטאַרק איבעראַשט.

ווי נאָר ער איז אַדורכגעגאַנגען דעם פלאַץ, זיך פאַרקערע־ וועט אין געסל אַריין און געוואָלט אַרויס פון מיכאַילאָווער גאַס, וועלכע ציט זיך פאַראַלעל מיט דער גרויסער און טיילט זיך אָפּ פון איר נאָר מיט אַ שמאָלן גרובן, האָט ער דערזען אַ קופּקעלע שילער, אַלץ קליינוואַרג פון ניין ביז צוועלף יאָר, נישט עלטער.

זיי זיינען געגאַנגען אַהיים פון קלאַס מיט זייערע רענצלעך אויף די פּלייצעס, טייל מיט לעדערנע זעקלעך באַ דער זייט, טייל אין מענטעלעך און עטלעכע אין לאַנגע שטיוול מיט געפאַלדעווע־ טע כאָלעוועס, אין וועלכע עס האָבן זיך ליב צו פּוצן קליינע קינ־ דער, וואָס זייערע פאַרמעגלעכע עלטערן גיבן זיי אַלץ נאָך.

די גאַנצע גרופּע האָט פריילעך צווישן זיך געשמועסט. מען האָט זיך, אַפּנים, וועגן עפּעס באַראַטן. אַליאָשאַ האָט קיינמאָל נישט געקענט רויק דורכגיין פאַרביי קליינוואַרג, אין מאָסקווע פלעגט דאָס אויך אַזוי זיין מיט אים. און הגם ער האָט מער ליב געהאַט קינ־

דער פֿון דריי יאָר, אָדער אין דעם ערך, זייַנען שילער פֿון צען, עלף יאָר אויך אים זייער געפֿעלן. און דעריבער, ווי ער איז נישט געווען פֿאַרזאָרגט, האָט זיך אים פּלוצלינג פֿאַרגלוסט צוצוגיין צו זיי און פֿאַרפֿירן מיט זיי אַ שמועס.

ער האָט זיך דערנענטערט, אַרייַנגעקוקט אין זייערע צעפֿלאַמטע, צעהיצטע פּנימער און פּלוצלינג דערזען, אַז יעדעס יונגל האַלט אין דער האַנט אַ שטיין און טייל אַפֿילו צו צוויי. און אויף יענער זייט גרובן, ווייטער מיט אַ טריט דרייסיק פֿון די שילער, שטייט בּאַם פּלויט נאָך אַ יונגל, אויך אַ שילער, אויך מיט אַ זעקל בּאַ דער זייט, פֿון אַ יאָר צען, נישט עלטער און אפשר נאָך יינגער, — אַ בּלייכענקער, שוואַכענקער, מיט אַ פּאָר שוואַרצע בּלישטשענדיקע אייגלעך.

אויפֿמערקזאַם און פֿאָרשנדיק האָט ער געקוקט אויף דער גרופּע פֿון די זעקס שילער, מיט וועלכע ער איז, ווייזט אויס, געווען צעקריגט. אַליאָשע איז צוגעגעגאַנגען, געווענדט זיך צו איין יונגל אין אַ שוואַרץ רעקל, מיט רויטע בּאַקן, אַ בּלאָנדנס מיט געקרייזלטע האָר, בּאַטראַכט אים און געזאָגט:

— ווען איך האָב געטראָגן אַזאַ זעקל ווי אייערס, פֿלעגט מען עס טראָגן אויף דער לינקער זייט, עס זאָל זיין גרינגער צו דערלאַנגען מיט דער רעכטער האַנט; און איר טראָגט אייערס אויף דער רעכטער זייט, עס איז דאָך אייך נישט בּאַקוועם.

— ער איז דאָך אַ געלענקטער — האָט געענטפֿערט אַן אַנדערער, אַן עלפֿיעריקער בּראַווער, געזונטער חברה־מאַן.

די איבעריקע פֿינף יונגלעך האָבן נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פֿון אַליאָשען.

— ער וואַרפֿט אַפֿילו שטיינער מיט דער לינקער האַנט — האָט זיך אַרייַנגעמישט אַ דריט יונגל.

אין דער מינוט איז אין דער מיט פֿון דער גרופּע אַריין אַ שטיין, קוים אָנגערירט דעם געלענקטן און פֿאַרבייגעפֿלויגן אין

דער זייט, הגם אַ וואָרף געטון האָט מען אים געשיקט און ענער־גיש. און געוואָרפן האָט מען אים פון יענער זייט גרובן.

— פּאַק אים, באַצאָל אים, סמוראָוו! — האָבן זיך אַלע צעשריגן.

סמוראָוו אָבער (דער געלענקטער) האָט זיך נישט געלאָזט לאַנג בעטן און תּיכּף אָפּגעענטפערט: ער האָט אַ וואָרף געטון אויף יענער זייט גרובן אַריבער אַ שטיין, נאָר נישט געטראָפן; דער שטיין איז געפאַלן אויף דער ערד.

דאָס יונגל פון יענער זייט האָט באַלד נאָך אַ שטיין געשיקט, דאָס מאָל שוין גלייך אויף אַליאָשען. דער שטיין האָט אים אַ שטאַרקן קלאַפּ געטון אין דער פּלייצע. ביים יונגל פון יענער זייט זיינען די קעשענעס געווען אָנגעפּאַקט מיט שטיינער. מען האָט דאָס דער־קענט אָן זיינע אָפּשטייענדיקע קעשענעס, פון דערווייטנס.

— דאָס האָט ער אייך, אייך, ער האָט דאָס מיט אַ כּיוון אייך געוואָרפן. איר זענט דאָך קאַראַמאַזאָוו, קאַראַמאַזאָוו! — האָבן גע־ליאַרמט, געלאַכט די חבֿרה יונגלעך. — אַנו, אַלע אין איינעם אויף אים, וואָרף!

און מיט איין מאָל זיינען זעקס שטיינער אַרויסגעפלויגן פון דעם רעדל יונגלעך. איין שטיין האָט מען געטראָפן דעם יונגל אין קאָפּ אַריין, ער איז געפאַלן, נאָר באַלד אויפגעשפּרונגען און מיט כּעס ווייטער גענומען וואַרפן שטיינער. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטאַרקע שיסעריי פון ביידע זייטן, אַ סך יונגלעך פון דער גרופּע האָבן אויך אין די קעשענעס געהאַט צוגעגרייט שטיינער.

— וואָס טוט איר! ווי שעמט איר זיך נישט, חבֿרה! זעקס אויף איינעם, איר וועט דאָך אים דערהרגענען! — האָט געשריגן אַליאָשע.

ער איז אַרויסגעשפּרונגען, זיך געשטעלט אַקעגן די פליענ־דיקע שטיינער און מיט זיך פאַרשטעלט דאָס יונגל פון יענער זייט.

דריי אָדער פיר יונגלעך האָבן זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעהאַלטן.

— ער האָט פריער אָנגעהויבן! — האָט אַ יונגל מיט אַ רויט העמדל געשריגן מיט אַ צערייצט קינדעריש קולכל, — ער איז אַ פאַרדאָרבן יונגל, ער האָט פריער קראַסאָטקינען אַ שטאָך געגעבן מיט אַ מעסערל, בלוט איז אַזש גערונען. קראַסאָטקין האָט נאָר מסורן נישט געוואָלט, אָבער דעם דאַרף מען די ביינער צעברעכן...

— אָבער פאַרוואָס? — מן הסתם רייצט איר דאָך אים אויף אַליין?

— אָט — האָט ער אייך ווידער מיט אַ שטיין דערלאַנגט אין דער פּלייצע. ער קען אייך — האָבן געשריגן די קינדער, — אַצינד מיינט ער שוין אייך, נישט אונדז, אַנו, נעמט זיך אויף אים אַלע, נאָר נישט געפעלשט, סמוראָוו!

און עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ שיסערײַ, דאָס מאָל אַן אכזריותדיקס. אַ שטיין האָט געטראָפן דעם יונגל גלייך אין האַרץ אַריין; ער האָט אַ געשריי געטון, זיך צעוויינט און זיך געלאָזט לויפן באַרג־אַרויף, אויף דער מיכאַילאָווער גאַס.

די חברה יונגלעך האָבן זיך צעגוואַלטעוועט:

— אַהאַ, האָסט מורא, אַנטלויפסט, וויעכעטש!

— איר קאָנט אים נאָך נישט, קאַראַמאַזאָוו, וואָס פאַר אַ פאַרדאָרבענער ער איז. שלאָגן אים איז נאָך ווייניק, — האָט מיט ברענענדיקע אייגלעך געטענהט דאָס יונגל אין רעקל, אַפּנים דער עלטסטער פון זיי אַלע.

— וואָס איז ער! — האָט אַליאָשאַ געפרעגט. — אַ מסור, צי וואָס?

די חברה האָט זיך צווישן זיך איבערגעקוקט מיט אַ שפּאָטישן שמייכל.

— איר גייט אויך אויף מיכאַילאָווער? — רעדט ווייטער

דאָס זעלבע יונגל — פּרוּווט, דעריאָגט אים... זעט, ער וואַרט דאָרט, שטייט און קוקט אויף אייך.

— אויף אייך קוקט ער, אויף אייך קוקט ער! — האָבן אונטערגעכאַפּט די יונגלעך.

— און פרעגט אים צי האָט ער נישט ליב אַ צעשאָטן באָדוויעכעטש. אַט אַזוי זאָלט איר אים טאַקע פרעגן.

און אַלע יונגלעך האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער. אַליאָשאַ האָט געקוקט אויף זיי, און זיי האָבן נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון אים.

— בעסער גייט נישט, ער וועט אייך צעמזיקן, — האָט אים געוואָרנט סמוראָוו.

— ניין, וועגן דעם וויעכעטש וועל איך אים נישט פרעגן, מיט דעם רייצט איר אים מן־הסתם אויף. נאָר איך וועל מיך דערוויסן בײַ אים, פאַרוואָס איר האָט אים אַזוי פיינט...

— אַדרבה, דערוויסט זיך, — האָבן זיך צעלאַכט די יונגלעך.

אַליאָשאַ איז אַריבער דאָס בריקל און זיך גענומען גיין צום בערגל, פאַרביי דעם פּלויט, גלייך צום פאַריאָגטן יונגל.

— היט זיך, — האָט מען נאָכגעשריגן, געוואָרנט אים, — ער וועט זיך פאַר אייך נישט דערשרעקן, ער וועט מיטאַמאָל אָנפאַלן אויף אייך, שטילערהייט... ווי אויף קראַסאָטקינען.

דאָס יונגל האָט זיך גערירט פון אָרט, געוואַרט אויף אים.

אַז אַליאָשאַ איז צוגעגאַנגען גאָר נאָענט, האָט ער דערזען פאַר זיך אַ קינד פון אַ יאָר ניין, אַ נידעריקס, שוואַכס, מיט אַ דאַר לענגלעכדיק, בלייך פּנימל, וואָס האָט געקוקט אויף אים מיט אַ פּאָר שוואַרצע, בייזע אויגן. אָנגעטון איז ער געווען אין אַן אַלט, אָפּגעטראָגן מאַנטעלע, פון וועלכן ער איז שטאַרק אויסגעוואַקסן. פון די אַרבל האָבן אַרויסגעטאַרטשעט די נאַקעטע הענט. אויף דער רעכטער קני פון די הייזלעך איז געווען אַרויפגעלייגט אַ גרויסע לאַ-

טע און אויפן שפּיץ פון רעכטן שטיוול, דאָרט ווו דער גרויסער פינגער געפינט זיך, איז געווען שטאַרק מיט טינט פאַרשמירט אַ גרויס לאָך. זיינע ביידע קעשענעס זיינען אָפּגעשטאַנען פון די אָנגעפּאַקטע שטיינער.

צוויי טריט פון אים האָט זיך אַליאָשאַ אָפּגעשטעלט און פרעגנדיק געקוקט אויף אים.

דאָס יונגל האָט דערקענט אין אַליאָשעס אויגן, אַז ער קלויבט זיך אים נישט צו שלאָגן. האָט ער זיך אויך אָנגענומען מיט אַ ביסל מוט און אפילו דער ערשטער אָנגעהויבן.

— איך בין איינער און זיי זיינען זאַלבעזעקסט... איך וועל זיי אַלע גובר זיין, — האָט ער פּלוצלינג געזאָגט און אַ בליטש געטון מיט די אויגן.

— איין שטיין האָט אייך, דאַכט זיך, אַ שטאַרקן קלאַפּ געטון — האָט אַליאָשאַ באַמערקט.

— און איך האָב סמוראָוון אין קאָפּ אַריין דערלאַנגט! — האָט דאָס יונגל אויסגעשריגן.

— זיי האָבן מיר דאָרט געזאָגט, אַז איר קענט מיך און אַז איר האָט פאַר עפּעס מיר דעם שטיין געוואָרפן? — האָט אַליאָשאַ געפרעגט.

דאָס יונגל האָט אים פינסטער אָנגעקוקט.

— איך קען אייך נישט. און איר מיך קענט דען יאָ? — האָט אַליאָשאַ נאָכגעפרעגט.

— טשעפּעט זיך אָפּ! — האָט זיך דאָס יונגל פּלוצלינג אויפגערעגט, נאָר אַליין זיך פון אָרט נישט גערירט, אויף עפּעס געוואַרט, און אין זיינע אויגן האָט זיך ווידער אַ בייז פייערל אָנגעצונדן.

— גוט, איך וועל גיין, — האָט אַליאָשאַ געזאָגט, — נאָר

קען אייך נישט און רייץ אייך נישט. זיי האָבן מיר געזאָגט, אַזוי איך זאָל אייך אויפרייצן, נאָר איך וויל נישט. אַ גוטן!

— מאָנאַך אין פלודערן! — האָט דאָס יונגל אויסגעשריגן, געקוקט מיט דעם זעלבן שלעכטן, פאַרביסענעם בליק אויף אַליאָשען, גערעכנט, אַז אַצינד וועט יענער שוין געוויס אויף אים אָנפאַלן און שוין געשטעלט זיך אין אַ געהעריקער פּאָזע; אָבער אַליאָשאַ האָט נאָר אַ קוק געגעבן, זיך אויסגעדרייט און איז אַוועק. נאָר ער האָט נאָך נישט געמאַכט קיין דריי טריט, ווי אַ שטיין, דער גרעסטער פון אַלע, וואָס האָבן זיך געפונען באַם יונגל אין קעשענע, האָט אים אַ שטאַרקן זעץ דערלאַנגט אין דער פּלייצע.

— פון הינטן וואַרפט איר? זיי האָבן, הייסט עס, אמת געזאָגט, אַז איר פאַלט אָן שטילערהייט? — האָט זיך אַליאָשאַ אויסגעדרייט, אָבער דאָס יונגל האָט אַ שמיץ געטון נאָך אַ שטיין, איצט שוין גלייך אַליאָשען אין פּנים אַריין, אַליאָשאַ האָט זיך פאַרשטעלט מיט דער האַנט און דער שטיין האָט נאָר באַוויזן אָנצורירן זיין עלנבויגן.

— ווי שעמט איר זיך נישט! וואָס האָב איך אייך געטון? האָט ער אויסגעשריגן.

דאָס יונגל האָט געשוויגן און עזותדיק געוואַרט, אַז אַליאָשאַ זאָל אָנפאַלן אויף אים; נאָר אַז יענער האָט דאָס נישט געטון, איז ער געוואָרן ווילד און צערייצט, ווי אַ חיהלע.

ער האָט זיך אַ ריס געגעבן פון אָרט, זיך אַ וואָרף געטון אויף אַליאָשען, און איידער יענער האָט נאָך באַוויזן זיך אַ ריר צו טון, האָט שוין דאָס שלעכטע יונגל איינגעבויגן דעם קאָפּ, אָנגעכאַפּט מיט ביידע הענט אַליאָשעס לינקע האַנט און שטאַרק אַ ביס געטון זיין מיטלסטן פינגער. ער האָט זיך איינגעגעסן אין אים מיט די ציין און אַ צען רגעס אים נישט אַרויסגעלאָזט.

אַליאָשאַ האָט פון ווייטיק אַ געשריי געטון און מיט אַלע

כּוחות געריסן פון אים דעם פינגער. צום סוף האָט דאָס יונגל אָפּגע־לאָזט דעם פינגער. אָפּגעשפּרונגען און זיך ווידער געשטעלט אויף זיין פריִערדיקן אָרט.

דער פינגער איז געווען דורכגעביסן באַם נאָגל, טיף ביזן ביין! עס האָט אַ גאָס געטון בלוט. אַליאָשאַ האָט אַרויסגענומען אַ טיכעלע און שטייף פאַרבונדן די פאַרווונדעטע האַנט. כּמעט אַ גאַנצע מינוט האָט געדויערט דאָס אַרומבינדן.

דאָס יונגל איז די גאַנצע צייט געשטאַנען און געוואַרט. ענדלעך האָט אַליאָשאַ אויפגעהויבן אויף אים זיין שטילן בליק.

— נו, גוט, — האָט ער געזאָגט, — איר זעט ווי איר האָט מיר אַ ביס געטון, אַצינד גענוג שוין, אמת, ניין? אָבער זאָגט מיר, וואָס האָב איך אייך געטון?

דאָס יונגל האָט פאַרווונדערט געקוקט אויף אים.

— כאָטש איך קען אייך נישט און זע אייך ערשט דאָס ער־שטע מאָל, — האָט אַליאָשאַ רויִק גערעדט, — קען דאָך נישט זיין, איך זאָל אייך גאָרנישט האָבן געטון, — איר וואָלט דאָך מיך אומזיסט נישט געפּייניקט. איז וואָס־זשע פאַרט האָב איך אייך געטון, מיט וואָס בין איך שולדיק, זאָגט מיר?

דאָס יונגל האָט נישט געענטפערט, פּלוצלינג שטאַרק, אויפן קול, זיך צעוויינט און אַוועקגעלאָפן פון אַליאָשען. אַליאָשאַ איז אים שטיל נאָכגעגאַנגען אויף מיכאַילאָווער גאַס און לאַנג נאָך פון וויטנס געזען, ווי דאָס יונגל לויפט, האַלט נישט איין זיין לויפן, קוקט זיך נישט אום און וויינט נאָך אַלץ, מן־הסתּם, אויפן קול. ער האָט באַשלאָסן, באַלד ווי ער וועט נאָר צייט האָבן, אויפצוזוכן דאָס יונגל און זיך קלאָר מאַכן די מאָדנע זאַך, וועלכע האָט אים איבערראַשט.

אַצינד האָט ער געדאַרפט אַריינגיין צו זיין ברודער דמיט־

ריס פלה. ווי נאָר זי האָט אים דערזען, האָט זי זיך באַלד געווענדט צו אים מיט אַזעלכע ווערטער,

— מיט אַ וואָך, — יאָ, דאַכט זיך, מיט אַ וואָך צוריק, — האָט זיך דמיטרי פיעטראָוויטש צעהיצט און איז באַגאַנגען נישט קיין פיינע, נישט קיין לייטישע און זייער, זייער מיאוסע זאַך. עס איז דאָ דאָ איין אָרט זייער נישט קיין גוטס, אַ שענק עפּעס. און דאָרט האָט ער זיך באַגעגנט מיט דעם געוועזענעם אָפיציר, מיט דעם שטאַבּס-קאַפּיטאַן, מיט וועלכן אייער פאָטער האָט געהאַט צו טון. ער איז אויף דעם קאַפּיטאַן פאַר עפּעס אין כּעס געוואָרן, אָנגעכאַפּט אים בּאַ דער בּאָרד, און אין דעם דאָזיקן דערנידעריקטן צושטאַנד, פאַר אַלע אין די אויגן, אַרויסגעשלעפּט אים אויף דער גאַס און לאַנג אים אַזוי געשלעפּט איבּער דער גאַס, און דעם קאַפּיטאַנס זון, דערציילט מען, אַ שילער פון דער אָרטיקער שול, נאָך גאָר אַ קינד, האָט דאָס דערזען, נאָכגעלאָפן, און געוויינט אויפן קול, און געבעטן זיך באַ דמיטרי פעדאָראָוויטשן, און צו יעדן צוגעשטאַנען און געבעטן מען זאָל זיך אָננעמען פאַרן פאָטער, נאָר יעדער האָט געלאַכט.

אַנטשולדיקט, אַלעקסעי פיעדאָראָוויטש, איך קאָן נישט טראַכטן אָן אויפרעגונג וועגן דער מיאוסער מעשה... עס איז אַזאַ זאַך, וואָס נאָר דמיטרי פעדאָראָוויטש קאָן אָפּטון אין זיין גרויסער אויפרעגונג... ווען דאָס בּלוט צעשפּילט זיך אין אים; איך קאָן דאָס גאָר נישט איבּערדערציילן, איך בּין נישט אומשטאַנד... איך שלאָג מיר אַליין איבּער. איך האָב מיך נאָכגעפרעגט אויף דעם באַליידיקטן און זיך דערוווּסט, אַז ער איז זייער אָרים. מען האָט אים צוליב עפּעס אַ פאַרשולדיקונג אָפּגעזאָגט פון דער דינסט. איך קען אייך גאָרנישט איבּערגעבּן. אַצינד איז ער מיט זיין אומגליקלעכער משפּחה, וואָס באַשטייט פון קראַנקע קינדער און אַ ווייב אַ משוגענע, שטאַרק פאַראָרימט געוואָרן. ער וווינט שוין לאַנג דאָ

אין שטאָט, פֿאַרנעמט זיך מיט עפּעס, אַ שרייבערל ערגעץ געווען; אָבער אַצינד האָט מען אים פּלוצלינג אויפגעהערט צו צאָלן.

איך האָב אַ טראַכט געטון וועגן אייך...

דאָס הייסט, איך האָב געמיינט, — איך ווייס נישט, איך פּלאָנטער מיך, — זעט איר, איך האָב געוואָלט אייך בעטן, אַלעקסעי פּיעדאָראָוויטש, — מיין גוטער אַלעקסעי פּיעדאָראָוויטש, איר זאָלט זיך דורכגיין צו אים, עפּעס אַן אויסרייד געפינען, אַריינגיין צו אים, דאָס הייסט, צו דעם שטאַבס-קאַפּיטאַן, — אָ, גאָט! ווי איך פּלאָנטער מיך; און פֿאַרזיכטיק, איידל, — אָט אַזוי ווי נאָר איר קענט עס מאַכן (אַליאָשאַ איז פּלוצלינג רויט געוואָרן) — איבערגעבן אים אָט די צווייהונדערט רובל. ער וועט זיי געוויס צונעמען... דאָס הייסט, ווירקט אויף אים ער זאָל זיי נעמען... אָדער אפשר, ווי אַזוי מאַכט מען דאָס?

זעט איר, דאָס איז דאָך נישט קיין פֿאַרגיטיקונג, כדי ער זאָל זיך נישט קלאָגן, נאָר פּשוט, איך פֿיל אים מיט, איך וויל אים העלפֿן, — איך, אין, דמיטרי פּיעטראָוויטשעס כּלה, און נישט ער אַליין... מיט איין וואָרט, איר וועט שוין וויסן... איך וואָלט אַליין זיך דורכגעפֿאָרן, נאָר איר וועט דאָס אַ סך בעסער דורכפֿירן. ער וווינט אויף אָזיאָרנע גאַס, אין דער קאַלמיקאָווינס הויז... אום גאָטעס ווילן, טוט דאָס צוליב מיר, און אַצינד... איך בין אַ ביסל... מיד... צום ווידערזען...

זי האָט זיך פּלוצלינג אויסגעדרייט און איז אַזוי שנעל פֿאַרשוווּנדן הינטער דער פֿאָרהאַנג, אַז אַליאָשאַ האָט נישט באַוויזן אויסצורעדן קיין וואָרט.

II.

באם קאַפּיטאַן.

מיט קאַטערינאַ איוואַנאָווגעס שליחות האָט אַליאָשאַ געדאַרפט גיין אויף דער אָזיאָרנער גאַס, און דמיטרי, זיין ברודער, האָט געוווינט אין אַ געסל נישט ווייט פון דער אָזיאָרנער גאַס. אַליאָשאַ האָט באַשלאָסן פריער אַריינצוגיין צו אים און דערנאָך צום שטאַבס־קאַפּיטאַן, הגם ער האָט פאָרויס געוווּסט, אַז ער וועט דעם ברודער נישט טרעפן אין דער היים. ער האָט געהאַט אַ חשד, אַז יענער וועט זיך ספּעציעל באַהאַלטן פאַר אים, — און האָט געוואָלט אומבאַדינגט אים אויפזוכן.

איין זאַך אין קאַטערינאַ איוואַנאָווגעס שליחות האָט אים שטאַרק פאַראינטערעסירט:

ווען קאַטערינאַ איוואַנאָווגאַ האָט דערמאַנט וועגן אַ קליין יונגל, דעם זון פון יענעם שטאַבס־קאַפּיטאַן, וואָס איז נאָכגעלאָפן דעם פאָטער און געוויינט אויפן קול, האָט אַליאָשאַ פלוצלינג אַ טראַכט געטון, אַז דאָס איז מן הסתם יענער שילער, וואָס האָט אים דורכגעביסן דעם פינגער, בשעת ער, אַליאָשאַ, האָט געוואָלט באַ אים דערגיין, מיט וואָס ער איז שולדיק.

דמיטרי איז נישט געווען אינדערהיים. די הויז־באַלעבאַטים, אַן אלטער סטאָליער, זיין זון און זיין אַלטעטשקע ווייב, האָבן מיט חשד אָנגעקוקט אַליאָשען.

— שוין דעם דריטן מעת־לעת נעכטיקט ער נישט אינדערהיים, אפשר איז ער גאָר אַרויסגעפאָרן — האָט אויף אַלע אַליאָשעס פראַגן געענטפערט דער אַלטער.

אַליאָשאַ האָט אויף דער אָזיאָרנער גאַס אויפגעזוכט דער קאַלמיקאָווינס הויז, אַן אַלט איינגעבויגן הייזל, אין גאַנצן מיט דריי

פענסטער צו דער גאַס, מיט אַן אומרייניעם הויף און מיט אַן איינ־זאַמער בהמה אין מיטן הויף.

דער אַריינגאַנג איז געווען פון הויף גלייך אין פּאָדערהויז אַריין. לינקס פון פּאָדערהויז האָט געוווינט די אַלטעטשקע באַלע־באָסטע, מיט איר אַ טאָכטער, אויך שוין אַן אַלטע, און זיי ביידע זיינען געווען, ווייזט אויס, טויב.

אַליאָשאַ האָט געמוזט עטלעכע מאָל איבערפרעגן, ביז איינע פון זיי האָט ענדלעך פאַרשטאַנען, אַז ער דאַרף צו די שכנים, און מיט אַן אויסגעשטרעקטן פינגער אים אָנגעוויזן, דורכן פּאָדערהויז, אויף דער טיר פון דער שטוב. דעם שטאַבס־קאַפּיטאַנס וווינונג איז באַ־שטאַנען טאַקע נאָר פון אַ פּראָסטער שטוב. אַליאָשאַ האָט שוין גע־וואָלט אָננעמען באַ דער אייזערנער קליאַמקע און עפענען די טיר, נאָר פלוצלינג האָט אים פאַרחידושט די מאָדנע שטילקייט, וואָס האָט געהערשט אין יענער זייט טיר.

פון קאַטערינאַ איוואַנאָוונעס ווערטער האָט ער געוווּסט, אַז דער געוועזענער שטאַבס־קאַפּיטאַן וווינט צוזאַמען מיט זיין משפחה — זיי שלאָפן דאָרט אַלע, אָדער מען האָט, קען זיין, דערהערט, אַז איך גיי, וואַרט מען איך זאָל עפענען, איך וועל בעסער נאָכאַמאָל אָנקלאַפּן.

און ער האָט אָנגעקלאַפּט. דער ענטפער איז געקומען נישט באַלד, ערשט אין אַ צען רגעס אַרום.

— ווער איז דאָרט! — האָט עמעצער הויך און זייער בייז אויסגעשריגן.

אַליאָשאַ האָט אַן עפן געטון די טיר און איז אַריבער די שוועל.

ער איז אַריין אין אַ שטוב אַ גאַנץ געראַמער, נאָר זייער אָנגעפולטער מיט מענטשן און אָנגעשטעלטע פאַרשידענע שטוב־חפיצים.

ליַנקס איז געווען אַ גרויסער רוסישער אויוון. איבערן גאַנצן צימער, צווישן דעם אויוון און דעם ליַנקן פענסטער, איז געהאָנגען אַ שטריק מיט פֿאַרשידענע שמאַטעס אויף איִם. פֿון ביידע זייטן ווענט, רעכטס און ליַנקס, זיינען געשטאַנען צוויי בעטן, פֿאַרדעקט מיט געשטריקטע קאָלדרעס. אויף איינעם פֿון זיי, אויף דעם ליַנקן, איז געווען אָנגעלייגט אַ בערגל פֿון פֿיר סיצענע קישנס, איינס קלענער פֿונם צווייטן. אויף דעם צווייטן רעכטן בעט איז געלעגן נאָר איין קליין קישעלע. און ווייטער אין דעם פֿאָדערשטן ווינקל איז מיט אַ פֿאָרהענגל אָדער אַ ליילעך, אויף אַן אריבערגעוואָרפֿנס איבער אַ שטריק, געווען אָפּגעצוימט אַ קליין שטיקל אָרט. פֿון הינטער דעם פֿאָרהענגל האָט זיך אָפּגערגעזון נאָך אַ געלעגער, צונויפֿגעשטעלט פֿון אַ באַנק מיט נאָך אַ צו איר צוגערוקטן בענקל. אַ פֿראָסטער פֿירעקעכדיקער הילצערנער טיש איז געווען ארויסגערוקט צום מיטלסטן פענסטער. אַלע דריי פענסטער, יעדעס מיט קליינע, גרינע, פֿארשימלטע שויבן, זיינען געווען טונקל און פֿאַרקלאַפּט, אַזוי, אַז אין צימער איז געווען גאַנץ דושנע און נישט איבעריק ליכטיק.

אויפֿן טיש איז געלעגן אַן אָפּגעביסן שטיקל ברויט, געשטאַנען אַ פֿאַטעלניע מיט שיריים פֿון אַ געפּרעגלטס און אַ פֿלעשל מיט אַ ביסל בראָנפֿן אויף דער דנאָ.

לעבן דעם ליַנקן בעט איז אויף אַ שטול געזעסן אַ פֿרוי, מיט אַן אָנשטענדיקן אויסזען, אָנגעטון אין אַ סיצן קליידל. זי האָט געהאַט זייער אַ דאַר, געל פּנים; אירע שטאַרק־איינגעפֿאַלענע באַקן האָבן עדות געזאָגט, אַז זי איז קראַנק. נאָר מער פֿון אַלץ האָט אַליאָשען איבעראַשט דער בליק פֿון דער אומגליקלעכער פֿרוי, — אַ שטאַרק פֿאַרוווּנדערטער און איינצייטיק זייער שטאָלצער בליק, און די גאַנצע צייט, וואָס ער האָט גערעדט מיטן באַלעבאָס, די גאַנצע צייט, ביז זי אַליין האָט זיך נישט אָנגערופֿן, האָט זי געקוקט מיט אירע גרויסע קאַרשן־אויגן דאָ אויף איינעם, דאָ אויפֿן צווייטן פֿון

די רעדנדיקע. לעבן דער דאַמע באַם לינקן פענסטער איז געשטאַ־נען אַ יונג, נישט שיין מיידל, מיט רויטע שיטערע האָר, אָרים, אָבער זייער שיין אָנגעטון. זי האָט מיט פאַראַכטונג באַטראַכט אַליאָשען.

רעכטס, אויך לעבן בעט, איז געזעסן נאָך אַ פרוי. דאָס איז געווען אַן אומגליקלעך באַשעפעניש, נאָך אַ יונג מיידל פון אַ יאָר צוואַנציק, אַ הויקערדיקע און קרומע, מיט אָפּגעדאַרטע פיס, ווי מען האָט אַליאָשען שפּעטער דערציילט.

לעבן איר אין ווינקל, צווישן דער וואַנט און בעט, זיינען געשטאַנען אירע קוליעס, און די אויסערגעוויינטלעך שיינע און גוטע אויגן פון דעם מיידל האָבן געקוקט אויף אַלץ מיט אַ שטילער רויקייט.

באַם טיש איז געזעסן און האָט געגעסן דאָס געפּרעגלטס אַ מאַן פון אַ יאָר פינף און פערציק, אַ נידעריקער, דאַרער, שוואַך געבויטער, אַ רויטלעך שיטער בערדל, וואָס איז געווען זייער ענלעך צו אַ צעשויבערטן באָד־וויעכעטש (ווי אַליאָשאַ האָט זיך שפּעטער דערמאָנט, איז אָט דער פאַרגלייך און דער עיקר דאָס וואָרט „וויעכעטש" אין ערשטן מאָמענט אים אַרויף אויפן זינען). און דער זעלבער טאָקע האָט, אַפּנים, אויסגעשריגן פון הינטער דער טיר: „ווער איז דאָרט!" ווייל קיין אַנדערער איז אין צימער נישט געווען. אָבער ווען אַליאָשאַ איז אַריין, איז ער אויפגעשפּרונגען פון דער באַנק, אויף וועלכער ער איז געזעסן באַם טיש, אויף גיך אָפּ־געווישט די ליפּן מיט אַ צעריסן סערוועטל און צוגעלאָפן צו אַליאָשען.

— אַ מאָנאַך בעט אויפן קלויסטער, געטראָפן דאָס אָרט! —

האָט הויך געזאָגט דאָס מיידל פון לינקן ווינקל. נאָר דער הער, וועלכער איז צוגעלאָפן צו אַליאָשען, האָט זיך צו איר אויסגע־דרייט אויף די אָפּצאַסן און מיט אַן אָפּגעהאַקט אויפגערעגטער שטימע איר געענטפערט:

— ניין, ווארוואַרא ניקאָלאַיעווגאַ, איר האָט אַ טעות, נישט געטראָפן, און אַצינד דערלויבט מיר אייך פרעגן, — האָט ער זיך פלוצלינג אויסגעדרייט צו אַליאָשען.

— וואָס פאַר אַ סיבה האָט אייך געבערענגט... אין די קאַנטן?

אַליאָשאַ האָט אויפמערקזאַם געקוקט אויף אים, ער האָט אים געזען דאָס ערשטע מאָל. עס איז געווען אין אים עפּעס אומגעשיקטס, איילנדיקס און אויפגערעגטס. ער איז נישט געווען שיכּור, כאָטש ער האָט נאָר-וואָס געהאַט אויסגעטרונקען. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט אַ שרעקלעכע חוצפּה און איינציייטיק, — און דאָס איז זייער מאָדנע געווען, — אַ שרעקלעכע מורא. ער איז ענלעך געווען צו אַ מענטש, וועלכער איז אַ לאַנגע צייט געווען אונטערטעניק און אַ סך שלעכטס אויסגעשטאַנען, נאָר וועלכער האָט זיך פּלוצלינג צעבונטעוועט און זיך איינגעשפּאַרט באַ זיינעם צו בלייבן. אָדער גיכער צו אַ מענטש, וועלכער וויל זייער אייך שלאָגן, נאָר וועלכער האָט שרעקלעך מורא איר זאָלט אים נישט שלאָגן. אין זיין אַרט רעדן און קוויטשענדיק קול האָט געקלונגען עפּעס אַזאַ נאַרישער הומאָר, דאָ אַ בייזער, דאָ אַ שרעקנדיקער און אָפּגעהאַקטער.

ער האָט אינגאַנצן געציטערט, בשעת ער האָט געשטעלט די פראַגע וועגן די „קאַנטן”, און מיט אויסגעסטאַרטשעטע אויגן אַזוי נאָנט צוגעשפּרונגען צו אַליאָשען, אַז יענער האָט אינסטינקטיוו אָפּגעטרעטן צוריק.

אָנגעטון איז דער מאַן געווען אין אַ טונקעלן, זייער שלעכטן, אַ מין נאַנקאָוון מאַנטל, אַ פאַרלאַטעטן און פאַרפלעקטן. די הויזן זיינען געווען צו העל, אַזעלכע, וואָס קיינער טראָגט זיי שוין לאַנג נישט, קעסטלדיקע און פון זייער אַ דינעם שטאָף. אונטן זיינען זיי געווען צעקנייטשט און זיי האָבן זיך פאַריסן אַרויף, פּונקט ווי באַ אַ קליין יונגעלע, וואָס איז אויסגעוואַקסן פון זייבע הויזן.

— איך בין... אַלעקסעי קאַראַמאַזאָוו... — האָט אַליאָשאַ גע־פּרווּט זאָגן.

— איך פאַרשטיי דאָס גאַנץ גוט, — האָט אים איבערגעריסן דער מאַן, און מיט דעם געגעבן צו וויסן, אַז ער ווייסט אָן דעם אויך, ווער ער איז. — און איך פון מיין זייט בין שטאַבס־קאַפּיטאַן סניעגיראָוו; נאָר דאָך וואָלט איך געוואָלט וויסן, וואָס פאַר אַ סיבה...

— איך בין גלאַט אַזוי אַריין. איך האָב אייך אייגנטלעך גע־וואָלט זאָגן אַ פּאָר ווערטער... אויב איר וועט דערלויבן...

— אויב אַזוי — אָט האָט איר אַ בענקל, ביטע, פאַרנעמט פּלאַץ. אַזוי פלעגט מען אַמאָל אין די אַלטע קאָמעדיעס זאָגן: „ביטע, פאַרנעמט פּלאַץ"...

און דער שטאַבס־קאַפּיטאַן האָט האַסטיק אַ כאַפּ געטון אַ פריי בענקל (אַ פּראָסטס, בלויז אַ הילצערנס און נישט קיין באַשלאָגנס), און אַוועקגעשטעלט עס כמעט אינמיטן שטוב; באַלד געכאַפּט נאָך אַזאַ שטול פאַר זיך, און אַנידערגעזעצט זיך אַנטקעגנאיבער אַליאָשען, אָבער אַזוי נאָענט פון אים, אַז זייערע קני האָבן זיך כמעט צונויפגעשטויסן.

— ניקאָלאַי סניעגיראָוו, געוועזענער שטאַבס־קאַפּיטאַן פון דער רוסישער „פּעכאָטע", הגם זייער דערנידעריקט צוליב זיינע שלעכ־טע אייגנשאַפטן, אָבער דאָך אַ שט. בס־קאַפּיטאַן. מיט וואָס אָבער האָב איך אַרויסגערופן אייער אינטערעס צו מיר? וואָרים לעבן לעב איך דאָך אין באַדינגונגען — נישט קיין פּאַסנדע פאַר גאַסט־פריינטלעכקייט.

— איך בין געקומען... צוליב אָט דער מעשה...

— צוליב אָט דער מעשה? — האָט אים דער קאַפּיטאַן אומ־געדולדיק איבערגעריסן.

— צוליב אייער יענער באַגעגעניש מיט מיין ברודער, מיט דמיטרי פיעדאָראָוויטש, — האָט פאַרלעגן אַליאָשאַ אַרויסגערעדט.

— וועלכער באַגעגעניש? איר מיינט, אפשר, צוליב יענער? צוליב דעם וויעכעטש, הייסט דאָס, צוליב דעם באָד־וויעכעטש? — האָט ער זיך פּלוצלינג אַזאַ רוק צו געגעבן, אַז זיינע קני האָבן זיך ממש אָנגעקלאַפּט אָן אַליאָשען. און די ליפּן זיינע האָבן זיך עפּעס מאָדנע פאַרצויגן אין אַ שנירל.

— וואָס פאַר אַ וויעכעטש? — האָט אַליאָשאַ געשטאַמלט.

— דאָס איז ער, טאַטע, געקומען זיך קלאָגן אויף מיר! — האָט אויסגעשריגן פון הינטער דעם פאָרהענגל אַפער, פון ווינקל, אַ שוין אַליאָשען באַקאַנט יונגלעריש קולכל. — איך האָב אים דאָך אַ ביס געטון אין פינגער! דאָס פאָרהענגל האָט זיך אויפגערוקט און אַליאָשאַ האָט דערזען אין ווינקל אויף דעם, פון דער באַנק און בענקל צונויפגעשטעלטן געלעגער, זיין פריערדיקן שונא. ער איז געלעגן פאַרדעקט מיט זיין מאַנטעלע און מיט אַן אַלטער וואַטאָ־ווער קאָלדרע. ער איז אַפּנים געווען נישט געזונט, און אָן זיינע ברענענדיקע אויגן האָט מען געקענט דערקענען, אַז ער פיבערט, אַז ער האָט היץ.

ער האָט דרייסט, נישט ווי דאַמאָלס, געקוקט אויף אַליאָשען:

אינדערהיים בין איך, האָט עס געהייסן, וועסט מיר גאָר־נישט טון.

— וואָסער פינגער האָט ער געביסן? — האָט זיך דער שטאַבס־קאַפּיטאַן אַ הייב געטון פון אָרט. — דאָס האָט ער אויך אַ ביס געטון אין פינגער?

— יאָ, מיר. ער האָט זיך מיט אַ חברה יונגלעך געוואָרפן מיט שטיינער; זיי זיינען געווען זאַלבעזעקסט און ער איינער אַליין, בין איך צוגעגאַנגען צו אים, אָבער ער האָט אויך מיר אַ שטיין געוואָרפן, און שפּעטער נאָך איינעם אין קאָפּ אַריין. איך האָב אים געפרעגט: וואָס איך האָב אים געטון? האָט ער זיך פּלוצלינג אַרויפ־

געוואָרפן אויף מיר און מיר אַ שטאַרקן ביס געטון אין פינגער, איך ווייס נישט פאַרוואָס.

— באַלד שמייס איך אים אָפּ! די מינוט שמייס איך אים אָפּ, — איז שוין דער שטאַבס-קאַפּיטאַן אינגאַנצן אויפגעשפּרונגען פון בענקל.

— אָבער איך קלאָג דאָך זיך נישט... איך האָב נאָר דער־ציילט... — איך וויל גאָרנישט, אַז איר זאָלט אים שמייסן. און ער איז אַצינד, דאַכט זיך, גאָר קראַנק...

— און איר האָט געמיינט, אַז איך שמייס אים שוין? אַז איך וועל נעמען אילושעטשקען און אים באַלד אָפּשמייסן אייך אין די אויגן, פאַר אייער באַפרידיקונג? אויב עס גלוסט זיך אייך? — האָט דער קאַפּיטאַן אַרויסגערעדט און אַזוי האַסטיק זיך אויסגע־דרייט צו אַליאָשען, ווי ער וואָלט געוואָלט אָנפאַלן אויף אים — עס איז מיר אַ שאָד אייער פינגערל, מיין הער, נאָר אויב איר ווילט, איז איידער אילושעטשקען צו שמייסן, וועל איך בעסער מיינע פיר פינגער, כדי אייך צו באַפרידיקן, אָט דאָ פאַר אייערע אויגן מיט דעם זעלבן מעסער אָפּהאַקן. אָבער פיר פינגער, מיין איך, וועט אייך שוין גענוג זיין צו שטילן אייער נקמה-דאָרשט, דער פינפטער איז שוין איבעריק?...

ער האָט זיך פלוצלינג אָפּגעשטעלט, עס האָט אים פאַרפעלט אָטעם. יעדער געזיכטס שטריך פון זיין פנים האָט זיך באַוועגט און געציטערט, און קוקן האָט ער געקוקט זייער אַרויספאָדערנדיק.

ער איז געווען ווי נישט בײַ זיך אין די הענט.

— אַצינד האָב איך שוין, דאַכט זיך, אַלץ פאַרשטאַנען — האָט אַליאָשאַ שטיל און טרויעריק געענטפערט, זיצנדיק אויף זיין אָרט. — אייער יונגל, הייסט עס — איז אַ גוט יונגל, ער האָט ליב זיין פאָטער און אויף מיר איז ער אָנגעפאַלן, ווי אויף אַ ברודער פון דעם, וואָס האָט אייך באַליידיקט... אַצינד פאַרשטיי איך דאָס

שוין, — האָט ער פאַרקלערט איבערגעחזרט. — נאָר מיין ברודער דמיטרי פעדאָראָוויטש האָט חרטה, איך ווייס דאָס, און אויב עס וועט נאָר מעגלעך זיין ער זאָל קומען אַהער, אָדער ער זאָל זיך בעסער טרעפן מיט אייך ווידער אויף יענעם אָרט, וועט ער באַ אייך, פאַר אַלע אין די אויגן בעטן מחילה... אויב איר וועט נאָר וועלן.

— דאָס הייסט, אויסגעריסן די באָרד און זיך אַנטשולדיקט... אַלץ, הייסט עס, פאַרענדיקט און באַפרידיקט, נישט אַזוי?

— אָ ניין, פאַרקערט, ער וועט טון אַלץ, וואָס איר וועט נאָר וועלן און ווי אַזוי איר וועט נאָר וועלן!

— אַזוי, און ווען איך זאָל בעטן זיין הויכקייט ער זאָל זיך שטעלן פאַר מיר אויף די קניעלעך אין דער זעלבער שענק, — „די הויפט-שטאָט" איז איר נאָמען, — אָדער אויפן פלאַץ אין דרויסן, וואָלט ער זיך געשטעלט?

— יאָ, ער וועט זיך אויף די קני אויך שטעלן.

— גערירט, גערירט ביז טרערן און דורכגענומען. איך האָב אַ צו גרויסע נייגונג צו געפילן. דערלויבט-זשע מיר אינגאַנצן זיך פאָרצושטעלן: מיין משפחה, מיינע צוויי טעכטער און מיין זון. — שטאַרב איך, ווער וועט זיי ליב קריגן? און דערווייל לעב איך, און ווער וועט מיך, דעם נישטיקן, אַחוץ זיי ליב האָבן. אַ גרויסע זאַך האָט דער אייבערשטער אָפּגעטון יעדן מענטש פון מיין שטייגער, ווייל עס איז נייטיק, אַז אויך אַ מענטש פון מיין שטייגער זאָל כאָטש עמעצער אַ ביסל ליב האָבן...

— אַך, דאָס איז זייער אמת! — האָט אַליאָשאַ אויסגעשריגן.

— הערט שוין אויף צו קרימען זיך, עפּעס אַ נאַר קומט צו גיין, און איר זענט אונדז מבזה! — האָט דאָס מיידל באַם פענס-טער פלוצלינג אַ געשריי געטון, אויסדרייענדיק זיך צום פאָטער מיט אַ מינע פון פאַראַכטונג און עקל.

— וואַרט נאָר אַ ביסל, וואַרוואַראַ ניקאָלאַיעווגאַ, דערלויב די ריכטונג אויסצוהאַלטן — האָט דער פּאָטער, כאָטש מיט אַ באַפעלנדיקער שטימע, נאָר דאָך מיט הסכמה קוקנדיק אויף איר, אַ געשריי געטון — דאָס איז שוין בײַ אונדז אזאַ כאַראַקטער, — האָט ער זיך ווידער געווענדט צו אַליאָשען.

„און גאָר קיין זאַך אין דער נאַטור
האָט ער שוין בענטשן נישט געוואָלט"

דאָס הייסט, מען וואָלט געדאַרפט זאָגן אין פרויען-נאָמען: האָט זי בענטשן נישט געוואָלט. נאָר דערלויבט אײַך פאָרצושטעלן מיין פרוי: אָט ארינאַ פּעטראָווגאַ, אַ פרוי אָן פיס, דריי און פערציק יאָר אַלט, די פיס גייען, אָבער נאָר אַ ביסעלע, פון פּראָסטע מענטשן. ארינאַ פּעטראָווגאַ, מאַכט גלייך אייערע געזיכטס-שטריכן: דאָס איז אַלעקסעי פיעדראָוויטש קאַראַמאַזאָוו. שטייט אויף, אַלעקסעי פיעדאָראָוויטש, — ער האָט אים אָנגענומען בײַ דער האַנט און מיט אַ קראַפט, וואָס מ'האָט גאָרנישט געקענט דערוואַרטן פון אים, האָט ער אים פּלוצלינג אַ הייב געטון: אַז מען שטעלט אײַך פאָר פאַר אַ דאַמע, דאַרפט איר אויפשטיין. נישט יענער, מאַמעלע, קאַראַמאַזאָוו, וועלכער... הם. און אַזוי ווייטער, נאָר דער ברודער זיינער, וואָס איז באַרימט מיט זיינע גוטע מידות. דערלויבט, ארינאַ פּעטראָווגאַ, דערלויבט, מאַמעלע, דערלויבט פריער אייער הענטל אַ קוש צו טון.

און ער האָט מיט דרך-ארץ און אפילו צאַרט אַ קוש געטון זיין פרויס האַנט. דאָס מיידל בײַם פענסטער האָט זיך בייז אויסגעדרייט מיט דער פּלייצע צו דער סצענע, דאָס שטאָלץ-פאָרוואונדערטע פּנים פון ווייב האָט פּלוצלינג אויסגעדריקט אַן אויסערגעוויינטלעכע מילדקייט.

— גאָט העלף, זיצט פ. טשערנאָמאַזאָוו, — האָט זי אַרויסגערעדט.

— קאַראַמאַזאָוו, מאַמעלע, קאַראַמאַזאָוו (מיר זיינען פון פּראָס-טע), — האָט ער נאָכאַמאָל שטיל געזאָגט.

— נו, קאַראַמאַזאָוו, אָדער אַנדערש, און איך אַלץ טשערנאָ-מאַזאָוו... זיצט-זשע, און צוליב וואָס האָט ער אייך אויפגעשטעלט? אַ דאַמע אָן פיס, זאָגט ער, פיס האָב איך יאָ, נאָר זיי זיינען ווי צוויי קאַנען אַנגעשוואָלן, און איך אַליין בין אויסגעטרוקנט געוואָרן, פריער בין איך אַהאַ ווי גראָב געווען, און אַצינד זעט, פונקט ווי איך וואָלט אַ נאָדל איינגעשלונגען...

און די אומגליקלעכע האָט זיך פלוצלינג צעוויינט, אַ גאַנצער שטראָם טרערן האָט אַ שפּריץ געטון. דער שטאַבס-קאַפּיטאַן איז האַסטיק צוגעלאָפן צו איר.

— מאַמעלע, מאַמעלע, האַרציקע, גענוג, גענוג!

און ער האָט אָנגעהויבן ווידער קושן אירעביידע הענט און אָנגעהויבן מיט זיינע דלאָניעס צאַרט גלעטן איר פּנים; געכאַפּט אַ סערוועטל און פלוצלינג גענומען ווישן די טרערן פון איר פּנים. אַליאָשען האָט זיך אפילו געדאַכט, אַז בא אים אַליין האָבן זיך אויך געוויזן טרערן.

— נו, געזען? געהערט? — האָט ער זיך פלוצלינג מיט אַ רציחה געווענדט צו אים און אָנגעוויזן מיט דער האַנט אויף דער אומגליקלעכער שוואַכזיניקער.

— טאַטע, טאַטע! ווי קענסטו דאָס מיט אים... לאָז אים אָפּ, טאַטע! — האָט דאָס יונגל אַ געשריי געטון, זיך אויפגעהויבן אויף זיין געלעגער און מיט ברענענדיקע אויגן געקוקט אויפן פאָטער.

— הערט שוין אויף אַמאָל, — האָט שוין וואַרוואַרא אַלעק-סעיעוונאַ, גאָר אין כּעס ווערנדיק, פון איר ווינקל געשריגן און אפילו מיטן פיס געטופּעט.

— דאָס היינטיקע מאָל האָט איר פולע רעכט אין כּעס צו ווערן, וואַרוואַרא ניקאָלאַיעוונאַ, און איך וועל אייך תיכף צופרידן

שטעלן. טוט אָן אייער היטעלע, אַלעקסעי פיעדאָראָוויטש, איך וועל נעמען מיין קאַרטוז, און מיר וועלן גיין. איך דאַרף אייך אַ פּאָר ערנסטע ווערטער צו זאָגן, נאָר אויסער די ווענט, דאָס אָט זיצנ־דיקע מיידל — דאָס איז מיין טאָכטער, נינאַ ניקאָלאַיעוונאַ, איך האָב פאַרגעסן זי פאָרצושטעלן אייך, — גאָטס מלאך אין געשטאַלט פון אַ מענטש... וואָס איז צו די שטאַרבנדיקע אַראָפּגעפלויגן... אויב איר קענט דאָס פאַרשטיין...

— קוקט ווי ער וואַרפט זיך, ווי אין קאָנוווּלסיע — האָט וואַרוואַראַ ניקאָלאַיעוונאַ ווידער גערעדט.

— און די, וואָס טופעט אַצינד אויף מיר מיטן פיסל, — דאָס איז דאָך גאָטס מלאך אין געשטאַלט פון אַ מענטש, זי האָט גוט געטון, וואָס זי האָט מיך אָנגעזידלט. קומט-זשע, אַלעקסעי פיע־דאָראָוויטש, מען דאַרף אַ סוף מאַכן...

און ער האָט אָנגעכאַפּט אַליאָשען בײַ דער האַנט און אים אַרויסגעשלעפּט פון צימער גלייך אינדרויסן אַרויס.

— די לופט איז אַ ריינע, און בײַ מיר אין די שטובן איז גאָרנישט פריש, אין אַלע הינזיכטן אַפילו. קומט זיך דורך, מיין הער, פּאַוואָלינקע. איך וואָלט זייער געוואָלט אייך פאַראינטערעסירן.

— איך אַליין האָב אויך צו אייך אַ זייער וויכטיקן ענין... — האָט אַליאָשאַ געזאָגט — נאָר איך ווייס נישט, ווי אַזוי מען הייבט דאָס אָן.

— ווי פאַרשטייט מען דאָס נישט, אַז איר האָט אַ געשעפט צו מיר? אָן אַ געשעפט וואָלט איר דאָך קיינמאָל צו מיר אַפילו נישט אַריינגעקוקט? צי זענט איר אין אמתן טאַקע געקומען קלאָגן זיך אויפן יונגל? קען דאָך דאָס נישט זיין. און אַגב, וועגן יונגל: איך האָב אייך דאָרט נישט געקענט אַלץ דערקלערן, נאָר אַצינד וועל איך אייך שוין די סצענע באַשרייבן.

זעט איר, דער וויעכעטש מיינער איז געווען געדיכטער.

ערשט צוריק מיט אַ וואָך, — איך רעד דאָס וועגן מיין בערדל: דאָס האָבן דאָך די שילער מיין בערדעלע אַ נאָמען געגעבן וויעכעטש, דערהויפּט די שילער. נו, יאָ, שלעפּט מיך דאַמאָלס דאָס ברידערל אייערס, דמיטרי פּיעדאָראָוויטש, בײַ מיין בערדל, פון דער שענק אויפן פּלאַץ מיך אַרויסגעשלעפּט, און די שילער גייען גראָד פון שול אַרויס און מיט זיי אילושע. און ווי ער האָט מיך אין דעם צושטאַנד דערזען — האָט ער זיך באַלד צו מיר אַ וואָרף געטון:

— טאַטע — שרייט ער — טאַטע!

כאַפּט זיך אָן אָן מיר, נעמט מיך אַרום, וויל מיך אַרויסרייסן, שרייט צו מיין באַליידיקער:

— לאָזט, לאָזט אָפּ, דאָס איז מיין טאַטע, טאַטע, אַנטשולדיקט אים!

אָט אַזוי טאַקע האָט ער געשריגן „אַנטשולדיקט"; מיט די הענטלעך אים אָנגעכאַפּט בײַ זיין האַנט, בײַ אָט דער זעלבער האַנט זיינער און געקושט זי... איך געדענק, ווי זיין פּנימל האָט בשעת מעשה אויסגעזען, איך האָב דאָס נישט פאַרגעסן און וועל דאָס נישט פאַרגעסן!...

— איך שווער, — האָט אַליאָשאַ אויסגעשריגן, — מיין ברודער וועט אויפן אויפריכטיקסטן און בעסטן אופן אויסדריקן אייך זיין חרטה, זאָל זיין אַפילו אויף די קני אויף יענעם פּלאַץ... איך וועל אים צווינגען, אַנדערש איז ער מיר מער קיין ברודער נישט!

— אַהאַ, איז דאָס, הייסט עס, דערווייל נאָר אַ פּראָיעקט, נישט גלייך פון אים, נאָר פון אייער איידעלן, הייסן האַרץ קומט דאָס. אַזוי האָט איר געדאַרפט זאָגן. ניין, אויב אַזוי, דערלויבט-זשע מיר ביזן סוף שוין צו דערזאָגן וועגן אייער ברודערס העכסט-ריטערישער און אָפיצירישער פיינקייט, ווייל ער האָט זיי דאַמאָלס אַרויסגעוויזן. אויפגעהערט מיך באַם וויעכעטש צו שלעפּן, אויף דער פריי מיך אָפּגעלאָזט:

— דו ביסט — זאָגט ער — אַן אָפּיציר און איך בין אַן אָפּיציר, — קענסטו געפינען אַ סעקונדאַנט, אַן אַנשטענדיקן מענטש, שיק אים צו צו מיר — וועל איך דיר געבן אַ באַפרידיקונג, הגם דו ביסט אַ מנוּבל!

אָט וואָס ער האָט געזאָגט. אַן אמת ריטערישער גייסט!

זיינען מיר דאַמאָלס מיט אילושען אַוועק, און דאָס משפּחה־בילד האָט זיך אויף אייביק אָפּגעדריקט אין זיין נשמה.

ניין, פאַרפאַלן, ווי קענען מיר שוין דוואָריאַנעס בלייבן! אדרבה, זאָגט אַליין, איר זענט דאָך בײַ מיר אין די שטובן געווען, — וואָס האָט איר געזען? דריי דאַמעס זיצן, איינע אָן פיס, פון זינען געריררט! די צווייטע אָן פיס, אַ הויקערדיקע, און די דריטע שוין מיט פיס, אָבער שוין אַ צו קליגע, אַ קורסיסטין, רייסט זיך ווייטער, קיין פּעטערבורג. וועגן אילושען רעד איך נישט, ער איז אינגאַנצן ניין יאָר אַלט, איינער אַליין, ווייל לאָמיך נאָר שטאַרבן — און וואָס וועט פון די אַלע איבעריקע ווערן, וועגן דעם נאָר פרעג איך אייך? און אויב אַזוי, אויב איך רוף אים אַרויס אויף אַ דועל און ער דערהרגעט מיך באַלד, איז וואָס וועט דאַמאָלס זיין? מיט זיי? מיט אַלע וואָס וועט ווערן? און נאָך ערגער, טאָמער דערהרגעט ער מיך נישט, און צעקאַלעטשעט מיך נאָר?

אַרבעטן וועל איך נישט קענען, און אַן עסער וועט בלייבן, ווער־זשע וועט דאַמאָלס מיך אָנקאָרמיען און ווער וועט זיי אַלע דאַמאָלס קאָרמיען? אפשר, אַנשטאָט אין שול אַריין אילושען, יעדן טאָג שיקן נדבות בעטן? איז אָט וואָס עס הייסט פאַר מיר אויף אַ דועל אים אַרויסרופן — אַ נאַריש וואָרט און מער גאָרנישט.

— ער וועט בײַ אייך מחילה בעטן, ער וועט פאַר אייך אינמיטן פּלאַץ ביז דער ערד זיך פאַרנייגן — האָט אַליאָשאַ מיט אָנגעצונדענע אויגן אויסגעשריגן.

— איך האָב אים געוואָלט רופן צו אַ געריכט — האָט דער

שטאַבס־קאַפּיטאַן פּאָרטגעזעצט, — נאָר נעמט, באַטראַכט אונדזערע געזעצן, איז וואָס וועל איך באַקומען פון אים, פון מיין באַליידיקער, וואָס האָט מיך פּערזענלעך אַזוי באַליידיקט? און דעריבער בין איך פלוצלינג שטיל געבליבן, און די מייניקע האָט איר דאָך געזען!

אָבער אַצינד דערלויבט מיר צו פרעגן:

האָט ער טאַקע אייך שטאַרק אַ ביס געטון אין פינגער? דאָרט אין די שטובן האָב איך נישט געוואָלט אין זיין אָנוועזנהייט אַריינגריבלען זיך אין דער איינצלהייט.

— יאָ, זייער שטאַרק, און ער איז שטאַרק אויפגערעגט געווען. ער האָט זיך אָן מיר נוקם געווען, ווי אין אַ קאַראַמאַזאָוו, מיר איז דאָס אַצינד קלאָר — נאָר ווען איר זעט, ווי ער האָט זיך מיט חברים, שילער, שטיינער געוואָרפן? עס איז זייער געפערלעך, זיי קענען אים נאָך דערהרגענען, זיי זיינען קינדער, נאַריש, דער שטיין פליט, קען ער דעם קאָפּ דורכלעכערן.

— ער האָט שוין געכאַפּט, נישט אין קאָפּ, איז אין דער ברוסט אַריין, אַ ביסל העכער פון האַרץ — היינט האָט ער געכאַפּט — אַ קלאַפּ מיט אַ שטיין. אַ צעביילטער געקומען — וויינט, קרעכצט, און אַט איז ער גאָר קראַנק געוואָרן.

— און איר ווייסט, ער פאַלט דאָך אָן דער ערשטער אויף אַלעמען, ער איז דאָס פאַר אייך אין כעס געוואָרן, זיי זאָגן, אַז איינעם אַ יונגל, קראַסאָטקינען, האָט ער מיט אַ מעסערל אין דער זייט אַריין אַ שטאָך געגעבן...

איך האָב געהערט וועגן דעם אויך, דאָס איז געפערלעך: קראַסאָטקין איז דאָ אַזאַ מלוכה־באַאַמטער געווען, עס קענען נאָך אומאָנגענעמלעכקייטן זיין...

— איך וואָלט אייך געעצהט, — האָט אַליאָשאַ מיט היץ פאָרטגעזעצט, — אַ שטיקל צייט אים אינגאַנצן אין שול אַריין נישט

צו שיקן, ביז ער וועט זיך באַרויִקן... ביז דער כּעס וועט אין אים איבערגיין...

— דער כּעס! האָט דער שטאַבּס־קאַפּיטאַן אונטערגעכאַפּט, — אָט דער כּעס טאַקע. אַ קליין נפשל, און דער כּעס דערין איז גרויס. איר ווייסט דאָס נישט. דערלויבט מיר, וועל איך אייך די גאַנצע געשיכטע דערציילן. די מעשה דערפון איז, וואָס נאָך יענער גע־געשעעניש, האָבן אַלע שילער זיך גענומען רייצן מיט אים מיט דעם וואָרט וויעכעטש.

קינדער אין די שולן זיינען אומרחמנותדיק; אַליין, באַזונדער, זיינען זיי מלאכים פון גאָט און צוזאַמען, איבערהויפּט אין די שולן, זיינען זיי אָפט אומרחמנותדיק. און אַז מען האָט זיך אָנגעהויבן רייצן מיט אים, האָט זיך אין אילושען אויפגעוועקט אַ שטאָלצער גייסט. אַ דורכשניטלעך יונגל, אַ שוואַכער זון, — אַזעלכער וואָלט זיך אונטערגעגעבן, וואָלט זיך געשעמט מיט זיין פאָטער, און דער האָט איינער אַליין קעגן אַלעמען זיך צעבונטעוועט. פאַרן פאָטער, פאַר דער גערעכטיקייט און פאַרן אמת. וואָרים וואָס ער האָט דאַ־מאָלס איבערגעליטן, ווען ער האָט דאָס ברידערל אייערס אין די הענט אַריין געקושט, געשריגן צו אים:

— זייט מוחל דעם טאַטן, זייט מוחל דעם טאַטן!

דאָס ווייסט נאָר איין גאָט אין הימל און איך. און אָט אויף אַזאַ אופן דערוויסן זיך די קינדערלעך אונדזערע, דאָס הייסט, נישט אייערע, נאָר אונדזערע, די קינדער פון די פאַרהאַסטע נאָר שטאָל־צע קבצנים, שוין פון ניין יאָר אָן וועגן דעם אמת אויף דער ערד. ווי קומט דאָס צו די רייכע: יענע וועלן זייער גאַנץ לעבן צו דער טיפקייט נישט דערגרייכן, און מיין אילושעטשקע האָט אין יענער מינוט, אויפן פּלאַץ, ווען ער האָט זייגע הענט געקושט, דעם גאַנצן אמת פאַרשטאַנען. דער אמת איז אַריין אין אים און דערשלאָגן אים אויף אייביק — האָט היציק, און ווידער אויסער זיך, גערעדט דער

שטאַבס־קאַפּיטאַן, און דערביי געקלאַפּט מיט דער רעכטער פויסט איבער דער לינקער האַנט. יילנדיק באַוויזן דערמיט דייטלעך, ווי דער „אמת" האָט זיין אילושען דערשלאָגן.

יענעם טאָג האָט ער געפיבערט, אַ גאַנצע נאַכט געדעדט פון היץ, אַ גאַנצן טאָג דאַמאָלס ווייניק גערעדט מיט מיר, כמעט אינגאַנצן געשוויגן, אָבער איך האָב באַמערקט: ער קוקט און קוקט אויף מיר פון זיין ווינקל אַרויס, נאָר נאָך מער פאַלט ער צו צום פענסטער און לערנט זיך כלומרשט די לעקציעס, אָבער איך האָב געזען, אַז ניט די לעקציעס ליגן אים אין קאָפּ.

אויפן צווייטן טאָג האָב איך, זינדיקער מענטש, אויסגעטרונקען און געדענק נישט, צוליב די צרות, אַ סך זאַכן. און דאָ האָט נאָך די מאַמע אויך אָנגעהויבן וויינען, — און די מאַמע האָב איך זייער ליב, — נו, האָב איך פון צרות אַ כוסה געמאַכט פאַר דעם לעצטן געלט.

ליג איך מיר אַזוי און געדענק נאָרנישט אין דעם טאָג אילושען, און גראָד אין דעם זעלבן טאָג, פון אינדערפרי אָן, האָבן די יונגלעך כסדר פון אים חוזק געמאַכט:

— וויעכעטש, — שרייען זיי צו אים, — דיין טאַטן האָט מען באַ זיין וויעכעטש פון דער שענק אַרויסגעשלעפּט און דו ביזט נאָכגעלאָפן און מחילה געבעטן.

אויפן דריטן טאָג קומט ער ווידער פון שול. איך זע — קיין מענטשלעכע צורה האָט ער נישט, איינגאַנצן בלייך — וואָס איז מיט דיר? — פרעג איך — שווייגט ער. נו, און אַ סך רעדן אין די שטובן קען מען נישט, באַלד מישן זיך אַריין דאָס מאַמעלע מיט די מיידלעך, און דערצו האָבן נאָך די מיידלעך באַלד דעם ערשטן טאָג פון אַלעם געוווּסט. וואַרוואַראַ ניקאָלאַיעוונאַ האָט שוין געוואָרטשעט:

— לצים, קלאָונס, עס קען דען ביי אייך עפּעס גוטס אַרויס־קומען ?

— גערעכט, ווארוואַרא ניקאָלאַיעוונאַ — זאָג איך — קען דען ביי אונדז עפּעס גוטס אַרויסקומען ?

מיט דעם בין איך יענץ מאָל אָפּגעקומען. און באַנאַכט האָב איך דאָס יונגל שפּאַצירן אַרויסגעפירט. און אויב איר ווילט וויסן, פלעגן מיר פריִער אויך יעדן טאָג שפּאַצירן גיין, פּונקט אויף דעם זעלבן וועג, וואָס איך גיי אַצינד מיט אייַך, אָנהייבנדיק פון אונדזער טירל ביז יענעם גרויסן שטיין, וואָס ליגט דאָרט איינזאַם באַם פּלויט, ווו עס הייבט זיך אָן דאָס שטאָטישע פּאַשע־פעלד : אַן אָרט אַ פּוסטס און אַ שיינס.

גייען מיר אַזוי מיט אילושען, זיין הענטעלע ליגט אין מיין האַנט, ווי שטענדיק ; און אַ הענטעלע האָט ער אַ פּיצלס, די פינגערלעך דאַרענקע, קאַלטענקע, — ער ליידט דאָך אויפן הערצל.

— טאַטע — זאָגט ער — טאַטע !

— וואָס — פרעג איך אים — און די אייגעלעך, זע איך, בלישטשען.

— טאַטע, ווי ער האָט דיך דאַמאָלס, טאַטע.

— וואָס־זשע טוט מען, אילושע — זאָג איך.

— בעט דיך נישט איבער מ׳ט אים, טאַטע, בעט דיך נישט איבער. די שילער זאָגן, אַז ער האָט דיר דערפאַר צען רובל געגעבן.

— ניין — זאָג איך — אילושע, איך וועל שוין אַצינד בשום אופן קיין געלט באַ אים נישט נעמען.

האָט ער זיך אָנגעהויבן טרייסלען, אַנגעכאַפּט מיין האַנט מיט זיינעביידע הענטלעך און קושט אָן אויפהער.

— טאַטע — זאָגט ער — טאַטע, רוף אים אַרויס אויף אַ דועל, אין שול רייצט מען זיך מיט מיר, אַז דו ביסט אַ פּחדן, אַז דו

וועסט אים נישט אַרויסרופן אויף קיין דועל, נאָר וועסט נעמען באַ אים צען רובל.

— אויף אַ דועל, אליושע, טאָר איך אים נישט אַרויסרופן — ענטפער איך און גיב אים איבער בקיצור אַלץ, וואָס איך האָב שוין אייך וועגן דעם געזאָגט — האָט ער אויסגעהערט:

— טאַטע — זאָגט ער — טאַטע, פונדעסטוועגן — בעט זיך נישט איבער; איך וועל אויפוואַקסן, וועל איך אים אַרויסרופן און וועל אים דערהרגענען!

און די אייגלעך זיינע פינקלען און ברענען.

נו, און ביי דעם אַלעם בין איך דאָך אַ פאָטער, האָב איך דאָך געדאַרפט אים אַ וואָרט אמת צו זאָגן.

— עס איז אַן עבירה — זאָג איך אים צו דערהרגענען, אפילו אויף אַ דועל.

— טאַטע — זאָגט ער — טאַטע, איך וועל אים אומוואַרפן, ווען איך וועל אַ גרויסער זיין, איך וועל מיט מיין שווערט זיין שווערט אַרויסקלאַפן, אָנפאַלן אויף אים, אומוואַרפן אים, פאַרמעסטן זיך מיט דער שווערט און אים זאָגן: „איך וואָלט דיך אַצינד געקענט דערהרגענען, נאָר איך בין דיר מוחל, נאַדיר!"

— זעט איר, זעט איר, מיין הער, וואָס פאַר אַ פראָצעס זיין קעפל האָט אין די צוויי טעג דורכגעמאַכט. דאָס האָט ער טאָג און נאַכט געטראַכט וועגן נקמה-נעמען מיט דער שווערט, און באַנאַכט, ווייזט אויס, וועגן דעם פון היץ גערעדט. נאָר ער האָט אָנגעהויבן קומען פון שול שטאַרק צעשלאָגן, דאָס האָב איך מיך אייערנעכטן דערוווּסט, און איר זענט גערעכט; מער שיק איך אים שוין נישט אין שול אַריין. און דערוווּסט האָב איך מיך, אַז ער גייט אייבער אַליין קעגן דער גאַנצער קלאַס, העצט אונטער אַלע, אַ שטאַרקער כעס האָט אים אַרומגעכאַפּט, זיין האַרץ אָנגעצונדן, — האָב איך מיך דערשראָקן פאַר אים.

ווידער גייען מיר, שפּאַצירן זיך.

— טאַטע — פרעגט ער — טאַטע, רייכע זיינען דאָך שטאַר־קער פאַר אַלע אויף דער וועלט?

— יאָ, — זאָג איך — אילושאַ, נישטאָ אויף דער וועלט קיין שטאַרקערס פון אַ רייכן.

— טאַטע, — זאָגט ער — איך וועל רייך ווערן, און וועל אַן אָפיציר זיין, און וועל אַלע גובר זיין. דער קיסר וועט מיך באַ־שענקען, וועל איך קומען צו פאָרן, און קיינער וועט שוין נישט וואַגן... — שווייגט ער אַ ביסל און רעדט ווייטער, און די ליפּע־לעך זיינע ציטערן. — טאַטע — זאָגט ער — אַזאַ שלעכטע שטאָט איז אונדזערע, טאַטע!

— יאָ, — זאָג איך — אילושעטשקע, נישט איבעריק גוט איז אונדזער שטאָט.

— טאַטע, לאָמיר אַריבערפאָרן אין אַן אַנדערער שטאָט אַריין, אין אַ גוטער — זאָגט ער — שטאָט אַריין, ווו קיינער קען אונדז נישט.

— מיר וועלן אַריבערפאָרן — זאָג איך — מיר וועלן אַרי־בערפאָרן, לאָמיר נאָר אַ ביסל געלט אָנקלויבן.

דערפרייט האָב איך זיך מיט דער געלעגנהייט אים אָפּצו־רייסן פון זיינע פינסטערע מחשבות, און מיר האָבן אָנגעהויבן טרוי־מען, ווי אַזוי מיר וועלן דאָס אין דער אַנדערער שטאָט אַריין אַרי־בערפאָרן, אַ פערד און וועגעלע זיך קויפן, די מאַמע מיט דער שוועסטער אַרויפזעצן, צודעקן זיי, און מיר ביידע וועלן באַ דער זייט שפּאַנען, פון צייט־צו־צייט נאָר וועל איך אויך דיך אַ ביסל אַרויפזעצן און אַליין וועל איך לעבן אייך שפּאַנען, מען מוז דאָך דאָס פערדל אָפּהיטן, קענען דאָך נישט אַלע אויפזיצן, אָט אַזוי וועלן מיר זיך אין וועג אַריין לאָזן.

דאָס איז אים שטאַרק געפעלן געוואָרן, און דער עיקר, וואָס

עס וועט אַן אייגן פערדל זיין און ער אַליין וועט מיטן פערדל פאָר. און דאָס איז דאָך שוין באַוווסט, אַז דאָס רוסישע יונגל איז באַלד מיט אַ פערדל געבוירן געוואָרן. און לאַנג האָבן מיר אַזוי געפּלוי־דערט; גאָט צו דאַנקען, טראַכט איך, צעשטרייט אים, באַרויקט.

דאָס איז געווען אייערנעכטן, און נעכטן באַנאַכט איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש געוואָרן.

אינדערפרי איז ער ווידער אין שול אַריין אַוועק, נאָר צו־ריקגעקומען מרהשחורהדיק, שטאַרק מרהשחורהדיק. באַנאַכט נעם איך אים אָן באַם הענטל, פיר אים אַרויס שפּאַצירן, שווייגט ער, רעדט נישט. עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ ווינטל, די זון האָט זיך פאַר־שטעלט, עס האָט מיט האַרבסט אַ שמעק געטון, און דאָ איז שוין פינסטערלעך געוואָרן, — גייען מיר, אוןביידע איז אונדז אַזוי אומעטיק.

— נו, יונגעלע, ווי אַזוי־זשע וועלן מיר — זאָג איך — אין וועג אַריין זיך אַוועקלאָזן?

איך האָב אים געוואָלט אויפן נעכטיקן שמועס אַרויפפירן — שווייגט ער. און נאָר די פינגערלעך זיינע, פיל איך, האָבן אין מיין האַנט אַ ציטער געטון, ע, טראַכט איך, שלעכט, שוין עפּעס נייעס. זיי־נען מיר דערגאַנגען ביז אָט דעם שטיין, און איך האָב מיך אויף דעם שטיין אַנידערגעזעצט, און צו די הימלען אַרויף זייבען אַלע שלאַנ־גען אַרויפגעלאָזט, רוישן, קנאַקן, אַ שלאַנגען דרייסיק אפשר, עס איז דאָך אַצינד די שלאַנגען־צייט.

— זעסט — זאָג איך — שוין צייט מיר זאָלן אויך אונדזער פאַראַיאָרעדיקן שלאַנג לאָזן, איך וועל אים שוין פאַריכטן, ווו איז ער אָבער באַ דיר ערגעץ? — שווייגט ער, מיין יונגל, שטייט מיט אַ זייט צו מיר, קוקט נישט אויף מיר. און דאָ האָט פּלוצלינג דער ווינט אַ רויש געטון, אונדז מיט זאַמד פאַרשיט... און פּלוצלינג האָט ער זיך אינגאַנצן אַ וואָרף געטון צו מיר, מיט ביידע הענטלעך מיין

האַלדז אַרומגעכאַפּט, מיך צוגעדריקט צו זיך. איר ווייסט, אויב קינדערלעך זיינען שווייגנדיק, און דערצו נאָך שטאָלצע, זיי פאַר־בערגן לאַנג אין זיך די טרערן, איז, אַז עס גיט זיך אַ ריס בײַ זיי אין אַ ביטערער מינוט, רינען שוין נישט די טרערן, נאָר שפּריצן שטראָמענווייז, און מיט די ווארעמע טראָפּנס האָט ער מיין גאַנץ פּנים באַנעצט. שרעקלעך האָט ער געוויינט, זיך געטרייסלט אינגאַנצן, מיך צו זיך צוגעדריקט, און איך זיץ אויפן שטיין.

— טאַטעשי, טאַטעשי, — שרייט ער — ליבער טאַטעשי, ווי דערנידעריקט ער האָט דיך דאָס!

דאָ האָב איך מיך אויך צעוויינט. זיצן מיר ביידע אַזוי און טרייסלען זיך אַרומגענומענערהייט.

— טאַטעשי — זאָגט ער — טאַטעשי!

— אילושעטשקע — זאָג איך — אילושעטשקע!

קיינער האָט אונדז דאַמאָלס נישט געזען, איין גאָט נאָר האָט זיך צוגעקוקט, אפשר וועט ער מיר דאָס נעדענקען אַמאָל. דאַנקט אייער ברידערל, אַלעקסעי פיעדאָראָוויטש. ניין, איך וועל צוליב אייער באַפרידיקונג נישט שמייסן מיין יונגל.

ער האָט ווידער פאַרענדיקט אויפן פריערדיקן שטייגער בייז און אָפּלאַכנדיק. אָבער אַליאָשאַ האָט געפילט, אַז אים גלייבט ער שוין אַצינד, און אַז עס זאָל געווען זיין אויף זיין אָרט אַן אַנדע־רער, וואָלט דער מענטש מיט אַן אַנדערן אַזוי נישט „גערעדט" און וואָלט אים נישט מיטגעטיילט דאָס, וואָס ער האָט אים מיטגע־טיילט. דאָס האָט מוט צוגעגעבן אַליאָשען, בײַ וועלכן דאָס האַרץ האָט פון טרערן געציטערט.

— אַך, ווי איך וואָלט מיך איבערבעטן געוואָלט מיט אייער יונגל! — האָט ער אויסגעשריגן. — ווען איר טוט דאָס...

— יאָ, גערעכט, — האָט דער שטאַבס־קאַפּיטאַן געמורמלט.

— אָבער אַצינד בין איך נישט דאָס אויסן, נישט דאָס, הערט

זיך איין,— האָט אַליאָשאַ אויסגעשריגן, — הערט! איך האָב צו אייך אַ שליחות: אָט דער ברודער מײַנער, דמיטרי, האָט באַליידיקט זײַן כּלה אויך, זייער, זייער אַן איידל מיידל, איר האָט מסתמא געהערט וועגן איר. איך האָב דאָס רעכט צו דערציילן אייך וועגן איר באַליידיקונג, איך מוז דאָס אפילו טון, ווײַל דערוויסנדיק זיך וועגן אייער באַליידיקונג, דערוויסנדיק זיך וועגן אייער אומגליקלעכער לאַגע, האָט זי מיך געשיקט אַצינד... פריער... ברענגען אייך די הילף פון איר, אָבער פון איר און נישט פון דמיטרין, וואָס האָט זי אויך אַוועקגעוואָרפן, ניין, נישט פון אים און נישט פון מיר, פון זײַן ברודער, און נישט פון עמעצן אַנדערש, נאָר פון איר, פון איר אַליין! און זי בעט אייך שטאַרק, איר זאָלט זיך נישט אָפּזאָגן פון איר הילף... זי האָט זיך דאָך דערמאַנט וועגן אייך ערשט דאַמאָלס, ווען זי איז אויך אויסגעשטאַנען פון אים די זעלבע באַליידיקונג (לויט דער שטאַרקייט פון דער באַליידיקונג) — אויך אַזעלכע ווי איר פון אים. דאָס הייסט, אַ שוועסטער וויל מיטהעלפן איר ברודער... זי האָט מיך טאַקע געבעטן, איך זאָל אייך צורעדן, איר זאָלט צונעמען צוויי הונדערט רובל, ווי בײַ אַ שוועסטער. קיינער וועט וועגן דעם נישט וויסן, קיינער וועט קיין רכילות ניטש טרײַבן... אָט זײַנען די צוויי הונדערט רובל, און איך באַשווער אייך — איר מוזט זיי נעמען, אַנדערש... אַנדערש, הייסט עס, דאַרפן אַלע, איינער דעם אַנדערן שונאים זײַן! עס זײַנען דאָ אויף דער וועלט ברידער אויך... איר האָט אַן איידעלע נשמה... איר מוזט דאָס פאַרשטיין, איר מוזט!...

און אַליאָשאַ האָט אים דערלאַנגט די צוויי שפּיגל־נײַענקע פּאַפּירענע הונדערטער. אין יענעם מאָמענט זײַנען זיי ביידע געשטאַנען פּונקט בײַם גרויסן שטיין לעבן דעם פּלויט און אַרום איז קיינער נישט געווען. די פּאַפּירלעך האָבן אויפן שטאַבס־קאַפּיטאַן געמאַכט אַ גרויסן איינדרוק: ער האָט אויפגעציטערט, פריער פון

פאַרוווּנדערונג: אים האָט זיך אַזוינס אפילו נישט געחלומט און אויף אַזאַ סוף האָט ער גאָרנישט געוואָרט. אַ הילף פון עמעצן, און נאָך אַזאַ גרויסע, האָט זיך אים אפילו אין טרוים נישט פאָרגעשטעלט. ער האָט גענומען דאָס געלט און כמעט אַ גאַנצע מינוט נישט גע־קענט קיין וואָרט אויסרעדן. און זיין פנים האָט גאָר אַן אַנדערן אויסדרוק באַקומען.

— דאָס גיט איר מיר, מיר, אַזוי פיל געלט, צוויי הונדערט רובל, טאַטע זיסער! איך האָב דאָך שוין פיר יאָר אַזוי פיל געלט נישט געזען, — גאָט מיינער! און זי זאָגט — אַ שוועסטער... און דאָס איז אמת, אמת?

— איך שווער אייך, אַז אַלץ, וואָס איך האָב אייך געזאָגט, איז אמת! — האָט אַליאָשאַ אויסגעשריגן.

דער שטאַבס־קאַפּיטאַן איז רויט געוואָרן.

— הערט זיך צו, מיין טייערער, הערט זיך צו, טאָמער נעם איך, וועל איך אין אייערע אויגן נישט זיין קיין מנובל? אין איי־ערע אויגן, אַלעקסעי פיאָדאָראָוויטש, וועל איך דאָך נישט זיין, וועל איך נישט זיין קיין מנובל? ניין, אַלעקסעי פיאָדאָראָוויטש, הערט אויס, — האָט ער זיך געאיילט און יעדער ווײַלע צו אַליאָשען מיט ביידע הענט זיך צוגערירט — איר רעדט מיך צו איך זאָל נעמען, ווייל אַ „שוועסטער" שיקט, אָבער אין זיך, טיף אין האַרץ, וועט איר מיך נישט פאַראַכטן, אויב איך וועל נעמען, האַ?

— אָבער ניין, ניין! איך שווער אייך בײַ וואָס מיר הייליק איז, אַז ניין! און קיינער וועט זיך נישט דערוויסן, נאָר מיר: איך, איר און זי.

— הערט, אַלעקסעי פיאָדאָראָוויטש, הערט אויס, עס איז דאָך שוין אַזאַ מינוט געקומען, וואָס מען דאַרף אויסהערן, ווארים איר קענט דאָך אַפילו נישט פאַרשטיין, וואָס עס באַדייטן פאַר מיר אַצינד די דאָזיקע צוויי הונדערט רובל — האָט דער אָרימער פאַרטגעזעצט

און שטופנווייז איבערגעגאַנגען צו עפּעס אַ מאָדנער, כּמעט ווילדער התפּעלות.

ער איז גאָר מטושטש געוואָרן, גערעדט שרעקלעך גיך און איילנדיק, מורא געהאַט, אַפּנים, מען זאָל אים אַמאָל נישט לאָזן אַרויסזאָגן אַלץ:

— אַ חוץ דעם, וואָס איך האָב דאָס געקריגן אויף אַן ער־לעכן אופן, פון זייער אַ געערטער און הייליקער „שוועסטער״, צי ווייסט איר, אַז איך וועל אַצינד קענען דאָס מאַמעלע און נינאָטש־קען, דאָס הויקערדיקע מלאכל מיינס, די טאָכטער מיינע, היילן אַ ביסל?

עס איז צו מיר, אַ דאַנק דער גוטהאַרציקייט זיינער, דער דאָקטאָר הערצענשטובע געקומען, אַ גאַנצע שעה באַטראַכט ביידע: „איך פאַרשטיי, זאָגט ער, גאָרנישט״, און פונדעסטוועגן וואָלט דאָס מינעראַלע וואַסער, וואָס איז אין דער אָרטיקער אַפּטייק דאָ (ער האָט פאַרשריבן דאָס וואַסער) אָן שום ספק איר אַ גרויסע נוץ גע־ברענגט, און צו די פּיס האָט ער פאַרשריבן וואַנעס פון רפואות. דאָס מינעראַלע וואַסער קאָסט דרייסיק קאָפּעקעס, און מען דאַרף אפשר אַ קריגלעך פערציק אויסטרינקען. האָב איך גענומען די רע־צעפּט און זי אויפן שענקעלע אַרויפגעלייגט, ליגט זי דאָרט.

און נינאָטשקען האָט ער געהייסן באָדן אין עפּעס אַזאַ צו־זאַמענשטעל פון רפואות, און הייסע וואַנעס אַזעלכע, יעדן טאָג באַך אינדערפרי און באַנאַכט. ווי־זשע קענען מיר דאָס אויספירן אין אונ־דזערע שטובן אָן אַ דינסט, אָן הילף, אָן געפעס און וואַסער? און נינאָטשקע ליידט פון רעוומאַטיזם, איך האָב דאָס נאָך נישט געזאָגט, באַנאַכט ציט זי און נאָגט זי די גאַנצע רעכטע טייל פון גוף, מאַ־טערט זיך, און איר גלייבט? דער מלאך פון גאָט שטאַרקט זיך זי זאָל אונדז נישט באַאומרויקן, קרעכצט נישט, כּדי אונדז נישט אויפ־צוועקן. און עסן, עסן מיר, וואָס עס מאַכט זיך, וואָס מען קריגט

נאָר, זיך נעמט זי דאָס ערגסטע חלק, וואָס מען קען נאָר פאַר אַ הונט אַהויסוואַרפן: „איך בין נישט ווערט, דאַרף דאָס הייסן, דאָס שטיקל אויך, איך נעם צו באַ אייך, איך בין אייך צו לאַסט". אָט וואָס איר מלאכישער בליק וויל אויסדריקן. באַדינען מיר זי, און איר איז דאָס שווער.

„איך בין נישט ווערט, נישט ווערט, אַ וויסטע קאַליקע, אַן איבעריקע בין איך".

— שיין נישט ווערט, זי איז פאַר אונדז אַלע מיט איר מלאכי־שער מילדקייט פאַר גאָט אַ מליץ יושר, אָן איר, אָן איר שטילן וואָרט, וואָלט ביי אונדז אַ גיהנום געווען, אפילו וואַריען האָט זי ווייכער געמאַכט.

און וואַרוואַראַ ניקאָלאַיעווּנאַ דאַרפט איר אויך נישט באַשול־דיקן, אויך אַ מלאך, אויך אַ באַליידיקטע. זי איז זומער־צייט געקו־מען צו אונדז, מיטגעבערענגט זעכצן רובל, וואָס זי האָט פון לעק־ציעס פאַרדינט און באַהאַלטן אויף סעפּטעמבער, אויף אַצינד, הייסט עס, כּדי צו האָבן מיט וואָס זיך קיין פּעטערבורג אומצוקערן. און מיר האָבן איר געלט פאַרלעבט, און זי האָט נישט מיט וואָס צו פאָרן, אָט וואָס. און זי קען גאָרנישט אָפּעקפאָרן, ווייל זי אַרבעט אויף אונדז, ווי אַ קאַטאָרזשנע — מיר האָבן זי דאָך ווי אַ קלאַטשע איינגעשפּאַנט, באַזאָרגט אַלע, פאַריכט, וואַשט, קערט די פּאָדלאָגע, לייגט שלאָפן דאָס מאַמעלע, און דאָס מאַמעלע איז אַ קאַפּריזע, און דאָס מאַמעלע איז אַ ווייגענדיקע, און דאָס מאַמעלע איז אַ משוגע־נע!... וועל איך דאָך קענען איצט פאַר די צוויי הונדערט רובל אַ דינסט דינגען, פאַרשטייט איר דאָס, אַלעקסעי פיעדאָראָוויטש, וועל איך דאָך קענען אָנהייבן היילן די טייערע נפשות, וואַריענקען קיין פּעטערבורג שיקן, פלייש קויפן, אַ נייע דיעטע איינפירן. גאָט, דאָס איז דאָך אַ חלום!

אַליאָשאַ איז שרעקלעך צופרידן געווען, וואָס ער האָט אַזוי פיל פרייד פאַרשאַפט און וואָס דער אָרימער האָט זיך גליקלעך מאַכן געלאָזט.

— שטייט, אַלעקסעי פיאָדראָוויטש, שטייט, — האָט זיך דער שטאַבס-קאַפּיטאַן אָנגעכאַפּט באַ אַ נייעם חלום, און גיך, אויסער זיך, ווייטער געפּלאַפּלט, — איך מיט אילושעטשקען וועלן מיר אפשר אין דער אמתן דעם טרוים פאַרווירקלעכן. מיר וועלן אַ פערדל מיט אַ וואָגן קויפן, און דאָס פערדל וועט אַ פעך-שוואַרצס זיין, ער האָט געבעטן עס זאָל אומבאַדינגט זיין אַ שוואַרצס, און מיר וועלן זיך אין וועג אַריין לאָזן, ווי מיר האָבן דאָס זיך אייערנעכטן פאָרגעשטעלט. אין ק. גובערניע ווינט מיינער אַ באַקאַנטער אַדוואָקאַט, אַ פריינט מיינער פון די קינדער יאָרן נאָך, האָט ער מיר דורך אַ זיכערן מענטש איבערגעגעבן, אַז אויב איך וועל קומען, וועט ער מיר אפשר באַ זיך אין ביוראָ אַ שטעלע געבן. ווער קען וויסן, אפשר וועט ער טאַקע געבן... נו, איז אַרויפגעזעצט דאָס מאַמעלע, אַרויפגעזעצט נינאָטשקען, אילושעטשקע וועט אָנטרייבן און איך צופּיס, צופּיס, און אויף אַזאַ אופן וועל איך זיי אַלע אַוועקפירן... גאָט, ווען עס געלינגט מיר נאָר אָפּצונעמען דעם פאַרפאַלענעם חוב, וואָלט שוין אויף אַלץ געקלעקט!

— עס וועט קלעקן, עס וועט קלעקן! — האָט אַליאָשאַ געזאָגט — קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ וועט אייך נאָך צושיקן, וויפיל איר וועט וועלן, און איר ווייסט? — איך האָב אויך געלט, נעמט וויפיל איר דאַרפט, באַ אַ ברודער, באַ אַ פריינט, איר וועט שפּעטער אָפּגעבן... (איר וועט רייך ווערן, איר וועט רייך ווערן!) און ווייסט איר, איר וואָלט קיינמאָל נישט געקענט קיין בעסערס צוטראַכטן פון אָט דעם אַריבערפאָרן אין אַן אַנדערער גובערניע אַריין! מיט דעם וועט איר זיך ראַטעווען, און דער עיקר — דאָס יונגל — און איר ווייסט, מאַכט דאָס גיכער, ביז ווינטער נאָך, ביז די קעלטן, און שרייבט אונדז אָן

פון דאָרטן, און מיר וועלן בלייבן ברידער... ניין, דאָס איז נישט קיין חלום!

אַליאָשאַ האָט אים שוין געוואָלט אַרומנעמען, אַזוי איז ער צופרידן געווען, נאָר ער האָט אַ קוק געטון אויף אים און פּלוצ־לינג שטיין געבליבן: יענער איז געשטאַנען אויסגעצויגן דעם האַלדז, אויסגעצויגן די ליפּן, מיט אַ ווילד און בלייך פּנים און האָט עפּעס מיט די ליפּן געמורמלט, עפּעס געוואָלט זאָגן; נאָר קיין קלאַנגען זיינען נישט אַרויס, ער האָט נאָר באַוועגט מיט די ליפּן, און דאָס איז געווען עפּעס משונה.

— וואָס איז! — האָט פּלוצלינג אַליאָשאַ עפּעס אויפגעציטערט.

— אַלעקסעי פיאָדאָראָוויטש... איך... איר... — האָט דער שטאַבס־קאַפּיטאַן געמורמלט און זיך געפּלאָנטערט, משונה און ווילד, גלייך געקוקט אויף אים און כאָטש ער האָט כלומרשט געשמייכלט, האָט ער דאָך אויסגעזען, ווי אַ מענטש, וואָס אַנטשליסט זיך פון אַ באַרג זיך אַראָפּצוּוואַרפן, — איך... איר... און אפשר ווילט איר, וועט איך אייך אַ קונצל באַווייזן! — האָט ער פּלוצלינג שטיל, האַרט אין זיך אַרויסגערעדט און מער זיך שוין נישט אָפּגעשטעלט.

— וואָס פאַר אַ קונצל?

— אַ קונצל, אַ קונץ — שמונץ אַזוינס, — האָט אַלץ דער שטאַבס־קאַפּיטאַן געמורמלט.

דאָס מויל זיינס האָט זיך פאַרקרומט אין דער לינקער זייט אַריין, דאָס לינקע אויג זיינס האָט זיך צוגעמאַכט, ער האָט אַלץ געקוקט אויף אַליאָשען, קיין אויג נישט אָפּגעריסן און איז ווי צוגעשמידט געוואָרן צו אים.

— וואָס איז מיט אייך, וואָס פאַר אַ קונץ? — האָט יענער אויסגעשריגן, שוין אינגאַנצן דערשראָקן.

— אָט וואָס פאַר אַ, קוקט! — האָט דער שטאַבס־קאַפּיטאַן אַ קוויטש געטון.

און באַווייזנדיק אים די צוויי נייע פּאַפּירלעך, וועלכע ער האָט די גאַנצע צייט ביידע צוזאַמען מיטן גרויסן און מיטלסטן פינגער פון דער רעכטער האַנט באַ זייער ברעג געהאַלטן, האָט ער זיי פלוצלינג אַ כאַפּ געטון און שטאַרק אין זיין רעכטער פויסט צונויפגעקוועטשט.

— געזען, געזען! — האָט ער געקוויטשעט, אַ בלייכער און ווילדער, און פלוצלינג די פויסט אויפגעהויבן, מיט כּוח די צעקנייטשטע פּאַפּירלעך אויפן זאַמד אַ שמיץ געטון, — געזען! — האָט ער ווייטער אַ קוויטש געטון און אָנגעוויזן אויף זיי מיטן פינגער, — בו, אָט האָט איר!...

און פלוצלינג האָט ער דעם רעכטן פיס אויפגעהויבן, מיט אַ ווילדן כּעס זיי טאָפּטשען מיטן אָפּצאַס אָנגעהויבן, און באַ יעדן קלאַפּ מיטן פוס אויסגעשריגן און אָטעם געבליבן.

— אָט האָט איר אייער געלט! אָט האָט איר אייער געלט! אָט האָט איר אייער געלט! אָט האָט איר אייער געלט!

פלוצלינג איז ער צוריק אָפּגעשפּרונגען און זיך אויסגעגלייכט קעגן אַליאָשען. זיין גאַנץ אויסזען האָט אויסגעדריקט אַ געוואַלטיקן שטאָלץ.

— גיט איבער אָט די, וואָס האָבן אייך געשיקט, אַז דער וויעכעטש פאַרקויפט נישט זיין ערע! — האָט ער אויסגעשריגן און זיין האַנט אין דער לופט אויסגעשטרעקט. באַלד זיך שנעל אויסגעדרייט און געלאָזט זיך לויפן; נאָר ער איז נישט אָפּגעלאָפן קיין פינף טריט, ווי ער האָט זיך אָפּגעשטעלט, אויסגעדרייט זיך צוריק און פלוצלינג אַליאָשען מיט דער האַנט אַ מאַך געטון. און ווידער אָפּגעלאָפן פינף טריט און ווידער זיך, צום לעצטן מאָל שוין, אויסגעדרייט, נאָר דאָס מאָל האָט זיך זיין פּנים שוין נישט פון לאַכן געקרומט, נאָר, פאַרקערט, אינגאַנצן פון טרערן געציטערט. און וויי-נענדיק, פאַרכלישנענדיק זיך, האָט ער גיך אויסגעשריגן:

— און וואָס וואָלט איך געזאָגט דעם יונגל מיינעם, ווען איך וואָלט פאַר מיין שאַנד דאָס געלט גענומען?

געזאָגט דאָס, געלאָזט זיך לויפן און מער שוין נישט אָפּגע־שטעלט זיך.

אַליאָשאַ האָט אים נאָכגעקוקט מיט אַן אומקלאָרן אומעט. אָ, ער האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז ביז דער לעצטער מינוט האָט יענער אַליין נישט געוווּסט, אַז ער וועט צעקנייטשן און אַוועק־וואַרפן די פּאַפּירלעך.

דער לויפנדיקער האָט זיך קיין איין מאָל נישט אויסגעדרייט, און אַליאָשאַ האָט געוווּסט, אַז ער וועט זיך נישט אומקערן. נאָכיאָגן אים און רופן אים, האָט ער נישט געוואָלט, און ער האָט געוווּסט פאַרוואָס.

ווען יענער איז פאַרשוווּנדן, האָט אַליאָשאַ אויפגעהויבן ביידע פּאַפּירלעך. זיי זיינען געווען נאָר צונויפגעדרייט און צעקנייטשט, אַריינגעגראָבן אין זאַמד, אָבער גאַנץ און האָבן אפילו געקנאַקט ווי נייעניקע, ווען אַליאָשאַ האָט זיי צענומען און אויסגעגלייכט. ער האָט זיי צונויפגעלייגט, אַריינגערוקט אין קעשענע און אַוועק איבער־געבן קאַטערינאַ איוואַנאָוונען די פאָלגן פון איר שליחות.

III.

קאָליאַ קראַסאָטקין.

אָנהייב נאָוועמבער. די פראָסט האַלט עלף גראַד און עס איז אַ גליטש. אויף דער געפרוירענער ערד איז איבער נאַכט אָנגעפאַלן אַ ביסל טרוקענער שניי. און דער ווינט, אַ טרוקענער און שאַרפער, הייבט אים אויף און טראָגט אים איבער די לאַנגווייליקע גאַסן פון שטאָט און איבערן מאַרק-פּלאַץ.

דער פרימאָרגן איז אַ כמורנער, נאָר עס האָט שוין אויפגעהערט צו שנייען.

נישט ווייט פון דעם פּלאַץ, לעבן פּלאַטניקאָווס געוועלב, שטייט דאָס הויז פון דער אלמנה קראַסאָטקין, וואָס איז אויסערלעך און אינערלעך זייער ריין. קראַסאָטקין אַליין, דער גובערניע-סעקרעטאַר, איז געשטאָרבן שוין זייער לאַנג, כמעט מיט פירצען יאָר צוריק, און זיין אלמנה לעבט זיך אין איר ריינענקן הייזל פון איר קאַפּיטאַל. לעבט זיך אָרנטלעך און שטיל, אַ צאַרטע, נאָר אַ גאַנץ לעבעדיקע, זי האָט אָפּגעלעבט מיטן מאַן אינגאַנצן אפשר איין יאָר און באַ אַכטצן יאָר אַן אלמנה געבליבן.

פון דאַמאָלט אָן, פון דעם מאָמענט אָן פון איר מאַנס טויט, האָט זי זיך אויסשליסלעך אָפּגעגעבן דער דערציִונג פון איר יונגל קאָליאַ, און הגם זי האָט די גאַנצע פירצען יאָר אים שרעקלעך ליב געהאַט, האָט זי דאָך, פאַרשטייט זיך, שוין מער צרות איידער נחת געהאַט, יעדן טאָג געציטערט און שיער נישט פאַר שרעק געשטאָרבן, אַז ער קען נאָך קראַנק ווערן, זיך פאַרקילן, אַז ער וועט צופיל שטיפן, אַרויפקריכן אויף אַ שטול און אַראָפּפאַלן און א. וו. און א. וו.

און ווען קאָליאַ האָט אָנגעהויבן גיין אין שול אַריין, האָט זיך די

מוטער אָנגעהויבן גלייך מיט אים אַלע וויסנשאַפטן צו לערנען, כדי אים מיטצוהעלפן, כדי מיט אים די לעקציעס צו חזרן. זי האָט זיך אַ לאָז געטון מיט די לערערס באַקענען, מיט זייערע ווייבער, האָט אונטערגעשמייכלט אפילו צו קאַליעס חברים, די שילער, געחנפעט זיי, זיי זאָלן נישט טשעפען קאַליען, נישט לאַכן פון אים, נישט שלאָגן אים. און די פאָלגן דערפון זיינען געווען אַזעלכע, אַז די יונגלעך האָבן דווקא אָנגעהויבן אָפּלאַכן פון אים, געדרייצט זיך מיט אים, אַז ער האָלט זיך בײַ דער מאַמעס קלייד אָן.

נאָר דאָס יונגל האָט זיך אַן עצה געגעבן.

געווען איז ער, ווי די קלאַס האָט איינגיכן אַ שם אַרויסגע-לאָזט, אַ „שרעקלעך שטאַרקער", אַ געשיקטער, איינגעשפּאַרטער, אַן ענערגישער און געוואַגטער. געלערנט האָט ער זיך גוט, און מען האָט אַפילו געזאָגט, אַז אין רעכענען און אין אַלגעמיינער געשיכ-טע וועט ער פאַרשעמען דעם לערער דאַרדאַנעלאָוון אַליין אַפילו. און כאָטש דאָס יונגל האָט אויף יעדן געקוקט פון אויבן אַראָפּ, האָט ער זיך דאָך נישט איבערגענומען און געווען אַ גוטער חבר. די אַכטונג פון די שילער האָט ער געווונען ווי עפּעס זעלבסטפאַר-שטענדיקס, נאָר געהאַלטן זיך פרייַנטלעך. דער עיקר איז געווען דאָס, וואָס ער האָט געקענט זיך איינהאַלטן, ווען מען האָט באַדאַרפט, און אין באַצוג צו דער שול-פאַרוואַלטונג האָט ער קיינמאָל נישט אַריבערגעטרעטן אַ געוויסע גרענעץ, נאָך וועלכער קיין זאַך איז שוין נישט דערלאָזבאַר, ווייל עס הייסט שוין אומאָרדנונג, בונט, הפקרות.

און פונדעסטוועגן, אַז עס פלעגט זיך נאָר מאַכן אַ געלעגנ-הייט, איז ער געווען זייער צופרידן אַ שטיק צו טון ווי דאָס ערגי-סטע יונגל, און נישט אַזוי פיל אַ שטיק צו טון, ווי אָנצופלאָנטערן עפּעס, פאַרחידושן, אַן „עקסטראַפּעפערע" אָנמאַכן, אַ שפּיצל אָפּ-טון, אויספייַערן זיך. און דער עיקר האָט ער אַ גרויסע אייגנליבע

פאַרמאָגט. עס איז אים אַפילו געלונגען די מוטער זיינע אונטער־טעניק צו מאַכן, און באַגאַנגען איז ער זיך מיט איר כמעט דעספּאָטיש.

זי האָט זיך אונטערגעגעבן, אָ, זי האָט זיך שוין לאַנג אונ־טערגעגעבן, און בלויז דער געדאַנק, אַז דאָס יונגל האָט זי „ווייניק ליב", האָט זי רוען נישט געלאָזט. איר האָט זיך שטענדיק געדאַכט, אַז דאָס יונגל איז „געפּיללאָזן", און עס פלעגט טרעפן, אַז זי האָט היסטעריש געוויינט און באַשולדיקט אים אין קאַלטקייט.

דאָס יונגל האָט דאָס פיינט געהאַט, און וואָס מער מען האָט באַ אים הארציקייט געפאָדערט, אַלץ מער איז ער, ווי אויף צו להכעיס, שטרענגער געוואָרן. נאָר געטון האָט ער דאָס נישט אומישנע, געטון נישט ווילנדיק, — אַזאַ כאַראַקטער שוין געהאַט.

און די מוטער האָט זיך טועה געווען:

ער האָט זייער ליב געהאַט זיין מאמע, ער האָט נאָר פיינט געהאַט, ווי ער פלעגט זיך אויסדריקן אויף זיין שילער־לשון, „קעל־בערנע התפעלות".

נאָכן טאַטן איז פאַרבליבן אַ שאַפע, ווו עס האָבן זיך געפו־נען אַ פּאָר ביכער. קאָליאַ האָט ליב געהאַט צו לייענען, און האָט שוין איבערגעלייענט עטלעכע פון זיי. די מוטער האָט דאָס נישט געאַרט, צייטנווייז האָט זי זיך געחידושט, ווי אַזוי דאָס יונגל קען, אָנשטאָט זיך צו שפּילן גיין, גאַנצע שעהן באַ דער שאַפע איבער אַ ביכל אָפּשטיין.

אויף אַזאַ אופן האָט קאָליאַ איבערגעלייענט אַ פּאָר זאַכן, וועלכע ער האָט נאָך אין זיין עלטער נישט לייענען געדאַרפט. און דאָך, כאָטש דאָס יונגל האָט נישט ליב געהאַט אין זיינע שטי־פערייען די מאָס איבערצוכאַפּן, האָט ער דאָך אין דער לעצטער צייט אָנגעהויבן צו שטיפן אויף אַזאַ אופן, אַז די מוטער זיינע האָט זיך נישט אויף קיין קאַטאָוועס דערשראָקן.

אמת, די זאַכן, וואָס ער האָט געטון, זיינען נישט געווען קיין

אוממאָראַלישע, אָבער דערפאַר זיינען זיי געווען געפערלעכע, שרעק-לעכע. היינטיקן זומער טאַקע, אין חודש יולי, בשעת די פעריען, איז די מוטער מיט איר זינדל אַוועקגעפאָרן אויף אַ וואָך אין אַן אַנדערן קרייז אריין, צו אַ ווייטער קרובה, וואָס איר מאַן איז געווען אַ באַאַמטער אויף אַן אייזנבאַן-סטאַציע.

דאָרט האָט קאַליאַ באַלד געגומען באַטראַכטן דעם אייזנבאַן-וועג מיט אַלע איינצלהייטן, באַקענען זיך מיט אַלע פּרטים פון באַן-פאַרקער, כדי ער זאָל אַהיימקומענדיק קענען איבעראַשן מיט זיינע בייע קענטעגישן די חברים פון זיין שול. נאָר דאָרט האָבן זיך געפונען אַ פּאָר יונגלעך, מיט וועלכע ער האָט זיך באַפריינדעט; איי-ניקע פון זיי האָבן געוווינט אויף דער סטאַציע, אַנדערע אין שכנות, — אַרום און אַרום האָט זיך אָנגעקליבן יונגוואַרג פון צוועלף ביז פופצען יאָר אַ מאַן זעקס, זיבן, און צוויי פון זיי זיינען געווען פון אונדזער שטאָט.

די יונגלעך האָבן זיך צוזאַמען געשפּילט, געשטיפט, און אויפן פירטן אָדער פינפטן טאָג פון קאַליעס זיין אויף דער סטאַציע, איז צווישן יונגן נאַרישן עולם פאַרגעקומען אַ ווילדער געוועט אין צוויי רובל, וועלכער איז באַשטאַנען אין אָט וואָס:

קאַליאַ, דער יונגסטער פון זיי אַלע, וועלכער איז דעריבער אַ ביסל גרינגגעשעצט געוואָרן פון די עלטערע, האָט, באַ-וועגט דורך אייגן-ליבע, אָדער משוגענער דרייסטקייט, אונטערגענו-מען זיך באַנאַכט, ווען עס וועט אָנקומען דער עלף אַ זייגערדיקער צוג, צו לייגן זיך מיטן פּנים אַראָפּ צווישן די רעלסן און אומבאַ-וועגלעך אָפּליגן דאָרט ביז דער צוג וועט געשווינד און האַסטיק דורכפליען איבער אים. אמת, מען האָט פריער גוט באַטראַכט דאָס אָרט, און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז מען קאָן זיך אַזוי אויסצי-ען צווישן די רעלסן, אַזוי פלאַטשיק מאַכן, אַז דער צוג קאָן דורכ-

פליען און אפילו נישט אָגרירן דעם ליגנדיקן. אָבער פונדעסטוועגן, דאָס ליגן אַליין וואָס איז ווערט!

קאָליאַ האָט זיך געהאַלטן באַ זיינס — ער וועט ליגן.

אין אָנהייב האָט מען געלאַכט פון אים, אָנגערופן אים ליגנער, קנאַקער, נאָר מיט דעם האָט מען אים נאָך מער היץ אונטערגעגעבן. דער עיקר איז געווען דאָס, וואָס די פופצען-יעריקע יונגלעך האָבן זיך צו פיל גרויס געהאַלטן און אין אָנהייב נישט פאַררעכנט אים פאַר זייערס אַ חבר, ווי אַ „קליינעכקען".

דאָס איז שוין געווען נישט צום איבערטראָגן.

און אָט איז באַשלאָסן געוואָרן דאָס דורכצופירן באַנאַכט נאָכן אָוועקלאָזן זיך אַ וויאָרסט ווייטער פון דער סטאַציע, כדי דער צוג זאָל זיך גוט צעיאָגן נאָכן אָפּשטעלן זיך אויף דער סטאַציע.

די יונגלעך זיינען זיך צונויפגעקומען. קיין לבנה איז נישט געווען, און די נאַכט איז געווען נישט נאָר אַ פינסטערע, נאָר עפּעס אַ שוואַרצע. אין דער באַשטימטער צייט האָט זיך קאָליאַ אַוועקגעלייגט צווישן די רעלסן. די איבעריקע פינף יונגלעך, וואָס האָבן זיך מיט אים געוועט, זיינען לכתחילה מיט פאַרקלעמטע הערצער, שפּעטער מיט שרעק און צום סוף מיט חרטה געשטאַנען היגטן אין וועלדל.

ענדלעך האָט זיך דער צוג ראַשיק געריירט פון דער סטאַציע. עס האָבן אַ בלענד געטון פון דער פינסטערניש צוויי רויטע לאַמטערן, און מיט אַ קנאַק און טומל האָט זיך גענומען דערנענטערן דאָס גרויזאַמע באַשעפעניש.

— לויף, לויף אַוועק פון די רעלסן! — האָבן פון צווישן די ביימלעך געשריגן די יונגלעך, וואָס זיינען שיער נישט אויסגעגאַנגען פון שרעק, נאָר עס איז שוין שפּעט געווען: דער צוג איז אָנגעשפּרונגען און פאַרבייגעפלויגן. די יונגלעך האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו קאָליען; ער האָט זיך נישט געריירט. זיי האָבן אים גענומען טרייסלען, געפּרווט אויפהייבן. נאָר פלוצלינג איז ער אויפגעשטאַ-

נען און שווייגנדיק אַראָפּ פון די רעלסן. און אַז ער איז אַראָפּ, האָט ער דערקלערט, אַז ער איז ספּעציעל געלעגן כּלומרשט פאַר־חלשט, כּדי זיי איבערצושרעקן, נאָר דער אמת איז געווען, ווי ער האָט זיך שפּעטער, אַ סך שפּעטער אַליין מודה געווען פאַר זיין מאַמען, אַז ער האָט טאַקע געחלשט. און אַזוי איז שוין דער שם פון אַ „הפקר־יונג" אויף שטענדיק פאַרבליבן באַ אים.

אַהיים אויף דער סטאַציע איז ער געקומען אַ בלייכער, ווי די וואַנט. אויפן צווייטן טאָג האָט ער באַקומען אַ נערוון־פיבער, אָבער ער איז געווען שרעקלעך צופרידן, פריילעך און גליקלעך.

וועגן דער מעשה האָט מען זיך דערוווּסט נישט באַלד, נאָר אין שטאָט שוין, און מען איז וועגן איר געוווּיר געוואָרן אויך אין שול און צווישן דער פאַרוואַלטונג. נאָר דאָ האָט זיך קאָליעס מאַמע אַ לאָז געטון בעטן פאַר אים די לערער און דער סוף איז געווען, אַז עס האָט זיך אָנגענומען פאַר אים דער געערטער און וויר־קונגספולער דאַרדאַנעלאָוו, און די מעשה איז פאַריבן געוואָרן, פונקט ווי זי וואָלט גאָרנישט געשען.

אָט דער דאַרדאַנעלאָוו, אַ בחור נאָך, און נישט קיין אַלטער, איז געווען שוין זייער לאַנג שטאַרק פאַרליבט אין דער פרוי קראַ־סאָטקין און מיט אַ יאָר צוריק האָט ער זייער איידל, ציטערנדיק פון שרעק, געפּרוּווט אַפילו שדכענען זיך צו איר; נאָר זי האָט אים שאַרף אָפּגעזאָגט, רעכנענדיק דאָס פאַר אַ פאַראַט קעגן איר יונגל, כאָטש דאַרדאַנעלאָוו האָט פון אַ פּאָר פאַרבאָרגענע צייכנס, קען זיין, געהאַט דאָס רעכט צו טראַכטן, אַז די שיינע אַלמנה האָט אים נישט פיינט. דער משוגענער שטות, קאָליעס, האָט, דאַכט זיך, געבראָכן דאָס אייז און דאַרדאַנעלאָוון איז פאַר זיין הילף געגעבן געוואָרן אַ שטיקל האָפענונג, אמת, זייער אַ פאַרשטעלטע, אָבער דאַר־דאַנעלאָוו אַליין איז געווען אַ מוסטער פון אַן איידעלן און זויבערן מענטש, און כּדי ער זאָל זיין גליקלעך, איז דאָס אַליין שוין גענוג.

געווען. דאָס יונגל האָט ער ליב געהאַט, נאָר ער האָט געהאַלטן פאַר מיאוס צו חנפענען אים, שטרענג זיך באַצויגן צו אים אין קלאַס און אַ סך געפאָדערט פון אים.

נאָר קאָליאַ האָט זיך אַליין געהאַלטן פונדערווייטנס, גלענצנד צוגעגרייט די לעקציעס, געווען דער צווייטער תּלמיד אין קלאַס, זיך באַצויגן קאַלט צו דאַרדאַנעלאָוון, און די גאַנצע קלאַס איז געווען איבערצייגט, אַז קאָליאַ קען אַזוי גוט די אַלגעמיינע געשיכטע, אַז ער וועט דאַרדאַנעלאָוון אַליין „אַראָפּהאַקן".

און איינמאָל טאַקע האָט אים קאָליאַ געפרעגט: ווער עס האָט געגרינדעט טראָיאַ? אויף דער פראַגע האָט דאַרדאַנעלאָוו געענטפערט אין אַלגעמיין וועגן פעלקער, זייער באַוועגונג און איבערוואַנדערונג, וועגן דעם צייט-אַלטער, וועגן לעגענדן, נאָר ווער עס האָט געגרינדעט טראָיאַ, דאָס הייסט, וועלכע מענטשן עס האָבן זי געגרינדעט, האָט ער נישט געקענט זאָגן און די פראַגע געהאַלטן אפילו פאַר נישט קיין וויכטיקע און איבעריקע. און די קינדער זיינען געבליבן זיכער, אַז דאַרדאַנעלאָוו ווייסט טאַקע נישט ווער עס האָט געגרינדעט טראָיאַ. קאָליאַ אָבער האָט געהאַט געלייענט וועגן די גרינדער פון טראָיאַ בײַ סמאַראַגדאָוון, אין איינעם פון די ביכער, וואָס זיינען פאַרבליבן נאָכן פאָטער. און דער סוף איז געווען, אַז אַלע יונגלעך האָבן זיך געגומען שטאַרק אינטערעסירן: ווער-זשע עס האָט פאַרט געגרינדעט טראָיאַ. קראַסאָטקין אָבער האָט זיין סוד נישט אַנטפּלעקט און דער שם פון אַ קענער איז פעסט פאַרבליבן בײַ אים.

נאָכן צופאַל אויף דער אייזנבאַן, האָבן זיך קאָליעס באַציִונגען צו זיין מוטער אַ ביסל געענדערט.

ווען אַננאַ פיאָדאָראָוונאַ (אַזוי האָט געהייסן די פרוי קראַסאָטקין) האָט זיך דערוווּסט וועגן דער מעשה, איז זי שיִער פון זינען נישט אַראָפּ פאַר שרעק. זי האָט באַקומען אַזעלכע היסטערישע אָנפאַלן,

וואָס האָבן מיט הפסקות געדויערט עטלעכע טעג, אַז קאַליאַ האָט זיך ערגסט דערשראָקן און געגעבן איר אַן ערן וואָרט, אַז מער וועט זיך שוין אַזעלכעס נישט איבערחזרן. אויף די קני שטייענדיק האָט ער געשוווירן פאַר דעם הייליקן בילד, געשוווירן באַם אָנדענק פון פאָטער, אויף אַננאַ פיאָדאָראָוונעס פאַרלאַנג, און בשעת מעשה האָט דער „מאַן" קאַליאַ פון „גרויס געפיל" אַליין זיך צעוויינט, ווי אַ זעקס-יעריק יונגל, און די מוטער מיטן זון האָבן זיך אַ גאַנצן טאָג איינער דעם אַנדערן אין די אָרעמס געוואָרפן און געציטערט און געוויינט.

און כאָטש קאַליאַ האָט זיך אויפן צווייטן טאָג אויפגעכאַפּט געפּילדאָז ווי פריער, איז ער דאָך געוואָרן שווייגנדיקער, באַשיי-דענער, שטרענגער, פאַרקלערטער. אמת, אין אַן אַנדערהאַלבן חדשים אַרום האָט ער ווייטער אָנגעטון אַ שפּיצל און זיין נאָמען איז אַפילו דעם ריכטער באַקענט געוואָרן, נאָר דאָס איז שוין געווען גאָר אַן אַנדער אַרט שפּיצל, אַ נאַרישס און קאָמישס, און ווי עס האָט זיך אויסגעוויזן, האָט ער נישט אַליין דאָס געטון, ער איז נאָר פאַרמישט געווען אין דעם.

די מוטער האָט אַלץ געציטערט און זיך געמאַטערט, און דאַרדאַנעלאָוו האָט מיטן וווקס פון איר מורא אַלץ מער און מער האָפנונגען באַקומען.

מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז קאַליאַ האָט אַלץ גוט פאַרשטאַ-נען און זיך אָנגעשטויסן וועגן דאַרדאַנעלאָוון און, פאַרשטייט זיך, שוין טיף אים פאַראַכטעט פאַר אָט די דאָזיקע „געפילן", פריער אַפילו געווען אַזוי נישט איידל, אז ער האָט די מוטער געלאָזט באַמערקן דאָס. פאַרשטעלטערהייט געגעבן צו וויסן איר, אַז ער פאַרשטייט, וואָס דאַרדאַנעלאָוו וויל, נאָר נאָכן צופאַל אויף דער אייזנבאַן האָט ער זיך אָנגעהויבן אַנדערש פירן: ער האָט זיך שוין מער נישט דערלויבט צו געבן אַפילו פאַרשטעלטערהייט אָנצוהערן

און אין דער מוטערס קעגנוואַרט זיך שוין בעסער אָפּגערופן וועגן דאַרדאַנעלאָוון, און די פּילבאַרע אַננאַ פּיאַדאַראָוונאַ האָט דאָס באַלד מיט גרויס דאַנקבאַרקייט אין האַרץ דערפילט, און דערפאַר טאַקע פלעגט זי רויט ווערן און אָנצינדן זיך ווי אַ פייער יעדעס מאָל, ווען ס׳פלעגט עמעצער צופעליג מיט אַ וואָרט דאַרדאַנעלאָוון אין קאָליעס אַנוועזנהייט דערמאָנען.

קאָליאַ אָבער פלעגט אין אַזעלכע פאַלן אָנגעכמורעט אין פענסטער קוקן, באַטראַכטן די שטיוול זיינע, צי בעטן זיי נישט עסן, אָדער בייז פערעזוואָנען רופן, אַ האַריקן, גאַנץ גרויסן און שמוציקן הונט, וועלכן ער האָט שוין מיט אַ חודש צוריק ערגעץ געקראָגן, אין שטוב אַריינגעשלעפּט און צוליב עפּעס אין געהיים געהאַלטן, און נישט געוויזן אים קיינעם פון זיינע חברים. געפּייניקט האָט ער אים שרעקלעך, געלערנט אים מאַכן פאַרשידענע קונצן און שטיק, און געבראַכט אים דערצו, אַז ער ווען ער פלעגט אַוועקגיין אין קלאַס, פלעגט ער אָן אַן אויפהער אומעטיק בילן. און ווען ער פלעגט קומען, פלעגט ער קוויטשען פון פרייד, שפּרינגען ווי אַ משוגענער, וואַלגערן זיך אויף דער פּאָדלאָגע, מאַכן זיך פאַר אַ טויטן, שטיין אויף די אונטערשטע פיסלעך, מיט איין וואָרט, ער פלעגט וויזן אַלע שטיק, וואָס מען האָט אים אויסגעלערנט, וויזן נישט געבעטענערהייט, נאָר בלויז פון התפעלות און דאַנקבאַרקייט.

די לעזער וועלן זיך, פאַרשטייט זיך, דערמאָנען, אַז קאָליאַ קראַסאָטקין, דאָס איז דער זעלבער, וועלכן אונדזער שוין באַקאַנט יונגל אילושאַ, דער זון פון געוועזענעם שטאַבס־קאַפּיטאַן סנעגיראָוו, האָט אַ שטאָך געטון אין דער זייט אַריין מיט אַ מעסערל, בשעת די שילער האָבן זיך גערייצט מיט אים מיטן וואָרט „ויעכעטש״ און ער האָט זיך אָנגענומען פאַרן פאָטער.

און אַזוי איז אין יענעם פראָסטיקן, גרויען נאָוועמבער־פרימאָרגן דאָס יונגל קאָליאַ קראַסאָטקין געזעסן אינדערהיים. עס איז

געווען זונטיק, און אין שול אַריין איז מען נישט געגאַנגען. עס האָט שוין געקלונגען עלף אַ זייגער, און ער האָט נייטיק געמוזט גיין ערגעץ „וועגן זייער אַ וויכטיקן ענין״, אָבער ער איז געבליבן איינער אַליין, ווי אַ היטער פון דער גאַנצער שטוב, ווייל אַלע אירע עלטערע איינוווינער האָט עפּעס אַן אָריגינעלע און פּלוצלינגדיקע געשעעניש פון שטוב אַרויסגערופן.

אַקעגן איר אייגענער וווינונג, איבערן פּאָדערהויז, איז אין פרוי קראַסאָטקינס הויז געווען נאָך איין דירהלע פון צוויי צימערן, דאָס איינציקע, וועלכעס מען האָט פּאַרדונגען, און אין וועלכן ס׳האָט גע-וווינט אַ דאָקטאָרס אַ פרוי מיט אירע צוויי קליינע קינדער.

דעם דאָקטאָרס פרוי איז געווען אין די זעלבע יאָרן, וואָס אַננאַ פיעאָדאָראָוונאַ און אירס אַ טרייע פריינדין. דער דאָקטאָר אַליין איז מיט אַ יאָר צוריק געהאַט אַוועקגעפאָרן ערגעץ, פריער קיין אָרענבורג, דערנאָך קיין טאַשקענט, און שוין אַ האַלב יאָר, ווי מען האָט פון אים נישט געזען און נישט געהערט, און ווען נישט די פריינטשאַפט מיט אַננאַ פיעאָדאָראָוונען, וועלכע האָט זי געטרייסט אין איר אומגליק, וואָלט דעם דאָקטאָרס פרוי פשוט אויסגעגאַנגען פון וויינען.

אין דעם פרימאָרגן זיינען ביידע פרויען אַוועקגעגאַנגען עפּעס אַ זאַך דערליידיקן. די פרוי קראַסאָטקינס דינסט, אַגאַפיע, איז אַוועק אין מאַרק אַריין און קאָליאַ איז געבליבן דער היטער און פּאַרזאָר-גער פון די „קליינע״, דעד דאָקטאָרס יונגעלע און מיידעלע, וועל-כע מען האָט באַ אים איבערגעלאָזט. היטן די שטוב האָט קאָליאַ נישט מורא געהאַט, דערצו איז מיט אים נאָך געווען פּערעזוואָן, וועלכן עס איז געפעלן צו ליגן אין פּאָדערצימער „אָן באַוועגונג״ אויסגעצויגן אונטער דער באַנק, און דערפאַר האָט פּערעזוואָן יעדעס מאָל, ווען קאָליאַ איז אַריין אין פּאָדערצימער, אַרומשפּאַנענדיק איבער די צימערן, אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ און צוויי האַרטע,

חניפהדיקע קלעפ געגעבן מיטן ווידל אָן דער פּאָדלאָגע, נאָר קיין פּייף־רוף האָט זיך, ליידער, נישט געהערט. קאָליאַ האָט אַ שטרענגן בליק געוואָרפן אויפן אומגליקלעכן הונט, און יענער איז געהאָרכזאַם פאַרגליווערט געוואָרן.

דאָס איינציקע, וואָס עס האָט געאַרט קאָליען, זיינען געווען נאָר די „קליינע", נאַסטיע, די עלטערע, אַ מיידעלע פון אַ יאָר אַכט, וואָס האָט שוין געקענט לייענען און דאָס יינגערע קליינינקע, קאָסטיאַ, אַ זיבניעריק יונגל, וואָס האָט זייער ליב געהאַט צו הערן ווי נאַסטיע לייענט.

קראַסאָטקין האָט, פאַרשטייט זיך, געקענט זיי ווײלן אויף אַן אינטערעסאַנטערן אופן, ווי למשל אויסשטעלן זיי און שפּילן זיך מיט זיי אין זעלנער, אָדער גאָר פאַרפירן אַ שפּיל אין באַהעלטעבישן. ער האָט שוין דאָס נישט איינמאָל געטון, אַזוי, אַז מען האָט אַפילו איינמאָל אין שול צעבלאָזן, אַז קראַסאָטקין שפּילט זיך אינדערהיים מיט זיינע קליינע שכנים אין פערדלעך, שפּרינגט און בייגט דעם קאָפּ, ווי אַ פערד. קראַסאָטקין אָבער האָט שטאָלץ אָפּגעוואָרפן די באַשולדיקונג און דערוויזן, אַז מיט דרייצעניעריקע, וואָס זיינען אין איין עלטער מיט אים, וואָלט באמת געווען אַ חרפה זיך צו שפּילן אין פערדלעך, „אין אונדזער צייט", נאָר ער טוט דאָס צוליב די „קליינע", ווייל ער האָט זיי ליב און וועגן די געפילן זיינע האָט קיינער קיין רעכט נישט אָפּצונעמען בײַ אים קיין דין־וחשבון.

דערפאַר אָבער האָבן אים ליב געהאַט די „קליינע".

נאָר דאָס היינטיקע מאָל איז אים דער קאָפּ נישט געווען צום שפּילן זיך. ער האָט געהאַט צו דערליידיקן אַ פּערזענלעכן ענין, זייער אַ וויכטיקן און אַפילו אַ סודותדיקן, און די צייט איז זיך דערווייל געגאַנגען, און אַגאַפּיע האָט אַלץ נישט געוואָלט צוריקקומען פון מאַרק.

ער האָט זיך עטלעכע מאָל דורכגעשפּאַצירט איבערן פּאָ־

דערהויז, אויפגעעפנט די טיר צו דער דאָקטאָרקע און מיט זאָרג באַטראַכט די „קליינע", וועלכע זיינען אויף זיין באַפעל געזעסן באַ אַ ביכל, און יעדעס מאָל, וואָס ער האָט אָן עפּן געטון די טיר, האָבן זיי צו אים שטיל און ברייט געשמייכלט, געוואַרט, אַז אָט גייט ער אַריין מיט עפּעס אַ גלענצענדן, קאָמישן איינפאַל. נאָר קאַליאַ איז געווען אינערלעך אומרויִק און איז נישט אַריינגעגאַנגען. צום סוף האָט שוין געקלונגען עלף, און ער האָט פעסט באַשלאָסן, אַז טאָמער קומט נישט אין צען מינוט אַרום די „פאַרשאָלטענע" אַגאַפיע, גייט ער אַזוי אַוועק. פאַרשטייט זיך, פריער וועט ער נעמען אַ וואָרט פון די „קליינע", אַז זיי וועלן זיך נישט שרעקן, נישט שטיפן און נישט וויינען פון פּחד. און אַזוי טראַכטנדיק האָט ער אָנגעטון זיין וואַרעם מאַנטעלע מיטן פאָקענעם קאָלנער, אָנגעטון זיין זעקל אויף דער זייט, און נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס די מאַמע האָט אים נישט איינמאָל פריער געבעטן ער זאָל אָנטון די קאַלאָשן „אין אַזאַ קעלט", האָט ער, דורכגייענדיק דאָס פּאָדערציִמער, נאָר מיט פאַראַכטונג אַ קוק געטון אויף זיי און איז אַרויס אין די שטיוול.

פערעזוואָן, אַז ער האָט אים דערזען, האָט באַלד גענומען האַסטיק קלאַפּן מיטן וויידל איבער דער פּאָדלאָגע, נערוועז זיך ציִען מיטן גאַנצן גוף און אפילו אַרויסגעלאָזט אַ ביטערן קוויטש, נאָר קאַליען איז נישט געפעלן געוואָרן דאָס צופיל פרייען זיך פון זיין הונט, ער האָט מורא געהאַט, אַז דאָס קען שאַטן דער דיסציפּלין און נאָך אַ מינוט אפשר געהאַלטן אים אונטער דער באַנק, ערשט באָכדעם ווי ער האָט אויפגעעפנט די טיר, האָט ער פּלוצלינג אַ פייף געטון.

דער הונט איז ווי אַ משוגענער אויפגעשפּרונגען און פון גרויס פרייד גענומען שפּרינגען אַרום אים. קאַליאַ איז דורכגעגאַנגען דאָס פּאָדערהויז און געעפנט די טיר צו די „קליינע".

ביידע זיינען נאָך אַלץ געזעסן באַ אַ טישל, אָבער אַצינד האָבן זיי שוין נישט געלייענט, נאָר איבער עפּעס זיך שטאַרק גע־היצט. די קינדערלעך פּלעגן זיך אָפט קריגן איבער פאַרשידענע לעבנס־פראַגן, און זיגן פּלעגט תמיד די עלטערע, נאַסטיאַ. קאָסטיאַ, אָבער, ווען ער איז נישט מסכים געווען מיט נאַסטיען, פּלעגט באַלד גיין צו קאָליאַ קראַסאָטקין, און אַזוי ווי יענער האָט געפּסקנט, אַזוי איז שוין פאַר ביידע צדדים פעסט און הייליק געבליבן.

— קליינענקע, איך בין אין אַ פאַרלעגנהייט — האָט קראַ־סאָטקין סאָליד אָנגעהויבן, — און איר מוזט מיר אַרויסהעלפן: אַגאַפיע האָט זיך געוויס צעבראָכן אַ פוס, ווייל זי איז נאָך אַלץ נישטאָ, דאָס איז באַשטימט, אָן אַ ספק — איך, אָבער, מוז אַוועק־גיין, לאָזט איר מיך גיין, צי ניין?

די קינדער האָבן זיך פאַרזאָרגט איבערגעקוקט, זייערע שמייכ־לענדיקע פּנימער זיינען אומרויִק געוואָרן. אַגב, האָבן זיי נאָך פונקט נישט פאַרשטאַנען, וואָס ער וויל פון זיי.

— איר וועט נישט שטיפן אָן מיר? נישט אַרויפקריכן אויף דער שאַפע, נישט צעברעכן די פיס? נישט צעוויינען זיך פאַר מורא?

די קינדערישע פּנימער זיינען שרעקלעך אומעטיק געוואָרן.

— און איך וואָלט אייך דערפאַר געוויזן אַ זאַך, אַ מעשן האַר־מאַטל, וואָס שיסט מיט אמתן פולווער.

די קינדערלעך האָבן באַלד אָנגעהויבן צו שיינען.

— ווייז דאָס האַרמאַטל, — האָט קאָסטיאַ אַ שיינענדיקער זיך געבעטן.

קראַסאָטקין האָט אַרייַנגעשטעקט די האַנט אין זיין זעקל, אַרויסגענומען פון דאָרט און אַוועקגעשטעלט אויפן טיש אַ קליין מעשן האַרמאַטל.

— אַזוי זאָגט־זשע, ווייזט! זעט, אויף רעדלעך — האָט ער

דאָס שפּילעכל דורכגעפירט איבערן טיש, — און עס קען שיסן אויך, מען דאַרף עס נאָר מיט שרויט אָנלאָדן — שיסט עס.

— און הרגעט?

— יעדן הרגעט עס, מען דאַרף עס נאָר אָנשטעלן.

און קראַסאָטקין האָט דערקלערט, ווהין מען דאַרף אַריינ־לייגן דעם פּולווער, ווהין דעם שרויט, אָנגעוויזן אויף דעם לעכע־לע און דערציילט, אַז עס קען אָפּשלאָגן. די קינדער האָבן אויס־געהערט מיט אַ געוואַלטיקער נייגעריקייט. מער פאַר אַלץ איז זיי געפעלן געוואָרן דאָס, וואָס עס קען אָפּשלאָגן.

— און פּולווער האָט איר? — האָט נאַסטיע געפרעגט.

— איך האָב.

— ווייזט דעם פּולווער, — האָט זי אויסגעצויגן מיט אַ בעטנ־דיקן שמייכל.

קראַסאָטקין האָט ווידער אַריינגעשטעקט די האַנט אין זעקל און אַרויסגענומען אַ קליין רערל מיט אַ ביסל טאַקע אמתן פּולווער, און אַ חוץ דעם זיינען אין אַ שטיקל פּאַפּיר געווען פאַרוויקלט עט־לעכע קערנדלעך שרויט. ער האָט אַפילו אויפגעעפנט דאָס רערל און אויסגעשיט אויף דער האַנט־פלאַך אַ ביסל פּולווער.

— אָט, מען דאַרף נאָר זען, עס זאָל קיין פייער נישט זיין, ווען נישט, קען עס נאָך אויפרייסן און אונדז אַלע דערהרגענען, — האָט קראַסאָטקין זיי געוואָרנט, כדי אַ גרעסערן איינדרוק צו מאַכן.

די קינדער האָבן באַטראַכט דעם פּולווער מיט אַ הייליקן ציי־טער, וועלכער האָט נאָך מער פאַרגרעסערט זייער פאַרגעניגן. קאָס־טיען איז שטאַרק געפעלן דער שרויט.

— און שרויט ברענט נישט? — האָט ער געפרעגט.

— שרויט ברענט נישט.

— שענקט מיר אַביסל שרויט — האָט ער בעטנדיק אַרויס־גערעדט.

— אַ ביסל שרויט וועל איך דיר שענקען, נאָר ביז איך וועל ניט צוריקקומען, זאָלט איר דאָס נישט ווייזן אייער מאַמען, זי וועט נאָך מיינען, אַז דאָס איז פּולווער, און וועט אויסגיין פאַר שרעק, און איך וועט זי אָפּשמייסן.

— די מאַמע שמייסט אונדז קיינמאָל נישט — האָט נאַסטיאַ זיך אָנגערופן.

— איך ווייס, איך האָב דאָס נאָר אַזוי געזאָגט, און די מאַמען זאָלט איר קיינמאָל נישט אָפּנאַרן, נאָר דאָס היינטיקע מאָל — ביז איך וועל קומען. הייסט עס, קליינעקע, קען איך גיין, צי ניין? אָן מיר וועט איר זיך נישט צעוויינען פאַר מורא?

— מיר וועלן ווי-ב-ען, — האָט קאָסטיאַ אויסגעצויגן און שוין גרייט געווען צו וויינען.

— מיר וועלן וויינען, מיר וועלן געוויס וויינען! — האָט גיך און מיט שרעק באַשטימט נאַסטיאַ.

— אָך קינדער, קינדער, ווי געפערלעך עס זיינען אייערע יאָרן. וואָס טוט מען, פייגעלעך, מען וועט מוזן בלייבן מיט אייך, די צייט, אָבער די צייט, אוך!

— הייסט פערעזוואָנען, אַז ער זאָל זיך טויט מאַכן, — האָט קאָסטיאַ געבעטן.

— וואָס טוט מען, מ'עט שוין מוזן אָנקומען צו פערעזוואָנען. איסי, פערעזוואָן!

און קאָליאַ האָט אָנגעהויבן קאָמאַנדעווען מיטן הונט, און יע־נער האָט באַוויזן אַלץ, וואָס ער קען.

דאָס איז געווען אַ האַריקער הונט פון אַ גרוי־לילאַ קאָליר, די גרייס פון אַ געוויינטלעכן הויף־הונט. זיין רעכט אויג איז געווען אַ קרומלעכס, און דאָס לינקע אויער צעשניטן. ער איז געשפּרונגען, האָט געקוויטשעט, געגאַנגען אויף די אונטערשטע פיס, געוואָרפן זיך אויף דער פּלייצע מיט אַלע פיר פיס אַרויף און געלעגן אָן

באַוועגונגען, ווי אַ טויטער. בשעת אַט דער לעצטער קונץ האָט זיך די טיר אויפגעעפנט און אויף דער שוועל האָט זיך באַוויזן, שוין צוריק פון מאַרק, מיט אַ פּעקל עסנוואַרג אין דער האַנט, די דינסט אַגאַפיע. זי איז געווען פון אַ יאָר פערציק, אַ גראָבע און געשטופּלטע.

האַלטנדיק דעם בייטל אין דער לינקער האַנט, איז זי זיך געשטאַנען און באַטראַכט דעם הונט. און ווי קאַליאַ האָט נישט געוואַרט אויף אַגאַפיען, האָט ער דאָך נישט איבערגעריסן די פאָרשטעלונג, אַ באַשטימטע צייט אָפּגעוואַרט און ענדלעך אַ פייף געטון: דער הונט איז אויפגעשפּרונגען און מלא שמחה, וואָס ער האָט דערפילט זיין חוב האָט ער אָנגעהויבן אַרומטאַנצן.

— זעסט, אַ הונט! — האָט אַגאַפיע מוסרדיק אַ זאָג געטון.

— און דו, פּרויען־געשלעכט, וואָס האָסטו עפּעס פאַרשפּעטיקט? — האָט קראַסאָטקין שטרענג געפרעגט.

— פרויען־געשלעכט, אָט אַ פּעמפּיק!

— פּעמפּיק?

— פּעמפּיק. ס'איז עפּעס דיין זאַך, מן הסתם האָב איך געדאַרפט, אויב איך האָב פאַרשפּעטיקט, — האָט אַגאַפיע געוואָרטשעט און גענומען זיך פּאָרען באַם אויוון, אָבער געוואָרטשעט גאָרנישט בייז, נישט אומצופרידן, נאָר פאַרקערט. געווען זייער צופרידן איבערצוווערטלען זיך מיטן פריילעכן באַלעבעסל.

— הער, לייכטזיניקע זקנה, — האָט קראַסאָטקין אָנגעהויבן, אויפהייבנדיק זיך פון דער סאָפקע, — קענסט דיך שווערן באַ אַלץ, וואָס עס איז דיר הייליק אויף דער וועלט, און אַ חוץ דעם באַ נאָך עפּעס, אַז דו וועסט אין מיין אָפּוועזנהייט גוט אַכטונג געבן אויף די קליינע? איך מוז אַוועקגיין.

— וואָס דאַרף איך מיך פאַר דיר עפּעס שווערן? — האָט זיך אַגאַפיע צעלאַכט, — איך וועל אַזוי אויך אַכטונג געבן.

— ניין, נישט אַנדערש, מוזט דיך שווערן באַ עולם־הבא, אַנדערש גיי איך נישט אַוועק.

— טאָ גיי נישט. וואָס אַרט דאָס מיך, אין גאַס איז אַ פראָסט, זיץ אינדערהיים.

— קליינענקע, — האָט זיך קאָליאַ געווענדט צו די קינדער, — די פרוי בלייבט איבער מיט אייך, ביז איך וועל קומען, אָדער אייער מאַמע וועט קומען, ווייל זי האָט אויך שוין געדאַרפט לאַנג קומען. אַ חוץ דעם, וועט אייך אַגאַפיאַ געבן צו עסן. וועסט זיי געבן עפּעס אַגאַפיאַ?

— דאָס קען מען.

— אַ גוטן, פייגעלעך, איך גיי אַוועק מיט אַ רויִק האַרץ.

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון טויער, אַרומגעקוקט זיך, אַ מאַך געטון מיט די אַקסלען, אַ זאָג געטון: „אַ פראָסט" און אַוועקגעלאָזט זיך גלייך מיט דער גאַס, נאָר באַלד פאַרקערעוועט ויעכטס אין אַ געסל אַריין צום מאַרק־פּלאַץ.

מיט איין שטוב פאַרן פּלאַץ, האָט ער זיך אָפּגעשטעלט, אַרויסגענומען פון קעשענע אַ פייפער און מיט אַלע כוחות אַ פייף געטון, געבנדיק מיט דעם עפּעס אַ צייכן. ער האָט געוואַרט נישט מער ווי אַ מינוט, און פון אַ טירל איז אַרויסגעשפּרונגען אַ יונגל מיט אַ רויט־פאַרביק פּנימל, פון אַ יאָר עלף, אויך אָנגעטון אין אַ וואַרים, ריין און אפילו געפּוצט פאַלטנדל. דאָס איז געווען סמוראָוו, אַ שילער פון דער פאָרברייטונג־קלאַס (בשעת קאָליאַ איז שוין געווען מיט צוויי קלאַסן העכער), אַ זון פון אַ פאַרמעגלעכן מלוכה־באַאַמטן, וועלכן די עלטערן האָבן, דאַכט זיך, פאַרבאָטן צו באַגעגענען זיך מיט קראַסאָטקינען, ווייל יענער איז געווען באַוווּסט פאַר אַ געפערלעכן שטיפער, אַזוי, אַז אַצינד האָט זיך סמוראָוו, אַפּנים, אַרויסגעכאַפּט בגנבה. דער סמוראָוו, אויב דער לעזער האָט נישט פאַרגעסן, איז געווען איינער פון יענער גרופּע קינדער, וואָס האָבן

מיט צוויי חדשים צוריק געוואָרפן שטיינער אילושען איבערן גראָבן אַריבער, און וועלכער האָט דאַמאָלס דערציילט אַליאָשאַ קאַראַמאַזאָוון וועגן אילושען.

— איך וואַרט שוין אויף אייך אַ גאַנצע שעה, — האָט סמוראָוו אַנטשלאָסן אַרויסגערעדט, און די יונגלעך האָבן אַוועקגעשפּאַנט צום פלאַץ־צו.

— פּאַרשפּעטיקט, — האָט קראַסאָטקין געענטפערט. — עס זיינען געווען סיבות — מען וועט דיך נישט אָפּשמייסן דערפאַר, וואָס דו גייסט מיט מיר.

— נו, וואָס איר רעדט, מען שמייסט מיך דען? און פּערעזוואָן גייט אויך מיט אייך?

— פּערעזוואָן אויך!

— אויך אַהין?

— אויך אַהין!

— אַך, ווען דאָס איז זשוטשקע!

— זשוטשקען קען מען נישט. זשוטשקע עקזיסטירט שוין נישט. זי איז פאַרשוווּנדן ערגעץ אין חושך פון אומוויסנהייט.

— אַך, אפשר וואָלט מען אַזוי געמאַכט, — האָט זיך פּלוצלינג סמוראָוו אָפּגעשטעלט — אילושאַ זאָגט דאָך, אַז זשוטשקע איז אויך אַ האָריקע, אויך אַ גרויע, פּונקט ווי פּערעזוואָן, — אפשר קען מען זאָגן, אַז דאָס איז זשוטשקע, אפשר וועט ער גלייבן.

— שילער, היט זיך פון ליגנט זאָגן — דאָס איז ערשטנס; אַפילו צוליב אַ מצוה, דאָס איז צווייטנס. און דער עיקר אָבער, האָף איך, אַז דו האָסט דאָרט נישט דערציילט וועגן מיין קומען.

— גאָט באַהיט, איך פאַרשטיי דאָך, נאָר מיט פּערעזוואָנען וועסטו אים נישט טרייסטן — האָט סמוראָוו אַ זיפץ געטון — ווייסט: דער פאָטער, דער קאַפּיטאַן, דער וויעכעטש, האָט געזאָגט, אַז היינט וועט ער אים ברענגען אַ מעדעליאַניש הינטל, מיט

א שוואַרצער גאָז. ער וויל אים מיט דעם טרייסטן, נאָר גאָט ווייסט?

— און וואָס מאַכט ער, אילושע אַליין?

— אַך, שלעכט, שלעכט! איך מיין, אַז ער האָט שווינדזוכט. ער איז באַם באַוווּסטזיין, נאָר איר זאָלט הערן ווי ער עטעמט — עטעמט, נישט גוט עטעמט ער. אַנומלט האָט זיך אים פאַרגלוסט צו גיין אַ ביסעלע, האָט מען אים אָנגעטון די שיך, גייט ער און פאַלט. „אַך, זאָגט ער, איך האָב דיר געזאָגט, טאַטע, אַז איך האָב שלעכטע שיך, פריער איז אויך געווען נישט באַקוועם צו גיין אין זיי". ער מיינט, אַז די שיכלעך זיינען שולדיק, און ער פאַלט דאָך פון שוואַכקייט. ער וועט נישט דורכלעבן קיין וואָך אַפילו. הערצענשטובע קומט צו פאָרן. זיי זיינען אַצינד רייך, זיי האָבן אַ סך געלט.

— מנוולים!

— ווער זיינען מנוולים?

— די דאָקטוירים און די גאַנצע מעדיצינישע באַנדע, בכלל גערעדט, און פאַרשטייט זיך שוין בפרט אויך. איך אָנערקען נישט די מעדיצין. אַן אומנוצלעכער אַנשטאַלט! איבעריקנס, איך וועל דאָס נאָך אויספאָרשן. און וואָס זיינען דאָס בא אייך דאָרט פאַר אַ סענטימענטן? די גאַנצע קלאַס גייט אַהין?

— ניין, נישט די גאַנצע, עס גייען אַהין צען פון אונדזערע, שטענדיק, יעדן טאָג. דאָס איז גאָרנישט.

— אין דער גאַנצער מעשה וווּנדערט מיך זייער אַלעקסעי קאַראַמאַזאָוו: מאָרגן, איבערמאָרגן וועט מען משפטן זיין ברודער, און ער האָט נאָך צייט אויף סענטימענטן מיט יונגלעך!

— דאָס זיינען גאָרנישט קיין סענטימענטן. אָט גייסטו דאָך אַליין אויך אַצינד זיך איבערבעטן מיט אילושען.

— איבערבעטן? אַ קאָמישער אויסדרוק. נאָר איבעריקנס, וועל איך קיינעם נישט דערלויבן צו אַנאַליזירן מיינע טאַטן.

— און אילושע וועט זיך דאָס מיט דיר פרייען! ער שטעלט

זיך גאָרנישט פֿאַר, אַז דו קענסט קומען. פֿאַרוואָס, פֿאַרוואָס ביסטו אַזוי לאַנג נישט געגאַנגען אַהין? — האָט סמוראָוו פֿלוצלינג מיט היץ אויסגעשריגן.

— ליב יונגל, דאָס איז מיין זאַך, נישט דיינע. איך גיי אַליין, פֿון זיך, ווייל אַזוי איז מיין ווילן, און אייך אַלע האָט אַלעקסעי קאַראַמאַזאָוו אַהינגעשלעפּט, אַ הילוק נאָך, הייסט עס. און פֿון וואַנען ווייסטו — אפשר גיי איך מיך גאָרנישט איבערבעטן? אַ נאַרישער אויסדרוק.

— גאָרנישט קאַראַמאַזאָוו, גאָרנישט ער. מיר האָבן פשוט אַליין אָנגעהויבן אַהינצוגיין. פֿריער, פֿאַרשטייט זיך, מיט קאַראַמאַזאָוון. און קיין שום זאַכן זיינען נישט פֿאָרגעקומען, קיין שום נאַרישקייטן. פֿריער איינער, דערנאָך דער צווייטער. און דער פֿאָטער איז מיט אונדז זייער צופֿרידן געווען. ווייסט, טאָמער שטאַרבט אילושע, וועט ער פשוט פֿון זינען אַראָפּ. ער זעט, אַז אילושע שטאַרבט. און ווי ער פֿרייט זיך דאָס מיט אונדז, וואָס מיר האָבן זיך מיט אילושען איבערגעבעטן. אילושע האָט אַ פּאָר מאָל זיך געפֿרעגט אויף דיר, און מער גאָרנישט. ער פֿרעגט און ווערט אַנטשוויגן. און דער פֿאָטער וועט משוגע ווערן, אָדער זיך אויפֿהענגען. ער איז פֿריער אויך געווען, ווי אַ דולער. ווייסט, ער איז אַ פֿיינער מענטש, עס איז דאַמאָלס אַ טעות געווען, און שולדיק איז קאַראַמאַזאָווס ברודער, דער, וואָס האָט אים געשלאָגן דאַמאָלס.

— און פֿונדעסטוועגן איז אַליאָשאַ קאַראַמאַזאָוו אַ רעטעניש פֿאַר מיר. איך וואָלט שוין לאַנג געקענט זיך באַקענען מיט אים, נאָר אַמאָל האָב איך ליב צו זיין שטאָלץ. דערצו האָב איך שוין וועגן אים אַ שטיקל מיינונג, נאָר איך דאַרף נאָך די מיינונג איבערקאָנטראָלירן און זיך קלאָר מאַכן.

קאָליאַ איז ערנסט שטיל געבליבן, סמוראָוו אויך. סמוראָוו האָט, פֿאַרשטייט זיך, געהאַט גרויס דרך-ארץ פֿאַר קאָליאַ קראַסאָט-

קין און האָט נישט געטראַכט, אפילו נישט געוואָגט זיך צו פאַר־מעסטן מיט אים. אַצינד אָבער איז ער געווען שטאַרק פאַראינטע־רעסירט, פאַרוואָס קאַליאַ האָט דערקלערט, אַז ער גייט „אַליין פון זיך", און אין דעם האָט שוין זיכער געשטעקט אַ סוד, ווייל וואָס איז עפעס קאַליען איינגעפאַלן צו גיין אַהין אַצינד און פונקט היינט?

זיי זיינען געגאַנגען איבערן מאַרק־פּלאַץ.

דאָרט זיינען געשטאַנען אַ סך אָנגעקומענע פורן און עס זיי־נען געווען אַ סך אָנגעבערענגטע עופות. אונטער זייערעביידלעך האָבן שטאָטישע ווייבער געהאַנדלט מיט בייגל, פּאָדעם און א. וו. אַזאַ זונטיקדיקן מאַרק האָט מען באַ אונדז אין שטאָט נאַיוו אָנגע־רופן מיטן נאָמען יריד, און אַזעלכע יירידן פלעגן אַ סך מאָל אין יאָר זיין.

פערעזוואָן איז געלאָפן שטאַרק אויפגעלייגט, יעדע ווײַלע לינקס אָדער רעכטס זיך פאַרקערעוועט און עפּעס אויסגעשמעקט. באַגעגנדיק זיך מיט אַנדערע הינטלעך, האָט ער זיך, לויט אַלע הינטישע געזעצן, זייער פריינטלעך אַרומגעשמעקט מיט זיי.

— איך האָב ליב צו זען רעאַליסטישע זאַכן, סמוראָוו, — האָט קאָליאַ פלוצלינג אַרויסגערעדט. — האָסט באַמערקט, ווי די הונט באַגעגענען זיך און מען שמעקט זיך אַרום? דאָס איז אַן אַלגעמיי־נער נאַטור־געזעץ באַ זיי.

— יאָ, קאָמיש.

— גאָרנישט קאָמיש, ביסט זיך טועה. און ווי עס זאָל זיך דאָרט נישט דאַכטן אַן אַבערגלויבישן מענטש, איז דאָך קיין זאַך אין דער נאַטור נישט קאָמיש. און ווען הונט וואָלטן געקענט רעדן און קריטיקירן, וואָלטן זיי געוויס געפינען פונקט אַזוי פיל קאָמישס, אויב נישט נאָך אַ סך מער, אין די באַציִונגען צווישן מענטשן, באַר דו ביסט נאָך יונג, צו פרי פאַר דיר — קאָלט פונדעסטוועגן.

— יאָ, צוועלף גראַד. דער טאַטע האָט פריער געקוקט אויפן טערמאָמעטער.

— האָסט באַמערקט סמוראָוו, אַז אינמיטן ווינטער, בא פּופּצען אָדער אַפילו אַכצען גראַד פראָסט, איז נישט אַזוי קאַלט, ווי אַצינד, צום ביישפּיל, אין אָנהייב ווינטער, בשעת דער פראָסט טוט פלוצלינג אַ שפּרונג אַרויס, — ווי אַצינד בא צוועלף גראַד, און נאָך דערצו ווען עס שנייט נישט. דאָס הייסט, אַז מענטשן האָבן זיך נאָך נישט צוגעוויינט. אַלץ איז בא מענטשן אַ געוווינהייט, אַלץ, אַפילו אין פּאָליטישע און מלוכה־פאַרהעלטענישן. געוווינהייט — דאָס איז דער הויפּט־פאַקטאָר. זע נאָר וואָס פאַר אַ קאָמישע פיגור.

און קאָליאַ האָט אָנגעוויזן אויף אַ הויכן פויער אין אַ טולופּ, וואָס איז מיט אַ גוטמוטיקן פּנים געשטאַנען בא זיין פור און פון קעלט מיט די הענט אין גראָבע הענטשקעס איינע אָן דער צוויי־טער געקלאַפּט. זיין לאַנגע באָרד איז אינגאַנצן ווייס געווען פון פראָסט.

— בא דעם פויער איז די באָרד פאַרפרוירן! — האָט קאָליאַ, פאַרבייגייענדיק, דרייסט אויסגעשריגן.

— ביי זיינען בא אַ סך פאַרפרוירן, — האָט דער פויער רויק און סענטענציעז אָפּגעענטפערט.

— טשעפּע אים נישט — האָט סמוראָוו געזאָגט.

— נישקשה, ער וועט נישט בייז ווערן, ער איז אַ וווילער. אַ גוטן, מאַטוועי!

— אַ גוטן.

— דו הייסט דען מאַטוועי?

— מאַטוועי. און דו האָסט נישט געוווּסט?

— נישט געוווּסט; גלאַט אַזוי זיך אַ זאָג געטון.

— זע נאָר. אַ שילער מסתמא?

— אַ שילער.

— איז וואָס-זשע, שמייסט מען דיך!

— מען קען נישט זאָגן, אָבער דאָך.

— עס טוט ווי?

— ווי אַ מאָל!

— עך, אַ לעבן! — האָט דער פויער פון גאַנצן האַרץ אָפּגעזיפצט.

— אַ גוטן, מאַטוועי!

— אַ ווילער פויער — האָט קאָליאַ סמוראָוון געזאָגט. — איך האָב ליב זיך דורכצושמועסן מיטן פאָלק און בין תמיד גרייט אים גערעכט צו געבן.

— און פאַרוואָס האָסטו אים אָפּגעענטפערט, אַז מען שמייסט אונדז? — האָט סמוראָוו געפרעגט.

— מען האָט אים געדאַרפט צוליב טון.

— מיט וואָס?

— ווייסט, סמוראָוו, אויב מען פאַרשטייט נישט באַלד באַם ערשטן וואָרט, האָב איך פיינט, אַז מען פרעגט מיך איבער. נישט אַלץ לאָזט זיך דערקלערן. לויטן פויערס פאַרשטעלונג, שמייסט מען אַ שילער, און מען דאַרף אים שמייסן: וואָס איז דאָס טאַקע פאַר אַ שילער, וואָס מען שמייסט אים נישט? און פּלוצלינג וועל איך אים אַ זאָג טון, אַז אונדז שמייסט מען נישט, וועט ער זיך דאָס נעמען צום האַרץ. מיטן פאָלק דאַרף מען וויסן ווי אַזוי צו רעדן.

— אָבער איך בעט דיך, הייב נישט אָן, עס וועט נאָך ווייטער זיין אַזאַ מעשה, ווי דאַמאָלס מיט דער גאַנז.

— און דו האָסט מורא?

— לאַך נישט, קאָליאַ, אויף מיין וואָרט, איך האָב מורא. דער טאַטע וועט שרעקלעך בייז זיין. מען האָט מיר שטרענג פאַרבאָטן צו גיין מיט דיר.

— האָב נישט קיין יסורים, דאָס הייַנטיקע מאָל וועט זיך

גאַרנישט טרעפן. אַ גוטן מאָרגן, נאַטאַשאַ, — האָט ער אַ געשריי געטון צו אַ הענדלערקע, וואָס איז געזעסן אונטער אַ דעכל.

— וואָס פאַר אַ נאַטאַשאַ בין איך דיר, איך בין גאָר מאַריאַ — האָט די הענדלערקע שרייענדיק אָפּגעענטפערט.

— איז טאַקע גוט, אויב מאַריאַ, אַ גוטן!

— אַך דו, ווייסער־חברהניק, קוים מען זעט אים פון דער ערד אַרויס, און קריכט שוין אויך!

— איך האָב קיין צייט נישט, איך האָב קיין צייט נישט. וועסט מיר שוין אַלץ איבעראַכטאָג זונטיק דערציילן — האָט זיך קאָליאַ פון איר מיט די הענט אָפּגעשטופּט, פונקט ווי זי וואָלט צו אים געהאַט צוגעשטאַנען, נישט ער צו איר.

— און וואָס האָב איך דיר צו דערציילן זונטיק? דו האָסט דאָך דיך צו מיר צוגעטשעפּעט, נישט איך צו דיר, דו פאַרשייטער דו! — האָט זיך מאַריאַ צעגוואַלטעוועט, — מען דאַרף דיך אָפּ־שמייסן, אָט־וואָס, קונדס דו אײנער, מען קען דיך שוין, יעדערער, אָט־וואָס!

די איבעריקע מאַרק־ווייבער, וואָס האָבן געהאַנדלט לעבן מאַ־ריען, האָבן אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, אָבער פּלוצלינג איז פון צווישן דער רייע שטאָטישע געוועלבער אַרויסגעשפּרונגען עפּעס אַן אויפגערעגטער פּאַרשוין, אַ מין סוחרישער אָנגעשטעלטער, און נישט פון אונדזער שטאָט, נאָר אַ צוגעפאָרענער, אין אַ לאַנגן, ביז די קני, בלויען סורדוט, אין אַ היטל מיט אַ דאַשעק, נאָך אַ יונגער, מיט געקרייזלטע טונקעלע האָר און מיט אַ לענגלעכן, בלייכן, גע־שטופּלטן פּנים. ער איז געווען אין עפּעס אַ נאַרישער אויפרעגונג און מיט דער פויסט געדראָט קאָליען.

— איך קען דיך, — האָט ער אויפגערעגט געשריגן, — איך קען דיך.

קאָליאַ האָט אים אויפמערקזאַם באַטראַכט. ער האָט זיך נישט

געקענט דערמאָנען, ווען ער האָט געהאַט צו טון מיט אַט דעם דאָ-זיקן מענטש. נאָר ווייניק מעשיות האָט ער געהאַט אויף דער גאַס, קען ער דען אַלץ געדענקען?

— קענסט מיך? — האָט ער איראָניש איבערגעפרעגט.

— איך קען דיך, איך קען דיך! — האָט ווי אַ שוטה אַלץ איינעם געטעהנט דער פאַרשוין.

— איז דיר גוט. נו, איך האָב קיין צייט נישט, אַ גוטן!

— וואָס וויצלסטו זיך? — האָט דער פאַרשוין געשריגן, — ווידער מיט דיין וויצלען זיך? איך קען דיך! ווידער מיט די וויצן?

— דאָס איז, ברודער, שוין נישט דיין עסק, צי איך וויצל מיך, צי ניין, — האָט קאָליאַ זיך אָפּגעשטעלט און ווידער באַ-טראַכט אים.

— וואָס הייסט, נישט מיין עסק?

— יאָ, נישט דיין עסק!

— ועמענס-זשע? וועמענס? וועמענס-זשע?

— אַצינד, ברודער, שוין נישט דיין עסק, נאָר טריפאָן ני-קיטיטשעס.

— וואָס פאַר אַ טריפאָן ניקיטיטש? — האָט דער בחור, נאַ-ריש פאַרוואונדערט, נאָר אַלץ זיך געהיצט און אויסגעשטעלט אויף קאָליען אַ פּאָר אויגן.

קאָליאַ האָט אים ערנסט אָפּגעמאָסטן מיטן בליק.

— אין קלויסטער ביסטו געווען? — האָט ער פלוצלינג שטרענג און דרינגענד אים אַ פרעג געטון.

— אין וועלכן קלויסטער? צוליב וואָס? ניין, נישט געווען, — איז דער בחור אַ ביסל מטושטש געוואָרן.

— סאָבאָנייעוון קענסטו? — האָט קאָליאַ נאָך דרינגענדער און נאָך שטרענגער ווייטער געפרעגט.

— וועלכן סאָבאָנייעוון? ניין, איך קען נישט.

— נו, איז כאַפּט דיך דער רוח, אויב אַזוי! — האָט קאָליאַ שאַרף אַרויסגערעדט, האַסטיק זיך אַ קער געטון רעכטס און שנעל זיך אַוועק מיט זיין וועג, ווי נישט וועלנדיק מער קיין וואָרט אויסרעדן מיט אַזאַ שוטה, וואָס קען אַפילו נישט סאָבאָגייעוון.

— שטיי, העי? וועלכער סאָבאָגייעוו? — האָט זיך דער בחור געכאַפּט, ווידער מלא כעס. — וואָס האָט ער דאָרט עפּעס גערעדט? — האָט ער זיך אויסגעדרייט צו די מאַרק־ווייבער און נאַריש געקוקט אויף זיי.

די ווייבער האָבן זיך צעלאַכט.

— אַ מאָדנע יונגל — האָט זיך איינע אָנגערופן.

— וועלכן, וועלכן סאָבאָגייעוון האָט ער געמיינט? — האָט דער בחור אַלץ געטעגהט און געשאָקלט מיט דער רעכטער האַנט.

— דאָס איז, אַפּנים, יענער סאָבאָגייעוו, וואָס האָט בּאַ די קוזמיטשעס געאַרבעט, דאָס איז עס, אַפּנים, — האָט זיך איינע פון די ווייבער אַנגעשטויסן:

— קוז־מי־טשאָוס? — האָט אַ צווייטע איבערגעפרעגט, — איז וואָס פאַר אַ טריפאָן איז ער? יענער הייסט דאָך גאָר קוזמאַ, נישט טריפאָן, און דער חברהמאַן האָט אים אָנגערופן טריפאָן ניקיטיטש, איז דאָך נישט דער.

— דאָס איז, זעסטו, נישט טריפאָן און נישט סאָבאָגייעוו, נאָר טשיזשאָוו, האָט פלוצלינג אַ דריטע אונטערגעכאַפּט, וואָס האָט ביז אַהער געשוויגן און נאָר ערנסט צוגעהערט זיך צו אַלץ, — אַלעקסעי איוואַניטש, הייסט ער, טשיזשאָוו, אַלעקסעי איוואַניטש.

— אַזוי איז עס, טשיזשאָוו טאַקע, — האָט אַ פערטער איר אונטערגעהאַלטן.

דער בחור האָט צעמישט געקוקט דאָ אויף איינער, דאָ אויף דער צווייטער.

— אָבער פאַרוואָס האָט ער געפרעגט, געפרעגט פאַרוואָס

האָט ער, מענטשן טייערע! — האָט ער געשריגן שוין איינגאַנצן פאַרצווייפלט: — „סאַבאַניייעוון קענסטו?" און דער רוח ווייסט אים, ווער עס איז דאָס אַזוינס דער סאַבאַנייעוו?

— צעדרייטער מענטש וואָס דו ביסט, מען רעדט צו דיר: נישט סאַבאַנייעוו, נאָר טשיזשאָוו, אַלעקסעי איוואַנאָוויטש טשיזשאָוו, אַט ווער! — האָט אים שטרענג איינע פון די ווייבער געזאָגט.

— וועלכער טשיזשאָוו? נו, וועלכער? זאָג, אויב דו ווייסט.

— אַ לאַנגער, אַ לאָקש, זומער אויפן מאַרק געזעסן.

— און אויף וואָסערע צרות דאַרף איך דיין טשיזשאָוון, מענטשן האַרציקע, האַ?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן, אויף וואָסערע צרות דו דאַרפסט טשיזשאָוון.

— ווער ווייסט דיך, אויף וואָס דו דאַרפסט אים, — האָט אַ צווייטער אונטערגעכאַפּט, — דאַרפסט אליין וויסן, אויף וואָס דו דאַרפסט אים, אויב דו ליאַרעמסט. ער האָט דאָך ד י ר געזאָגט, נישט אונדז, נאַרישער מענטש דו. צי קענסטו אים אין אמתן נישט?

— ווער̈מען?

— טשיזשאָוון.

— כאַפּט אים דער רוח טשיזשאָוון צוזאַמען מיט דיר! איך וועל אים אָנלייגן די ביינער, אַט וואָס! ער האָט געלאַכט פון מיר.

— טשיזשאָוון וועסטו אָנלייגן די ביינער, אָדער ער דיר! אַ טפּש ביסטו, אַט-וואָס!

— נישט טשיזשאָוון, נישט טשיזשאָוון, שלעכטע יאַכנע דו, פאַרביסענע, דאָס יונגל וועל איך אָנהרגענען, אַט-וואָס! גיט אים אַהער, ער האָט געלאַכט פון מיר!

די ווייבער האָבן געקייכט פאַר געלעכטער.

און קאַליאַ האָט זיך שוין געשפּאַנט ווייט, און אויסגעזען האָט ער זייער זיגעריש. סמוראָוו איז געגאַנגען לעבן אים און יעדער ווײַלע

זיך אומגעקוקט אויף דער שרייענדיקער גרופע. אים איז אויך זייער פריילעך געוואָרן, כאָטש ער האָט אַלץ געציטערט, ער זאָל צוזאַמען מיט קאָליען אין עפּעס אַ מעשה נישט אַריינפאַלן.

— וועגן וואָס פאַר אַ סאָבאָנייעוו האָסטו אים געפרעגט? — האָט ער געפרעגט קאָליען און האָט שוין דעם ענטפער פאָראויס געוווּסט.

— פון וואַנען זאָל איך וויסן? אַצינד וועלן זיי שוין שרייען ביז אין דער נאַכט אַריין. איך האָב ליב אויפצורייצן שוטים פון אַלע געזעלשאַפטס-שיכטן. אָט שטייט נאָך אַ טיפש, אָט דער פּויער. נעם דיר אין אַכט. מען זאָגט: „עס איז נישטאָ קיין נאַרישעס פון אַ נאַרישן פראַנצויז", נאָר אַ רוסיש פּנים לאָזט זיך אויך דערקענען. נו, איז נישט אָנגעשריבן אויף דעם פּנים, אַז ער איז אַ טיפש, אָט בײַ דעם פּויער דאָ?

— לאָז אים אָפּ, קאָליאַ, קום פאַרבײַ.

— בשום אופן נישט, איך האָב מיך שוין פאַרנומען. העי, אַ גוט מאָרגן, פּויערל!

פאַרבײַ איז געגאַנגען אַ געזונטער פּויער, אַ ביסל שוין אויסגעטרונקען, מיט אַ קיילעכדיקן פּראָסטלעכן פּנים, מיט אַ גרוילעכער באָרד. ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ און אָנגעקוקט דעם חברה-מאַן.

—נו, אַ גוטער מאָרגן, אויב דו מיינסט נישט אויף קיין שפּאַס — האָט ער פּאַמעלעך אַרויסגערעדט.

— און אויב יאָ אויף שפּאַס? — האָט קאָליאַ זיך צעלאַכט.

— אויב יאָ אויף שפּאַס, טאָ שפּאַס-זשע דיר געזונטערהייט. נישקשה, דאָס מעג מען. אַ ביסל קאַטאָוועס טרייבן מעג מען שטענדיק.

— איך בין שולדיק, ברודער, קאַטאָוועס געטריבן.

— נו, גאָט וועט דיר מוחל זיין.

— אָבער דו ביסט מיר מוחל?

-- זייער מוחל. גיי דיר.

— זע נאַר, ביסט דאָך גאָר, אפנים, אַ קלוגער פויער.

— קליגער פון דיר, — האָט דער פויער פּלוצלינג, נאָך אַלץ ערנסט, אָפּגעענטפערט.

דאָס קען נישט זיין, — איז קאַליאַ אַ ביסל צעטומלט געוואָרן.

— באמת, זאָג איך דיר.

— און אפשר ביסטו גערעכט.

— אָט אַזוי רעד-זשע, ברודער.

— אַ גוטן, פעטער.

— אַ גוטן.

— עס זיינען דאָ פאַרשידענע פויערים, — האָט קאַליאַ נאָך אַ קורצן שוויגן געזאָגט סמוראָוון. — פון וואַנען האָב איך געקענט וויסן, אַז איך וועל אָנטרעפן אויף אַ קלוגן. איך בין תמיד גרייט צו אנערקענען שכל באַם פאָלק.

דער שטאָט-זייגער האָט געקלונגען פון ווייטנס האַלב צוועלף. די יונגלעך האָבן זיך אָנגעהויבן צו איילן און דעם איבעריקן, גאַנץ לאַנגן וועג ביז צום שטאַבס-קאַפּיטאַן סניעגיראָוווס וווינונג זיינען זיי בעגאַנגען געשווינד, כמעט נישט רעדנדיק צווישן זיך, אַ טריט צוואַנציק פאַר דער שטוב האָט זיך קאַליאַ אָפּגעשטעלט און געהייסן סמוראָוון גיין אַרויסרופן קאַראַמאַזאָוון.

— מען דאַרף זיך קודם אַרומשמעקן, — האָט ער געזאָגט סמוראָוון.

— אָבער צוליב וואָס דאַרף מען אים אַרויסרופן, — האָט סמוראָוו געפּרוווט זאָגן, — גיי אַזוי אַריין, מען וועט שרעקלעך צופרידן זיין. וואָס איז דאָס פאַר אַ באַקאַנטשאַפט אויף דער פראָסט?

— דאָס ווייס איך שוין, צוליב וואָס איך דאַרף אים אַהער אויף דער פראָסט, — האָט קאַליאַ דעספּאָטיש אָפּגעזאָגט (ער האָט זייער ליב געהאַט צו רעדן אַזוי מיט די „קליינענקע“), און סמוראָוו איז אַוועקגעלאָפן דערפילן זיין באַפעל.

IV.

זשוטשקע.

קאָליאַ האָט זיך, מעשה ערנסטער מענטש, אָנגעשפּאַרט אָן פּלויט און אָנגעהויבן וואַרטן אויף אַליאָשען. יאָ, עס האָט זיך אים שוין לאַנג געגלוסט צו טרעפן מיט אים. ער האָט זיך אָן אַ שיעור אָנגעהערט וועגן אים פון די יונגלעך, נאָר ביז אַצינד האָט ער, בשעת מען פלעגט אים דערציילן וועגן אַלאָשען, אַרויסגעוויזן אַ גלייכגילטיקייט און פאַראַכטונג און נאָכן אויסהערן נאָך „קריטיקירט" אים אַפילו. טיף אין האַרץ אָבער האָט ער זייער, זייער געוואָלט זיך באַקענען מיט אים: אין אַלע מעשיות וועגן אַליאָשען איז געווען עפּעס סימפּאַטישס און צוציִענדיקס. איז פאַרשטייט זיך, אַז די איצטיקע מינוט איז געווען פאַר קאָליען זייער אַ וויכטיקע; ערשטנס, דאַרף מען זיך נישט פאַרשעמען און אַרויסווייזן זיך פאַר אומאָפּהענגיק: „אַ נישט וועט ער נאָך מיינען, אַז איך בין ערשט דרייצן יאָר אַלט און מיך אָננעמען פאַר איינעם פון די אַלע איבעריקע יונגלעך.

און וואָס זעט ער אין די אַלע יונגלעך?

אַז מיר וועלן זיך צונויפגיין, וועל איך אים פרעגן. אָבער דאָס איז שלעכט, וואָס איך בין אַזאַ קליינער. טוזיקאָוו איז ייִנגער פון מיר און איז מיט אַ האַלבן קאָפּ העכער. דאָס פּנים מיינס איז אָבער אַ קלוגס! איך בין נישט קיין שיינער, איך ווייס, אַז איך בין אַ מיאוסקייט, אָבער דאָס פּנים איז אַ קלוגס. אויך דאַרף מען זיך נישט צעלאָזן. אויב איך וועל באַלד אָנהייבן מיט התפעלות, קען ער נאָך אַ טראַכט טון... טפו, וועט דאָס זיין מיאוס, אויב ער וועט אַ טראַכט טון!...

אַזוי איז קאַליאַ אומרויִק געווען און מיט אַלע כּוחות זיך באַמיט צו האַלטן זיך פרייַ.

דער עיקר עגמת-נפש האָט אים פאַרשאַפט זיין קליינע וווקס, נישט אַזוי דאָס „מיאוסע" פּנים, ווי די וווקס. ער האָט נאָך פאַראַיאָרן געמאַכט באַ זיך אינדערהיים אין אַ ווינקל אויף דער וואַנט מיט בליישטיפט אַ סימן — אָנגעצייכנט זיין וווקס. פון יענעם מאָל אָן פלעגט ער יעדע צוויי חדשים זיך מעסטן: אויף וויפיל ער איז צוגעוואַקסן. אָבער, לײַדער! ער איז זייער ווייניק געוואַקסן, און דאָס האָט אים ממש פאַרצווייפלט.

און וואָס אָמבאַלאַנגט זיין פּנים, איז עס גאָר נישט געווען קיין „מיאוסקייט", עס איז, פאַרקערט, געווען א גאַנץ חנעוודיקס, ווייסענקעס, בלייכעכקעס, מיט זומער-שפּרענקעלעך. גרויע, קליינע, אָבער לעבעדיקע אייגלעך האָבן געקוקט דרייסט און זיך אָפּט אָנגעצונדן מיט אַ פייערל. די קינבאַקן זיינען געווען ברייט, די ליפּן קליין, נישט קיין שטאַרק גראָבע, אָבער זייער רויטע; אַ נאָז האָט ער געהאַט אַ קליינע און אַ שטאַרק אַרויפגעריסענע.

„אַ נאָז — אַ קאַרטאָפלע, פּונקט ווי אַ קאַרטאָפלע!" — האָט קאַליאַ, אַריינקוקנדיק אין שפּיגל, שטיל געמורמלט, און פון שפּיגל איז ער אַוועקגעגאַנגען שטענדיק אויסער זיך. ווער ווייסט, אפשר איז דאָס פּנים גאָרנישט קיין קלוגס? — האָט ער אַמאָל געטראַכט, אין דעם שוין אויך געצווייפלט.

מען דאַרף אָבער אויך נישט טראַכטן, אַז די זאָרג וועגן פּנים און וווקס האָט באַ אים זיין גאַנץ האַרץ פאַרנומען. פאַרקערט, ווי ביטער עס זיינען נישט געווען די מינוטן פאַרן שפּיגל, האָט ער דאָך באַלד און אַפילו אויף לאַנג פאַרגעסן אָן זיי און „אינגאַנצן פאַרנומען זיך נאָר מיט אידעען און מיטן ווירקלעכן לעבן", אַזוי פלעגט ער אַליין אָנרופן זיין אַרבעט.

אַליאָשאַ איז באַלד אַרויסגעקומען און געשווינד צוגעגאַנגען

צו קאַליען; יענער האָט נאָך פונדערווייטנס באַמערקט, אַז אַליאָשאַ איז שטאַרק צופרידן.

„איז דען מעגלעך, ער זאָל זיך אַזוי דערפרייען מיט מיר" — האָט זיך קאַליאַ געטראַכט מיט אַ געפיל פון צופרידנהייט.

איבעריקנס דאַרף מען דאָ זאָגן, אַז אַליאָשאַ האָט זיך, פון יענער צייט אָן, וואָס מיר האָבן אים געזען, שטאַרק איבערגעביטן: ער האָט שוין נישט געטראָגן קיין מאָנאַך־קליידער, נאָר אַ גלענצענד־אויפגעניייטן סורדוט, אַ ווייך, קיילעכדיק היטל און קורץ־אָפּגעשוירענע האָר. דאָס אַלץ האָט אים זייער געפּאַסט, ער איז געוואָרן זייער שיין. זיין חנעוודיק פּנים האָט תּמיד געהאַט אַ פריילעכן אויסדרוק, נאָר די פרייד איז געווען אַ שטילע און רויִקע.

אַליאָשאַ איז, צו קאַליעס פאַרוווּנדערונג, אַרויסגעקומען אָן אַ מאַנטל, אָט אַזוי, ווי ער איז געזעסן אין צימער. עס איז קענטיק געווען, אַז ער האָט זיך געאיילט.

ער האָט גלייך אויסגעשטרעקט קאַליען זיין האַנט.

— ענדלעך, זענט איר דאָ, מיר האָבן דאָך אַזוי געוואַרט אויף אייך.

— עס זיינען געווען סיבות, איר וועט זיי באַלד וויסן. יעדנפאַלס בין איך זייער צופרידן זיך צו באַקענען מיט אייך. לאַנג אויף דער געלעגנהייט געוואַרט און אַ סך געהערט — האָט קאַליאַ, אַ ביסל שווער־אָטעמענדיק געשטאַמלט.

— מיר וואָלטן זיך מיט אייך סיי ווי באַקענט, איך האָב אויך אַ סך געהערט וועגן אייך, נאָר דאָ אַהער האָט איר זיך פאַרשפּעטיקט.

— זאָגט, וואָס הערט זיך דאָ?

— אילושע האַלט זייער שמאָל, ער וועט זיכער שטאַרבן.

— וואָס רעדט איר! זייט זיך מודה, קאַראַמאַזאָוו, אַז אַלע מעדיצינער זיינען מנוולים — האָט קאַליאַ מיט היץ אויסגעשריגן.

— אילושאַ האָט אייך אָפּט, זייער אָפּט דערמאַנט, ווייסט איר, אפילו אין חלום, אין היץ, איר זענט אים, אַפּנים, אַמאָל זייער, זייער טייער געווען... ביז יענעם צופאַל... מיטן מעסערל. עס איז דאָ נאָך אַ סיבה... זאָגט, דאָס איז אייער הונט?

— מײַנער, פּערעזוואָן.

— נישט זשוטשקע? — האָט אַליאָשאַ בעטנדיק געקוקט קאָליען אין די אויגן אַריין. — איז יענער טאָקע פאַרפאַלן געוואָרן?

— איך ווייס, אַז איר אַלע וואָלט געוואָלט האָבן זשוטשקען, כ'האָב אַלץ געהערט, — האָט קאָליאַ געהיימנישפול אַ שמייכל געטון, — הערט, קאַראַמאַזאָוו, איך וועל אייך די גאַנצע מעשה דערציילן. איך בין, אייגנטלעך, געקומען צוליב דעם, צוליב דעם אייך ארויסגערופן, כדי צו דערקלערן אייך אַלץ פריער, איידער מיר וועלן אַריינגיין.

זעט איר, קאַראַמאַזאָוו, פרילינגס-צייט טרעט אילושע אַריין אין פּאָרברייטונגס-קלאַס. נו, פאַרשטייט זיך, אונדזער פּאָר-ברייטונגס-קלאַס: יונגלעך — קליינוואַרג. — האָט מען זיך באַלד אָנגעהויבן רייצן מיט אילושען.

איך בין מיט צוויי קלאַסן העכער און זע דאָס צו, פאַר-שטייט זיך, פונדערווייטנס, פון דער זייט. — זע איך, אַ יונגל איז ער אַ קליינס, אַ שוואַכס, נאָר ער גיט זיך נישט אונטער, שלאָגט זיך, אַ שטאָלצער, די אייגלעך ברענען.

איך האָב ליב אַזעלכע.

אָבער זיי נעמען זיך צו אים שטאַרקער. און דער עיקר, דאָס מאַנטל זיינס איז אַן אָפּגעטראָגנס, די הייזלעך קריכן אַרויף, די שטיוול בעטן זיך עסן. און זיי אים דערפאַר אויך, דערנידעריקן אים. ניין, דאָס האָב איך שוין פיינט, האָב איך זיך אַ נעם געטון און געגעבן זיי אַן עקסטראַפּעפערע. און דאָס ווייסט איר דאָך, קאַראַמאַזאָוו, איך שלאָג דאָך זיי, און זיי האָבן מיך ליב! — האָט

קאַליאַ זיך עקספּאַנסיוו באַרימט. — און בכלל האָב איך ליב קליינ-וואַרג. איגדערהיים זיצן אַצינד אויך צוויי עופעלעך בײַ מיר אויפן האַלדז. זיי האָבן מיך היינט אַפילו פאַרהאַלטן.

יאָ, האָט מען אויפגעהערט אילושען צו שלאָגן און איך האָב אים גענומען אונטער מיין שוץ. איך זע, אַ שטאָלץ יונגל, דאָס זאָג איך אייך, אַז ער איז אַ שטאָלצער, נאָר סוף-כל-סוף איז ער פּאַרט געוואָרן מיר אונטערטעניק, טוט מיין מינדסטן ווילן, האָרכט מיך ווי אַ גאָט, מאַכט מיר נאָך. אין דער פרייער צייט, פון איין לעקציע ביז דער צווייטער, קומט ער באַלד צו מיר, און מיר גייען זיך אַראָפּ צוזאַמען, דאָס זעלבע זונטיק.

אין שול בײַ אונדז לאַכט מען שטאַרק, אַז אַ גרעסער יונגל גייט זיך צונויף מיט אַ קלענערן. נאָר דאָס איז אַן אַבערגלויבן. אַזוי איז מיין פאַנטאַזיע, און אַן עק, נישט אמת?

איך לערן אים, אַנטוויקל אים, — און פאַרוואָס, זאָגט מיר, זאָל איך אים נישט אַנטוויקלען, אַז ער געפעלט מיר? אָט זענט איר דאָך, קאַראַמאַזאָוו, זיך צונויפגעגאַנגען מיט אָט די עופעלעך, דאָס הייסט, איר ווילט ווירקן אויפן יונגן דור, אַנטוויקלען אים, איר ווילט ברענגען נוצן. און דעם אמת צו זאָגן, אָט די מידה אייערע, וועגן וועלכער איך האָב נאָר-וואָס געהערט, איז מיר געפעלן געוואָרן מער פון אַלץ.

נאָר איך וועל רעדן זאַכלעך:

איך הייב אָן צו באַמערקן, אַז עפּעס סענטימענטן אַנטוויקלען זיך אין מיין יונגל, און איך, דאַרפט איר וויסן, בין, פון מיין גע-בורט אָן, אַ שאַרפער קעגנער פון כלערליי קעלבערנע התפעלות. און דערצו נאָך סתירות: שטאָלץ — און איז מיר איבערגעגעבן, ווי אַ קנעכט, — איבערגעגעבן, ווי אַ קנעכט, און פּלוצלינג גיבן דאָס די אויגן בײַ אים אַ פינקל, און ער וויל נישט מסכים זיין מיט מיר, קריכט אויף די ווענט. איך האָב געהאַט טיילמאָל אידעען פאַרשי-

דענע; איז קאָן מען נישט זאָגן — ער איז נישט מסכּים מיט די אידעען, נאָר איך זע פּשוט, אַז ער פּערזענלעך בּוּנטעוועט זיך קעגן מיר, ווייל איך ענטפער אָפּ קאַלטבּלוטיק אויף זיין צערטלען זיך. און כּדי איך זאָל אים טאַקע אָנלערנען, איז וואָס ער ווערט מער צערטלעכער, ווער איך אַלץ קאַלטבּלוטיקער, מיט אַ כּיוון טו איך דאָס, וואָרים אַזוי איז מיין איבּערצייגונג. איך האָב אין זינען געהאַט אויסצובּעסערן זיין כאַראַקטער, אויסצוגלייכן אים, אַ מענטש פון אים צו מאַכן... נו און... איר פאַרשטייט מיך שוין מסתּמא אויפן ווונק.

פלוצלינג באַמערק איך אַ טאָג, צוויי, דריי, עפּעס איז ער דערשלאָגן, באַטריבּט, נאָר שוין נישט איבּער די צערטלעכקייטן נאָר איבּער עפּעס אַנדערש, גרעסערס, טיפערס.

וואָס איז דאָס פאַר אַ טראַגעדיע, קלער איך מיר!

טרעט איך צו צו אים און דערוויס מיך אַזאַ מעשה: ער איז זיך צופעליק צונויפגעגאַנגען מיטן משרת פון אייער פאַרשטאָרבענעם פאָטער (דאַמאָלס האָט ער נאָך געלעבּט), מיט סמערדיאַקאָוון, און יענער נעמט און לערנט אים אויס, דאָס טפּשל, אַ נאַרישן שטות — דאָס הייסט, אַ ווילדן שטות, אַ פאַרדאָרבּענעם שטות, אַ פאַרדאָרבּענעם שטות, — נעמען אַ שטיק ווייך בּרויט, אַריינשטעקן אַהין אַ שפּילקע, אונטערוואַרפן דאָס אַן אויסגעהונגערטן הונט, אַזעלכן, וואָס שלינגט פאַר הונגער אַראָפּ נישט צעקייטערהייט דאָס שטיק בּרויט, און זען, וואָס פון דעם וועט ווערן.

האָבּן זיי געמאַכט אַזאַ שטיקל בּרויט און אַ וואָרף געטון זשוטשקען, אָט דעם דאָזיקן האָריקן הונט, וואָס איבּער אים קערט זיך דאָס אַציינד די וועלט, אַ הונט פון אַזאַ הויף, וואָס מען האָט אים נישט געגעבּן קיין עסן דאָרט, און ער האָט אַ גאַנצן טאָג געבּילט אין דער וועלט אַריין (איר האָט ליבּ אָט דאָס דאָזיקע נאַרישע בּילן, קאַראַמאַזאָוו? איך קען עס נישט פאַרטראָגן).

האָט זי זיך אַרויסגעוואָרפן דערויף, איינגעשלונגען און אָנגעהויבן קוויטשען, דרייען זיך, געלאָזט זיך לויפן, לויפן און קוויטשעט און ענדלעך פאַרשווונדן — אזוי האָט מיר דאָס אילושע אַליין באַשריבן.

דערציילט ער און וויינט — וויינט, נעמט מיך אַרום, טרייסלט זיך:

„לויפט און קוויטשעט, לויפט און קוויטשעט".

נאָר די ווערטער חזרט ער איבער.

אָט דאָס בילד האָט אים שטאַרק איבעראַשט.

נו, זע איך, ער האַט שטאַרק חרטה. איך האָב דאָס אויפגענומען ערנסט. מיר האָט זיך, דער עיקר, געוואָלט אים אָגלערנען פאַר פריערדיקס, האָב איך געמאַכט אַן אָנשטעל. אַז איך בין אויסער זיך. און אין דער אמתן, בין איך זיך מודה, אַז דאָס איז גאָרנישט געווען אַזוי:

— דו ביסט באַגאַנגען, — זאָג איך, — אַ נידעריקע זאַך, דו ביסט אַ מנובל. איך וועל דאָס, פאַרשטייט זיך, נישט צעפּויקן, נאָר מיט דיר רייס איך איבער דערווייל די באַציִונגען. איך וועל די זאַך אַרומטראַכטן און וועל דיר צוויסן געבן דורך סמוראָוון (אָט דאָס זעלבע יונגל, וואָס איז געקומען מיט מיר און וואָס איז מיר שטענדיק טריי געווען): צי איך וועל זיך אויף ווייטער מיט דיר חברן, צי איך וועל דיך, ווי אַ מנובל, אויף אייביק אָוועקוואַרפן.

דאָס האָט געמאַכט אויף אים אַ שטאַרקן איינדרוק. דעם אמת צו זאָגן, האָב איך שוין באַלד דערפילט, אַז איך בין זיך מיט אים, קאָן זיין, צו שטרענג באַגאַנגען, נאָר וואָס טוט מען, אַזאַ געדאַנק האָב איך דאַמאָלס געהאַט.

מיט אַ טאָג שפּעטער שיק איך סמוראָוון צו אים און גיב אים איבער, אַז איך „רעד נישט" מיט אים, אַזוי הייסט בא אונדז, אַז צוויי חברים רייסן איבער צווישן זיך די באַציִונגען און דער

סוד איז, אַז איך האָב אים נאָר געוואָלט אַ פּאָר טעג אָפּהאַלטן פון דערווייטנס און שפּעטער, נעמענדיק אין אַכט זיין חרטה, אויסשטרעקן אים די האַנט.

דאָס איז געווען מיין פּעסטער באַשלוס.

וואָס־זשע מיינט איר? ער האָט סמוראָוון אויסגעהערט, און פלוצלינג האָבן די אייגלעך זיינע אָנגעהויבן פינקלען:

— גיב איבער קראַסאָטקינען — שרייט ער — פון מיינעט־וועגן, אַז איך וועל אַצינד אַלע הינט וואַרפן שטיקער מיט שפּיל־קעס, אַלע, אַלע!

אַ, טראַכט איך, אַ פריי ווינטל, מען דאַרף דערפון פּטור ווערן. און אָנגעהויבן אים מיין פאַראַכטונג אַרויסווייזן. בײַ יעדער באַגע־געניש דריי איך מיך אויך אַוועק אָדער שמייכל איראָניש. און פלוצלינג קומט פאָר די מעשה מיט זיין פּאָטער, איר געדענקט, מיטן וויעכעטש? איר מוזט פאַרשטיין, אַז ער איז שוין פון פריער געווען צוגעגרייט צו אַ שרעקלעכער אויפרעגונג.

די יונגלעך זען, אַז איך האַלט שוין נישט מיט אים, האָבן זיי זיך דאָס אַ וואָרף געטון אויף אים, רייצן זיך:

„וויעכעטש, וויעכעטש".

דאָ האָט זיך ביי זיי אָנגעהויבן די מלחמה, און עס טוט מיר שטאַרק באַנג, ווייל מען האָט אים איינמאָל זייער שטאַרק צעשלאָגן.

איז אָט איינמאָל אין שול־הויף, בשעת מען איז אַרויס פון די קלאַסן, וואַרפט ער זיך אַזוי אויף אַלע און איך שטיי מיר נישט וויים און קוק אויף אים. און איך שווער אייך, איך געדענק נישט, איך זאָל האָבן דאַמאָלס געלאַכט, פאַרקערט, איך האָב דאַמאָלט דערפילט צו אים אַ גרויס, גרויס רחמנות און נאָך איין רגע, וואָלט איך זיך שוין אַ לאָז געטון פאַרטיידיקן אים. נאָר פלוצלינק האָט ער באַגעגנט מיין בליק. וואָס עס האָט זיך אים געדאַכט — האָב איך קיין אַנונג נישט, נאָר ער האָט אַרויסגעכאַפּט אַ מעסערל און

מיר אַ שטאָך געטון אין דער זייט אַריין, אָט דאָ ביי דעם רעכטן פוס.

איך האָב זיך נישט גערירט פון אָרט; איך בין זיך אייך מודה, קאַראַמאַזאָוו, אַז טיילמאָל קען איך זיין זייער העלדיש, האָב איך נאָר מיט פאַראַכטונג אַ קוק געטון, ווי זאָגנדיק:

„אפשר ווילסטו נאָך איין מאָל פאַר מיין גאַנצער פריינטשאַפט, איז ביטע".

נאָר ער האָט שוין דאָס צווייטע מאָל נישט געשטאָכן, נישט אויסגעהאַלטן, אַליין זיך דערשראָקן, אַ וואָרף געטון דאָס מעסערל, הויך זיך צעוויינט און זיך געלאָזט לויפן. איך האָב אים, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרמסרט און אַלע געהייסן שווייגן, כדי עס זאָל זיך נישט דערטראָגן צו די פאַרוואַלטער, אפילו דער מאַמען האָב איך געזאָגט ערשט ווען עס האָט זיך שוין געהאַט פאַרהיילט, און בכלל איז עס געווען אַ קלייניקייט, אַ ראַנץ נאָר.

שפעטער דערוויס איך מיך, אַז דעם זעלבן טאָג האָט ער זיך געוואָרפן מיט שטיינער און אייך אַ ביס געטון דעם פינגער, — אָבער איר באַגרייפט נאָר אין וואָס פאַר אַ צושטאַנד ער איז דאַמאָלס געווען!

נו, וואָס טוט מען, איך האָב געטון אַ נאַרישקייט: איך בין נישט געקומען אים בעטן, דאָס הייסט, איבערבעטן זיך, ווען ער איז קראַנק געוואָרן, איך האָב חרטה אַצינד. נאָר דאָ האָבן זיך באַוויזן אַנדערע צילן. נו, דאָס איז די גאַנצע מעשה... נאָר, דאַכט זיך, איך האָב געטון אַ נאַרישקייט...

— אַך, עס טוט מיר אַזוי באַנג, — האָט אַליאָשאַ מיט אויפרעגונג אויסגעשריגן, — וואָס איך האָב דאָס אַלץ פריער נישט געוווּסט, אַז נישט וואָלט איך שוין לאַנג אַליין געווען געקומען צו אייך בעטן, איר זאָלט צוזאַמען מיט מיר אַהינגיין. איר ווייסט, אַז אין היץ, קראַנקערהייט, רעדט ער פון אייך. און איך האָב נישט געוווּסט, אַז איר זענט אים אַזוי טייער! האָט איר טאַקע זשוטשקען

נישט געקענט געפונען? דער פאָטער און די יונגלעך האָבן אויס-
געזוכט די גאַנצע שטאָט. צי גלייבט איר, דער קראַנקער האָט אפשר
אַ מאָל דריי שוין אין מיין אָנוועזנהייט געזאָגט דעם פאָטער מיט
טרערן:

„טאַטע, דערפאַר בין איך קראַנק, וואָס איך האָב זשוטשקען
דערהרגעט, דאָס האָט מיך גאָט געשטראָפט".

און מען קען אים נישט אָפּרייסן פון דעם געדאַנק! מען זאָל
נאָר קענען קריגן ערגעץ אָט די זשוטשקע און ווייזן זי אים, אַז
זי איז נישט געשטאָרבן, וואָלט ער, דאַכט זיך, פון דער פרייד אַליין
געזונט געוואָרן. מיר אַלע האָבן אויף אייך האָפנונגען געלייגט.

— זאָגט מיר, פאַרוואָס האָט איר עפּעס אַלע געהאָפט, אַז
איך וועל געפינען זשוטשקען, ד. ה. גראָד איך? — האָט קאָליאַ
זייער בייגעריק געפרעגט, — פאַרוואָס האָט איר עפּעס גראָד אויף
מיר זיך פאַרלאָזט און נישט אויף אַן אַנדערן?

— מען האָט געזאָגט, אַז איר זוכט זי, און אַז איר וועט זי
געפינען, וועט איר זי ברענגען. סמוראָוו האָט, דאַכט זיך, עפּעס
אַזוי געזאָגט. מיר אַלע ווילן דער עיקר אים איינרעדן, אַז זשוטשקאַ
לעבט, און אַז עמעצער האָט זי אַפילו געזען. די יונגלעך האָבן גע-
קריגן ערגעץ אַ העזעלע, אַ לעבעדיקס, האָט ער נאָר אַ שמייכל גע-
טון און באַלד געבעטן, מען זאָל עס אין פרייען פעלד אַריין צו-
ריק אַרויסצולאָזן. אַזוי האָט מען טאַקע געטון. דער פאָטער האָט
ערשט געברענגט אַ מעדעליאָניש הינטל, געוואָלט אים דערפרייען,
און נאָך ערגער געמאַכט.

— איין זאַך זאָגט נאָך, קאַראַמאַזאָוו: וואָס אַזוינס איז זיין
פאָטער? איך קען אים, נאָר איך וויל וויסן אייער מיינונג, וואָס
איז ער: אַ ליץ, אַ קלאָון?

— אַך ניין, עס זיינען פאַראַן זייער פילבאַרע מענטשן,
וואָס זיינען אָבער זייער דערשלאָגן. דאָס ליצנות איז בײַ זיי אַ מין

בייזע איראָניע קעגן די, וועלכע זיי וואָגן נישט, צוליב אַן אַלטער שוין דערנידערנדיקער פּחדנות, צו זאָגן דעם אמת אין די אויגן אַריין. אַזאַ לצנות איז אָפּט זייער טראַגיש. באַ אים איז אַצינד אַלץ, אַלץ אויף דער וועלט געוואָרן נאָר אילושע, און טאָמער שטאַרבט אילושע, וועט ער, אָדער משוגע ווערן, אָדער זיך דער-הרגענען. אַז איך קוק אויף אים בין איך כמעט איבערצייגט אין דעם!

— איך פֿאַרשטיי אייך, קאַראַמאַזאָוו, איך זע, אַז איר קענט אַ מענטש, — האָט קאָליאַ מיט געפֿיל אַ זאָג געטון.

— ווען איך האָב אייך דערזען מיטן הונט, — האָב איך שוין געמיינט, אַז דאָס האָט איר געבערענגט זשוטשקען.

— האָט צייט, קאַראַמאַזאָוו, מיר וועלן זי אפשר געפינען אויך, און דער — דאָס איז פּערעזוואָן. איך וועל אים אַצינד אַריינ-לאָזן אין צימער, וועט אילושע פון אים אפשר מער הנאה האָבן, ווי פון דעם מעדאַליאָנישן הינטל. וואַרט-צו, קאַראַמאַזאָוו, איר וועט באַלד עפּעס זען. אַך, גאָט מיינער, וואָס פֿאַרהאַלט איך אייך! — האָט קאָליאַ פלוצלינג האַסטיק אויסגעשריגן. — איר שטייט אויף אַזאַ קעלט אין איין סורדוט, און איך פֿאַרהאַלט אייך; איר זעט, איר זעט, וואָס פאַר אַן עגאָיסט איך בין! אָ, מיר זיינען אַלע עגאָ-יסטן, קאַראַמאַזאָוו!

— האָט נישט קיין יסורים, — עס איז קאַלט, אמת, נאָר איך פֿאַרקיל זיך נישט. פֿונדעסטוועגן קומט. אגב: ווי איז אייער נאָ-מען, איך ווייס, אַז קאָליאַ, און ווייטער?

— ניקאָלאַי, ניקאָלאַי איוואַנאָוו קראַסאָטקין, אָדער, ווי מען זאָגט דאָס אָפּיציעל: דער זון קראַסאָטקין, — האָט זיך קאָליאַ צעלאַכט, נאָר פלוצלינג צוגעגעבן:

— איך האָב, פֿאַרשטייט זיך, פיינט מיין נאָמען ניקאָלאַי.

— פֿאַרוואָס-זשע!

— שאַבלאָן, אָפּיציעל...

— איר זענט אין דרייצענטן יאָר? — האָט אַליאָשאַ געפרעגט.

— דאָס הייסט אין פירצענטן, איבער צוויי וואָכן וועל איך אַלט פירצען, זייער גיך. איך בין זיך פאַר אייך, קאַראַמאַזאָוו, פריִער מודה אין איין שוואַכקייט, דאָס זאָג איך אייך שוין, צוליב ערשט דער ערשטער באַקאַנשאַפט, כדי איר זאָלט קענען באַלד מיין גאַנצן כאַראַקטער דערקענען: איך קען נישט ליידן, אַז מען פרעגט מיך וויפיל איך בין אַלט, נאָך מער ווי נישט ליידן... און סוף־כל־סוף... אָט האָט מען וועגן מיר למשל אַרויסגעלאָזט אַ קלאַנג, אַז איך האָב יענע וואָך זיך געשפּילט מיט די שילער פון פאָרבאַרייטונגס־קלאַס אין גזלנים. אַז איך האָב זיך געשפּילט, דאָס איז אמת, נאָר אַז איך האָב זיך געשפּילט צוליב זיך, צוליב מיין פאַרגעניגן, דאָס איז שוין פשוט אַ ליגנט. איך האָב דאָס רעכט צו מיינען, אַז איר ווייסט שוין פון דעם, נאָר איך האָב נישט צוליב מיר זיך געשפּילט. אויס־שליסלעך נאָר צוליב דעם קליינוואַרג, ווייל אָן מיר וועלן זיי גאָר־נישט צוטראַכטן. און בּאַ אונדז וועט מען יעדער נאַרישקייט צע־בלאָזן. דאָס איז אַ שטאָט פון רכילות, איר מעגט מיר גלייבן.

— און ווען איר וואָלט אייך אפילו געשפּילט צוליב אייער פאַרגעניגן וועגן, איז וואָס?

— נו, צוליב זיך... איך וועל דאָך מיך נישט גיין אַוועק־שטעלן שפּילן זיך אין פערדלעך!

— איר מיינט אַזוי? — האָט אַליאָשאַ אַ שמייכל געטון: — פאַרן דאָך דערוואַקסענע אין טעאַטער אַריין, למשל, און אין טעאַטער ווערן דאָך אויך פאָרגעשטעלט מעשיות פון כלערליי העלדן, אַמאָל אפילו פון גזלנים, פון מלחמות, — איז דען דאָס נישט דאָס זעל־בע אויף אַן אַנדערן אופן, פאַרשטייט זיך, און אַז אין אַן אָפּגע־שטאַנענער צייט שפּילט זיך דער יונגער עולם אין מלחמה אָדער אין גזלנים, — איז דאָס דאָך אויך אַן אָנהייב פון קונסט, וועלכער רופט

אַרויס אין דער יונגער נשמה אַ שטרעבונג צו קונסט, און אין די שפּילן איז דאָ אַמאָל אפשר מער גאַנצקייט ווי אין די טעאַטער־פאָרשטעלונגען. דער חילוק איז נאָך, וואָס אין טעאַטער אַריין פאָרט מען קוקן אויף די אַרטיסטן, און דאָ זיינען דער יונגער עולם אַליין די אַרטיסטן. אָבער דאָס איז נאָר נאַטירלעך.

— אַזוי מיינט איר? דאָס איז אייער איבערצייגונג? — האָט קאַליאַ פאַרשנדיק געקוקט אויף אים. — איר ווייסט, איר האָט אַרויסגעזאָגט זייער אַן אינטערעסאַנטן געדאַנק; ווען איך וועל אַצינד קומען אַהיים, וועל איך שוין וועגן דעם ווי געהעריק אַ טראַכט טון. דעם אמת צו זאָגן, האָב איך טאַקע געהאַפּט, אַז איך וועל מיך בא אייך עפּעס אויסלערנען. איך בין געקומען זיך לערנען ביי אייך, קאַראַמאַזאָוו, — האָט קאָליאַ פאַרענדיקט מיט געפיל און פּאַטאָס.

— און איך בא אייך, — האָט אַליאָשאַ אַ שמייכל געטון און אים געדריקט די האַנט.

קאָליאַ איז געווען שטאַרק צופרידן מיט אַליאָשען. אים האָט איבעראַשט דאָס, וואָס ער איז מיט אַליאָשען, ווי מיט זיינעם אַ גלייכן און וואָס יענער רעדט מיט אים, ווי מיט „גאָר אַ גרויסן".

— איך וועל אייך באַלד ווייזן אַ קונץ, קאַראַמאַזאָוו, אויך אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג, — האָט ער נערוועז זיך צעלאַכט, — איך בין צוליב דעם געקומען.

— קומט אַריין צו די באַלעבאַטים, לינקס, דאָרט לייגן אַלע אייערע אַוועק זייערע מאַנטלען, אין צימער איז זייער ענג און הייס.

— אָ, איך בין נאָר אויף אַ ווײלע, איך וועל אַריין און זיין אַ ביסל אין מאַנטל. פּערעזוואָן וועט בלייבן אין פאָדערהויז און וועט שטאַרבן: „איסי, פּערעזוואָן, קוש און שטאַרב!" — איר זעט, ער איז געשטאָרבן. און איך וועל פריער אַריין, וועל מיך אַרומקוקן און

שפעטער, אז מען וועט דאַרפן, וועל איך אַ פייף טון: „איסי, פּע־רעזוואַן!" וועט איר זען, ער וועט ווי אַ דולער אַריינפליען. מען דאַרף נאָר, אַז סמוראָוו זאָל נישט פאַרגעסן באַצייטנס אויפצועפע־נען די טיר. איך וועל דאָס שוין מאַכן, איר וועט שוין זען אַ קונץ...

V.

באַ אילושעס געלעגער.

אין דעם שוין אונדז באַקאַנטן צימער, וווּ עס האָט גע־וווינט די משפחה פון שטאַבס־קאַפּיטאַן סנעגיראָוו, האָט זיך אין דער מינוט געהאַט צונויפגעקליבן אַ גרויסער עולם און עס איז גע־ווען ענג און הייס.

באַ אילושען זיינען דאָס מאָל געזעסן עטלעכע יונגלעך, און כאָטש זיי אַלע זיינען געווען גרייט, ווי סמוראָוו האָט דאָס געטון, אָפּצולייקענען, אַז צו אילושען האָט זיי געבראַכט און איבערגעבעטן מיט אים אַליאָשע, איז דאָס פּאָרט אַזוי געווען.

אַליאָשעס גאַנצע קונץ אין דעם פאַל איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט זיי, איינעם נאָכן אַנדערן, צונויפגעפירט מיט אילושען אָן שום „קעלבערנע התפעלות״, נאָר עפּעס ווי צופעליק און נישט אומישנע.

אילושען האָט דאָס זייער פאַרגרינגערט זיינע ליידן. ער האָט געזען, ווי אַלע זיינע אַמאָליקע שונאים נעמען אַזאַ נאָענטן אָנטייל אין אים, באַציִען זיך צו אים מיט אַזאַ צערטלעכער פריינט־שאַפט, און איז געווען שטאַרק גערירט. נאָר עס האָט נאָך געפעלט קראַסאָטקין, און דאָס האָט אים שטאַרק געדריקט. אין זיינע בי־טערע זכרונות איז דאָס ביטערסטע געווען אָט דער צופאַל מיט קראַסאָטקינען, בשעת ער איז אָנגעפאַלן מיט אַ מעסער אויף זיין איינציקן חבר און פאַרטיידיקער. אַזוי האָט טאַקע פאַרשטאַנען דער קלוגעטשקער סמוראָוו (ער איז דער ערשטער געקומען זיך איבער־בעטן מיט אילושען). נאָר קראַסאָטקין אַליין, בשעת סמוראָוו האָט אים פאָרזיכטיק געפּרוווט מודיע זיין, אַז אַליאָשאַ קלויבט זיך „וועגן אַן ענין״ צו קומען צו אים, האָט באַלד איבערגעשלאָגן,

נישט געלאָזט רעדן און געבעטן איבערגעבן קאַראַמאַזאָוון, אַז ער ווייסט אַליין, וואָס ער האָט צו טון, און אַז ער פֿרעגט בײַ קיינעם קיין עצות נישט, און אַז ער וועט גיין דעמאָלס, ווען ער וועט דאָס אַליין געפֿינען פֿאַר נייטיק, ווייל ער האָט זיך „זיינע חשבונות". דאָס איז געווען מיט צוויי וואָכן פֿריִער. און דערפֿאַר טאַקע איז אַליאָשאַ צו אים נישט געקומען, כאָטש ער האָט זיך שוין פֿריִער געקליבן צו אים, ער האָט צוגעוואַרט, נאָר, אגב, נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל געשיקט סמוראָוון צו קראַסאָטקינען.

קראַסאָטקין האָט אָבער ביידע מאָל אויפֿן שאַרפֿסטן און אומ־געדולדיקסטן אופֿן אָפּגעזאָגט און איבערגעגעבן אַליאָשען, אַז אויב יענער וועט קומען צו אים, וועט ער דערפֿאַר קיינמאָל נישט גיין צו אילושען און אַז מען זאָל אים לאָזן צורו. און סמוראָוו אַליין האָט ביזן לעצטן טאָג נישט געוווּסט, אַז קאָליאַ וועט אין דעם פֿרי־מאָרגן גיין צו אילושען, און ערשט נעכטן פֿאַרנאַכט, בשעת קאָליאַ האָט זיך מיט אים געזעגנט, האָט ער פּלוצלינג שאַרף אַ זאָג גע־טון, אַז סמוראָוו זאָל מאָרגן אויף אים וואַרטן אינדערהיים, כדי צוזאַמען צו גיין צו סנעגיראָוון, אָבער ער זאָל זיך נישט דערוועגן קיינעם צו זאָגן וועגן זיין קומען, ווארים ער, קאָליאַ, וויל קומען אומדערוואַרטעט.

סמוראָוו האָט אים געפֿאָלגט, און די האָפֿנונג, אַז קאָליאַ וועט ברענגען די פֿאַרפֿאַלנגעוואָרענע זשוטשקע, האָט זיך בײַ סמוראָוון דערוועקט אויפֿן סמך פֿון קאָליעס אַ פֿאַר, דרך אַגב, געזאָגטע ווער־טער, אַז: „אַלע זיינען נאַראָנים, אויב מען האָט נישט געקענט גע־פֿונען אַ הונט, בשעת ער לעבט". און אַז סמוראָוו האָט איינמאָל גע־כאַפּט אַ פּאַסיקע מינוט, און שרעקנדיק אַ זאָג געטון קראַסאָטקינען וועגן זיין השערה, איז יענער שרעקלעך אין כעס געוואָרן:

„וואָס, איך בין אַ נאַר, מער האָב איך שוין נישט וואָס צו טון, נאָר אַרומצוגיין איבער דער גאַנצער שטאָט און זוכן פֿרעמדע

הינט, בשעת איך האָב מיר מיין פערעזוואָן? און ווי קאָן מען טראַכטן גאָר, אַז אַ הונט, וואָס האָט איינגעשלונגען אַ שפּילקע, זאָל לעבן בלייבן! קעלבערנע התפּעלות און מער גאָרנישט!"

און דערווייל זייבען שוין אַוועק צוויי וואָכן, ווי אילושאַ איז כמעט נישט אַראָפּגעקראָכן פון זיין געלעגער אין ווינקל. אין שול אַריין איז ער שוין נישט געגאַנגען פון יענעם מאָל אָן, וואָס ער האָט זיך געטראָפן מיט אַליאָשען און אים דורכגעביסן דעם פינגער. ער איז אייגנטלעך אין יענעם טאָג טאַקע קראַנק געוואָרן, כאָטש ער האָט נאָך אַ גאַנצן חודש געקענט פון צייט-צו-צייט אויפשטיין פון זיין בעטל און דורכשפּאַצירן זיך איבערן צימער, איבערן פאָדער-הויז. נאָר ענדלעך האָט ער שוין מער קיין כוחות נישט געהאַט און אָן דעם פאָטערס הילף זיך נישט געקענט אַפילו רירן.

דער פאָטער האָט שרעקלעך געציטערט איבער אים, אַפילו טרינקען איינגעגאַנגען אויפגעהערט און שיִער נישט משוגע געוואָרן פאַר מורא, אַז אָט שטאַרבט זיין יונגל.

אָפּט, איבערהויפּט נאָך דעם, ווי ער פלעגט אים אונטערן אָרעם איבערן צימער אַדורכפירן און צוריק אויף זיין געלעגער אַנידערלייגן, — פלעגט ער פלוצלינג אַרויסלויפן אין פאָדערהויז אַריין, פאַרקלויבן זיך אין אַ פינסטערן ווינקל און דאָרט, צוגעשפּאַרט מיטן שטערן צו דער וואַנט, דערשטיקנדיק זיין קול, כדי מען זאָל אים נישט הערן בײַ אילושען, פלעגט ער וויינען מיט עפּעס אַ פאַר-דרייטן און ציטערנדיקן געוויין.

און אַז ער איז צוריק אין צימער אַריין, פלעגט ער געוויינט-לעך אָנהייבן ווילן, פריילעך מאַכן זיין טייער יונגל. — ער האָט אים דערציילט פאַרשידענע מעשיות און קאָמישע אַנעקדאָטן, פאָר-געשטעלט אַלערליי קאָמישע מענטשן, וועלכע ער האָט נאָר אַמאָל באַגעגנט, אַפילו נאָכגעמאַכט די קאָמישע געשרייען און קאָמישע העוויות פון פאַרשידענע חיות.

אילושאַ האָט זייער נישט ליב געהאַט, אַז זיין פּאָטער פלעגט זיך אָנהייבן נאָכקרימען און מאַכן פון זיך אַ לץ. ער האָט דאָס נישט אַרויסגעוויזן, נאָר גוט פאַרשטאַנען, וואָס פאַר אַן אָרט זיין פאָטער פאַרנעמט אין דער געזעלשאַפט, און האָט שטענדיק געדענקט וועגן „וויעכעטש" און וועגן יענעם „שרעקלעכן טאָג", און דאָס האָט אים זייער געקרענקט.

די לאָמע נינאָטשקע, אילושעטשקעס שטילע און מילדע שוועסטער, האָט אויך נישט ליב געהאַט, אַז דער פאָטער האָט זיך נאַריש געמאַכט (וואָס שייך וואַרוואַראַ ניקאָלאַיעווּנאַ, איז זי שוין לאַנג אַוועקגעפאָרן קיין פּעטערבורג אויף קורסן).

דערפאַר אָבער האָט זיך שוין מחיה געווען דאָס משוגענע מאַמעלע.

ווי נאָר דער מאַן פלעגט אָנהייבן מאַכן זיינע שטיק, האָט זי זיך געפרייט און געלאַכט מיטן גאַנצן האַרץ. נאָר מיט דעם האָט מען זי געקענט איינשטילן, ווייל די גאַנצע איבעריקע צייט פלעגט זי אָן אויפהער וואָרטשען און קלאָגן זיך, אַז מען האָט זי אַצינד לחלוטין פאַרגעסן, אַז מען לייגט נישט קיין אַכט אויף איר, אַז מען באַליידיקט זי און א. וו. און א. וו.

נאָר זי האָט זיך עפּעס די לעצטע טעג פּלוצלינג שטאַרק איבערגעביטן.

זי האָט אָנגעהויבן אָפט קוקן אין אילושעס ווינקעלע אַריין און אָנגעהויבן זיך פאַרטראַכטן, אַ סך שווייגנדיקער און שטילער געוואָרן און אויב זי האָט שוין יאָ געוויינט, איז שטילערהייט, מען זאָל זי נישט הערן.

דעם שטאַבס-קאַפּיטאַן האָט די ענדערונג פיינלעך פאַרוווּנדערט. און אַז עס האָבן אָנגעהויבן קומען צו זיי די יונגלעך, איז איר דאָס אין אָנהייב שטאַרק נישט צום האַרץ געווען, און זי האָט זיך אפילו געבייזערט, נאָר ביסלעכווייז האָבן איר אויך אָנגעהויבן צו

געפעלן די פריילעכע אויסגעשריייען מיט די קינדערישע מעשיות, און צום סוף האָט זי זיך שוין אַזוי געפרייט מיט זיי, אַז זי וואָלט שוין שטאַרק געבענקט, ווען די יונגלעך וואָלטן אויפגעהערט צו קומען צו זיי. און בשעת די יונגלעך פלעגן דערציילן עפּעס, אָדער שפּילן זיך, האָט זי געלאַכט, געקלאַפּט מיט די הענט, צוגערופן צו זיך אייניקע פון זיי און געקושט זיי. מער פאַר אַלעמען האָט זי ליב געהאַט סמוראָוון. וואָס איז שייך דעם שטאַבס-קאַפּיטאַן, האָט דאָס, וואָס די קינדער האָבן אָנגעהויבן קומען ווײַלן אילושען, אין ערשטן מאָמענט אָנגעפילט זיין האַרץ מיט אַ גרויסער פרייד און, אפילו מיט אַ האָפנונג, אַז אַצינד וועט אילושאַ אויפהערן טרויערן, און וועט פון דעם אפשר גיכער געזונט ווערן.

נישט געקוקט אויף זיין מורא פאַר אילושען, האָט ער די גאַנצע צייט, ביזן לעצטן מאָמענט, נישט געצווייפלט, אַז אילושאַ וועט פּלוצלינג געזונט ווערן. ער האָט באַגעגנט די קליינע געסט מיט אַ יראת הכבוד, געזאָרגט זיך וועגן זיי, באַדינט זיי, געווען גרייט אַרויפצוזעצן זיי אויף זיך און טאַקע געפּרוווט דאָס טון, איז דער שפּיל נישט געפעלן געוואָרן אילושען, האָט ער דאָס אויפגעהערט.

ער האָט אָנגעהויבן איינקויפן פאַר זיי מתנות, לעקעכלעך, ניסלעך, טיי געמאַכט און ברויט מיט פּוטער אָנגעשמירט פאַר זיי-ערטוועגן.

געלט האָט ער געהאַט די גאַנצע צייט.

די דאָמאָלסטיקע צוויי הונדערט רובל, וואָס קאַטערינאַ אי-וואַנאָוונאַ האָט אים געשיקט, האָט ער, ווי אַליאָשאַ האָט דאָס פאָר-ויסגעזען, טאַקע צוגענומען. און קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ, אַז זי האָט זיך דערוווסט מער וועגן זייערע אומשטענדן און וועגן אילושעס קרענק, איז זי אַליין געקומען אין זייער וווינונג אַריין, האָט זיך באַקענט מיט דער גאַנצער משפחה און האָט אפילו באַוויזן צו באַ-צויבערן די משוגענע פרוי פון שטאַבס-קאַפּיטאַן. פון יענער צייט

אָן, איז זי נישט מיד געוואָרן צו געבן, און דער שטאַבס־קאַפּיטאַן אַליין, אַ דערשראָקענער און דערדריקטער פון דעם געדאַנק, אַז דאָס יונגל וועט שטאַרבן, האָט פאַרגעסן שוין אָן זיין פריערדיקער ערע און הכנעהדיק גענומען די צדקה.

קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט אויך איינגעלאַדן דעם דאָקטאָר הערצענשטובע, און די גאַנצע צייט פלעגט ער, רעגולער, טאָג באַ טאָג, קומען צו דעם קראַנקן, שרעקלעך געשטאָפּט אים מיט פאַרשידענע רפואות, נאָר פון אַלע זיינע באַזוכן איז ווייניק גוטס אַרויסגעקומען. דעם היינטיקן זונטיק אינדערפרי, האָט מען באַם שטאַבס־קאַפּיטאַן אָפּגעוואַרט אַ נייעם דאָקטאָר, אַ באַרימטהייט פון מאָסקווע. דעם נייעם דאָקטאָר האָט קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ פאַר אַ סך געלט אויסגעשריבן און פון מאָסקווע איינגעלאַדן, — נישט בלויז צוליב אילושעטשקען, נאָר אין איין וועגס האָט זי שוין געבעטן אילושעטשקען אויך צו באַזוכן; דעם שטאַבס־קאַפּיטאַן האָט מען פריער וועגן דעם צו וויסן געגעבן. און וועגן קאָליאַ קראַסאָטקינס קומען האָט ער קיין שום אַנונג נישט געהאַט, כאָטש ער האָט שוין לאַנג געוואַרט, אַז עס זאָל שוין ענדלעך קומען דאָס יונגל, איבער וועלכן זיין אילושעטשקע פייניקט זיך אַזוי שטאַרק.

אַז קראַסאָטקין האָט אויפגעעפנט די טיר און איז אַריין אין צימער, זיינען אין דעם מאָמענט אַלע, דער שטאַבס־קאַפּיטאַן און די יונגלעך, געשטאַנען אַרום דעם קראַנקנס געלעגער און באַטראַכט דאָס ערשט געבראַכטע קליינינקע מעדליאָנישע הינטל, וואָס איז געבוירן געוואָרן ערשט נעכטן, נאָר וועלכעס דער שטאַבס־קאַפּיטאַן האָט שוין געהאַט באַשטעלט מיט אַ וואָך צוריק, כדי צו טרייסטן אילושעטשקען, וואָס האָט נאָך אַלץ געבענקט נאָך דער פאַרשווונדענער און, פאַרשטייט זיך, שוין אומגעקומענער זשוטשקע.

אילושעטשקע האָט שוין מיט דריי טעג צוריק געהערט און געוווסט, אַז מען וועט אים שענקען אַ קליין הינטל, נישט קיין פּראָסטס,

נאָר אַן עכט מעדעל־יאָנישס (וואָס עס איז, פאַרשטייט זיך, געווען שרעקלעך וויכטיק), און אַצינד, כאָטש ער האָט זיך פון איידלקייט געמאַכט, אַז ער איז זייער צופרידן מיט דער מתּנה, האָבן דאָך אַלע, דער שטאַבס־קאַפּיטאַן און די יונגלעך, קלאָר געזען, אַז דאָס קליינע הינטל האָט נאָר אויפסניי אויפגעוועקט אין זיין הערצל די ערינערונג וועגן דער אומגליקלעכער און דורך אים אומגעקו־מענער זשוטשקע.

דאָס הינטל איז געלעגן לעבן אים און געוואַלגערט זיך אויפן געלעגער, און ער האָט קרענקלעך געשמייכלט און געגלעט עס מיט זיין דינענקן, בלאַסענקן, אויסגעדאַרטן הענטל. עס איז געווען קענטיק, אַז דאָס הינטל געפעלט אים אַפילו, אָבער... זשוטשקע איז נישטאָ, דאָס איז דאָך פאָרט נישט זשוטשקע. ווען עס וואָלט אָבער געקענט זיין צוזאַמען — זשוטשקע מיטן הינטל, דאַמאָלס וואָלט שוין געווען אַן אמת גליק!

— קראַסאָטקין! — האָט פּלוצלינג אַ געשריי געטון איינער פון די יונגלעך, וואָס האָט קאָליען דער ערשטער דערזען.

עס איז געוואָרן אַ שטיקל מהומה. די יונגלעך האָבן זיך צע־רוקט, צעשטעלט זיך פון ביידע זייטן געלעגער, געמאַכט אַזוי, אַז אילושעטשקע זאָל זיין אָפן און נישט פאַרשטעלט.

דער שטאַבס־קאַפּיטאַן האָט זיך האַסטיק אַ וואָרף געטון אַנט־קעגן קאָליען.

— ביטע, ביטע... אַזאַ טייערער גאַסט! — האָט ער גע־שטאַמלט. — אילושעטשקע, דער הער קראַסאָטקין איז צו דיר גע־קומען...

נאָר קראַסאָטקין האָט אים גיך דערלאַנגט די האַנט און באַלד אַרויסגעוויזן זיין וועלטלעכקייט.

ער האָט באַלד און פריִער פאַר אַלץ זיך געווענדט צו דער פרוי פון שטאַבס־קאַפּיטאַן, וואָס איז געזעסן אין אַ פאָטעל (און איז

אין דעם מאָמענט גראָד געווען שטאַרק נישט צופרידן און האָט גע־וואָרטשעט, אַז די יונגלעך פאַרשטעלן מיט זיך אילושעס געלעגער, אַז מען לאָזט זי נישט אָנקוקן דאָס נייע הינטל) און האָט זיך זייער העפלעך פאַר איר פאַרנייגט, באַלד זיך אויסגעדרייט צו ניגאָטש־קען און אויך פאַר איר, ווי פאַר אַ דאַמע, זיך פאַרנייגט.

אויף דער קראַנקער פרוי האָט די דאָזיקע ליבנסווירדיקייט געמאַכט אַן אויסערגעוויינטלעך גוטן איינדרוק.

— אַ גוט דערצויגענעם יונגנמאַן קען מען באַלד דערקע־נען, — האָט זי הויך געזאָגט און צעשפּרייט די הענט, — נישט אַזוי, ווי אונדזערע איבעריקע געסט: קומען צו פאָרן איינער אויפן אַנדערן.

— וואָס הייסט איינער אויפן אַנדערן, מאַמעלע, ווי אַזוי איז דאָס? — האָט דער שטאַבס־קאַפּיטאַן, א ביסל דערשראָקן פאַר דעם מאַמעלע, מילד געשטאַמלט:

— אָט אַזוי טאָקע פאָרן זיי אַריין. דאָרט אין פאָדערהויז זעצט זיך איינער דעם צווייטן אויף די אַקסלען און פאָרט אַריין רייטנדיק צו אַ לייטישער משפּחה. וואָס־זשע איז דאָס פאַר אַ גאַסט?

— אָבער ווער־זשע, מאַמעלע, ווער־זשע איז אַזוי אַריינגע־פאָרן, ווער?

— אָט דאָס יונגל איז הייַנט אַריינגעפאָרן זיצנדיק אויף דעם און אָט יענער אויף יענעם...

נאָר קאָליאַ איז שוין געשטאַנען בײַ אילושעס געלעגער.

דער קראַנקער איז קענטיק בלאַס געוואָרן. ער האָט זיך אויפ־געהויבן אויפן געלעגער און אויפמערקזאַם, שטאַר געקוקט אויף קאָ־ליען. יענער האָט שוין אַ חדשים צוויי נישט געזען זיין געוועזע־נעם קלײַנעם פרײַנט און איז פּלוצלינג געבליבן שטיין אַ געפּלעפּ־טער: ער האָט זיך נישט פאָרגעשטעלט אפילו, אַז ער וועט דער־זען אַזאַ אויסגעדאַרט און געל פּנימל, אַזוינע גרויס־געוואָרענע, פון

היץ און פיבער ברענענדיקע, אויגן, אזעלכע דאַרענקע הענטלעך.

טרויעריק פאַרוווּנדערט האָט ער זיך צוגעקוקט, ווי אילושע עטעמט טיף און אָפּט און ווי עס טריקענען זיינע ליפּן. ער האָט אַ שפּאַן געטון צו אים, דערלאַנגט אים די האַנט און אַרויסגערעדט, כמעט אינגאַנצן מטושטש.

— נו וואָס, אַלטער... וואָס מאַכסטו?

נאָר זיין קול האָט געציטערט, עס האָט אים פאַרפעלט מוט, און עפּעס האָט גענומען ציטערן אַרום זיינע ליפּן.

אילושע האָט קרענקלעך געשמייכלט און נישט געקענט קיין וואָרט אויסרעדן.

פּלוצלינג האָט קאַליאַ אויפגעהויבן די האַנט און מיט זיין האַנט־פלאַך אַ גלעט געטון איבער אילושעס האָר.

— ניש־ק־שה! — האָט ער אַ שעפּטש געטון, — אַ ביסל געוואָלט אים טרייסטן און אַ ביסל אַליין נישט געוווּסט, צוליב וואָס ער האָט דאָס געזאָגט.

אַ מינוט האָט ער געשוויגן.

— וואָס איז דאָס בא דיר, אַ ביי היגטל! — האָט קאַליאַ אינגאַנצן שוין מיט אַ גלייכגילטיקן קול געפרעגט.

— יאָ־אָ־אָ! — האָט אילושאַ שטיל אויסגעצויגן.

— אַ שוואַרצע נאָז, פון די בייזע, הייסט דאָס, פון די, וואָס שטייען אויף אַ קייט, — האָט קאַליאַ געזאָגט פעסט און מיושבדיק, פּונקט ווי אַלץ וואָלט דאָ געגאַנגען נאָר אין היגטל און אין זיין שוואַרצער נאָז. נאָר די מעשה איז געווען, וואָס ער האָט זיך מיט אַלע זיינע כּוחות באַמיט איינצוהאַלטן זיך, נישט צו צעוויינען זיך ווי אַ „קליינער״, און דאָס האָט זיך אים נישט איינגעגעבן. — אַז עס וועט אונטערוואַקסן, וועט מען עס מוזן האַלטן אויף אַ קייט, איך ווייס דאָס שוין.

— ער וועט זיין א גוואלטיק גרויסער! — האָט איינער פון דער חברה יונגלעך אויסגעשריגן.

— פאַרשטייט זיך, אַ מעדעליאַנישער, זייער אַ גרויסער, אָט אַזאַ, ווי אַ קאַלב די גרייס, — האָבן זיך פלוצלינג אָנגערופן עטלעכע קולעכלעך.

— ווי אַ קאַלב די גרייס, ווי אַן אמת קאַלב, — האָט דער שטאַבס-קאַפּיטאַן אונטערגעכאַפּט, — איך האָב ספּעציעל אויפגעזוכט אַזוינעם, אַ שטאַרק, שטאַרק בייזן, און די עלטערן זיינע זיינען אויך זייער גרויסע און אויך שטאַרק בייזע, אָט אַזוי הויך פון דער ערד וועט ער זיין... זעצט זיך צו, אָט דאָ אויף אילושעס בעטל, אַז נישט איז דאָ אויף דער באַנק, ביטע זייער, אַזאַ טייערער גאַסט, אַזאַ אָנגעלייגטער גאַסט... מיט אַלעקסעי פיעדאָראָוויטשן האָט איר באַוויליגט צו קומען?

קראַסאָטקין האָט זיך צוגעזעצט אויפן געלעגער, אילושען צופיסנס. ער האָט אפילו, קען זיין, אויפן וועג צוגעגרייט, מיט וואָס אָנצוהייבן עפּעס אַ פריילעכן שמועס, נאָר אַצינד האָט ער זיך לחלוטין פאַרלוירן.

— ניין... איך בין מיט פּערעזוואָנען... איך האָב אַצינד אַזאַ הונט, פּערעזוואָן... אַ סלאַווישער נאָמען. ער וואַרט דאָרט... איך וועל נאָר אַ פייף טון, וועט ער באַלד אַריינפליען. איך בין אויך מיט אַ הונט, — האָט ער זיך פלוצלינג געווענדט צו אילושען, — אַלטער, זשוטשקען געדענקסטו? — האָט ער אים פלוצלינג אָפּגעבריט מיט זיין פראַגע.

אילושעס פּנים'ל האָט זיך פון ווייטיק פאַרקרומט. ער האָט ליידנדיק געקוקט אויף קאָליען.

אַליאָשאַ, וואָס איז געשטאַנען בײַ דער טיר, האָט זיך אָנגעכמורעט און שטילערהייט אַ שאָקל געטון צו קאָליען מיטן קאָפּ,

ער זאָל נישט דערמאָנען זשוטשקעס נאָמען, נאָר יענער האָט נישט באַמערקט, אָדער נישט געוואָלט באַמערקן.

— ווי־זשע איז... זשוטשקע? — האָט אילושאַ געפרעגט מיט אַ געבראָכן קולכל.

— נו, ברודער, דיין זשוטשקע איז — פיו! פאַרפאַלן דיין זשוטשקע!

אילושאַ האָט געשוויגן און נאָכאַמאָל אויפמערקזאַם, אויפמערקזאַם אַ קוק געטון אויף קאַליען.

אַליאָשאַ האָט איבערגעכאַפּט קאַליעס בליק און מיט אַלע כוחות גענומען שאָקלען צו אים מיטן קאָפּ, נאָר יענער האָט אָפּגעווענדט זיינע בליקן און אויך דאָס מאָל נישט באַמערקט די צייכנס.

— אַוועקגעלאָפן ערגעץ און איז אומגעקומען. און ווי האָט גאָר געקענט אַנדערש זיין נאָך אַזאַ פאַרבייסן, — האָט קאָליאַ אומרחמנותדיק געשניטן. אים אַליין האָט אָבער עפּעס אָנגעהויבן אויספעלן אָטעם. — דערפאַר אָבער האָב איך פערעזוואָנען... אַ סלאַוויאַנישער נאָמען... איך האָב אים געברענגט צו דיר...

— מען דאַרף נישט! — האָט אילושעטשקע פלוצלינג אַרויסגערעדט.

— ניין, ניין, מען דאַרף, גיב אַ קוק.. ער וועט דיר געפעלן. איך האָב אים ספּעציעל געברענגט צו פירן... אויך אַזאַ האָריקער, ווי יענער... איר וועט דערלויבן אַריינצופירן אַהער מיין הונט, מאַדאַם? — האָט ער זיך פלוצלינג געווענדט צו דער פרוי סנעגיראָוו, און געווען איז ער עפּעס מאָדנע אויפגערעגט.

— מען דאַרף נישט, מען דאַרף נישט! — האָט אילושאַ מיט אַ ביטערקייט אויסגעשריגן, און אין זיינע אויגן האָט זיך אָנגעצונדן אַ פאַרוואורף־פייערל.

— איר וואָלט אפשר... — איז דער שטאַבס־קאַפּיטאַן פלוצ־

ליגג אויפגעשפרונגגען פון דעם קאַסטן באַם ווענטל, ווו ער האָט זיך געהאַט אַנידערגעזעצט, — איר וואָלט בעסער... אַן אַנדערט מאָל... — האָט ער געשטאַמלט, נאָר קאָליען האָט מען שוין נישט געקענט איינהאַלטן, איילנדיק האָט ער פלוצלינג אַ געשריי געטון סמוראַוון:

— סמוראַוו, די טיר עפן!

און ווי נאָר יענער האָט געעפנט, האָט ער אַ פייף געטון אויף זיין פייפער. אין צימער איז האַסטיק אַריינגעשפרונגען פערעזוואָן.

— שפרינג, פערעזוואָן, אויף די הינטערשטע פיס! אויף די הינטערשטע פיס! — האָט קאָליאַ געפילדערט, אויפגעשפרונגען פון אָרט, און דער הונט האָט זיך געשטעלט אויף די הינטערשטע פיס און אויסגעצויגן זיך פאַר אילושעס געלעגער. נאָר דאַמאָלס איז פאָרגעקומען עפעס אַזוינס, אויף וואָס קיינער האָט זיך נישט גע־רעכט: אילושאַ האָט אַ ציטער געטון, פלוצלינג זיך איינגאַנצן אַ רוק געטון פאָרויס, אָנגעבויגן זיך צו פערעזוואָנען און געקוקט אויף אים אָן אַן אָטעם:

— דאָס איז... זשוטשקאַ! — האָט ער פלוצלינג אויס־געשריגן, און זיין שוואַך קולכל איז געבראָכן געווען פון גליק און ליידן.

— און דו וואָס האָסט געמיינט? — האָט קראַסאָטקין מיט אַ גליקלעך און קלינגענדיק קול געפילדערט וויפיל ער האָט נאָר כּוח געהאַט, און, אָנבייגנדיק זיך צום הינט, האָט ער אים אַרומ־געכאַפּט און צוגעטראָגן אים צו אילושען.

— קוק דיך צו, אַלטער, זעסט, אַ קרום אויג, דאָס לינקע אויער אַ צעשניטנס, פונקט די סימנים, וואָס דו האָסט מיר געזאָגט. לויט די סימנים האָב איך אים געפונען! דאַמאָלס טאַקע געפונען, גאָר איינגיכן. ער איז דאָך קיינעמס נישט געווען, קיינעמס נישט! —

האָט ער דערקלערט, געווענדט זיך צום שטאַבס-קאַפּיטאַן, צו זיין ווייב, צו אַליאָשען און דערנאָך ווידער צו אילושען, — ער איז געווען בײַ פּעדאָטאָוון אויפן הינטער-הויף, דאָרט זיך אויפגעהאַלטן, נאָר מען האָט אים נישט קיין עסן געגעבן, ער איז אַן אַנטלאָפע-נער, פון דאָרף אַנטלאָפן... איך האָב אים אויפגעזוכט... זעסט, אַלטער, ער האָט, הייסט עס, דיין שטיק ברויט נישט איינגעשלונגען. וואָרים ווען ער שלינגט עס יאָ איין, וואָלט ער דאָך געוויס געשטאָרבן, דאָס איז שוין אויף געוויס! הייסט עס, ער האָט באַוויזן אויסצושפּייען, אויב ער לעבט. און דו האָסט גאָרנישט באַמערקט, אַז ער האָט אויסגעשפּוגן. אויסגעשפּוגן און פונדעסטוועגן זיך אַ שטאָך געטון אין דער צונג, און דערפאַר טאַקע האָט ער דאַמאָלס געקוויטשעט, געלאָפן און געקוויטשעט, און דו האָסט שוין געמיינט, אַז ער האָט איינגעשלונגען. און קוויטשען האָט ער געדאַרפט זייער שטאַרק, וואָרים בײַ אַ הונט איז די הויט פון מויל זייער אַ צאַר-טע... נאָך צאַרטער, ווי בײַ אַ מענטש, אַ סך צאַרטער! — האָט קאָליאַ געליאַרמט און זיין פּנים האָט בשעת-מעשה געפלאַמט און געשיינט פון גרויס התפּעלות.

אילושאַ האָט אפילו רעדן נישט געקענט. בלייך, ווי די וואַנט, האָט ער געקוקט אויף קאָליען מיט אַן אויפגעעפנט מויל און מיט גרויסע משוגה-אַרויסשטאַרטשענדיקע אויגן. און ווען קראַסאָטקין וואָלט געוווּסט, ווי פיינלעך און געפערלעך עס איז די מינוט פאַרן קראַנקן צושטאַנד, וואָלט ער נישט געווען קיין בעלן אָפּצוטון אַזאַ שפּיצל. נאָר קראַסאָטקין האָט וועגן דעם קיין שום אַנונג נישט גע-האַט. און אין צימער האָט דאָס פאַרשטאַנען, קען זיין, נאָר איין אַליאָשאַ, ווייל, וואָס איז שייך דעם קאַפּיטאַן, האָט ער זיך אַליין פאַרוואַנדלט אין אַ פּיצל יונגל.

— זשוטשקע! איז דאָס טאַקע זשוטשקע? — האָט ער מיט אַ גליקלעך-פריידיק קול אויסגעשריגן — אילושעטשקע, דאָס איז

דאָך זשוטשקע, דיין זשוטשקע! מאַמעלע, דאָס איז דאָך זשוטשקע! — ער האָט שיִער נישט געוויינט.

— און איך האָב זיך גאָר נישט אָנגעשטויסן! — האָט סמוראַוו מיט שרעק אויסגעשריגן — אָט האָסטו דיר קראַסאָטקינען, איך האָב געזאָגט, אַז ער וועט געפינען זשוטשקען, האָט ער טאַקע געפונען!

— האָט ער טאַקע געפונען! — האָט זיך פריילעך אָנגערופן נאָך עמעצער.

— מאַלאַדיעץ קראַסאָטקין! — האָט אַ דריט קולעכל געקלונגען.

— מאַלאַדיעץ, מאַלאַדיעץ! — האָבן אַלע יונגלעך זיך צעשריגן און אָנגעהויבן פּאַטשן מיט די הענט.

— אָבער וואַרט, וואַרט נאָר, — האָט קראַסאָטקין אַלע געוואַלט איבערשרייען: — איך וועל אייך דערציילן ווי אַזוי עס איז געווען, עס גייט דאָך אין דעם, ווי אַזוי דאָס איז פאָרגעקומען, און נישט אין עפּעס אַנדערש! איך האָב דאָך אים געפונען, אַוועקגעשלעפּט צו זיך און באַלד אים באַהאַלטן, און פאַרשלאָסן די שטוב, און נישט געוויזן אים קיינעם ביזן לעצטן טאָג. סמוראָוו אַליין נאָר האָט זיך מיט אַ וואָכן צוויי צוריק דערוווּסט וועגן דעם, נאָר איך האָב אים איינגערעדט, אַז דאָס איז פערעזוואָן, און ער האָט זיך נישט אָנגעשטויסן, און אין פאַרלויף פון דער צייט האָב איך אויסגעלערנט זשוטשקען אַלע קענטענישן, גיט אַ קוק, גיט נאָר אַ קוק, וואָס פאַר אַ קונצן ער קען! צוליב דעם טאַקע, אַלטער, האָב איך אים געלערנט, איך זאָל אים קענען ברענגען צו דיר אַ פּיינעם, אַ געלערנטן: זעסט, הייסט עס, אַלטער, וואָס פאַר אַ זשוטשקע דאָס איז אַצינד! אפשר האָט איר אַ שטיקל פליייש, וועט ער אייך באַלד אַזאַ קונץ באַווייזן, אַז איר וועט זיך האַלטן באַ די

זייטן לאַכנדיק, — פלייש, נו, האָט איר גאָרנישט קיין איין שטי־קעלע?

דער שטאַבס־קאַפּיטאַן האָט זיך האַסטיק אַ לאָז געטון איבערן פאָדערהויז צו די באַלעבאַטים אין שטוב אַריין, ווו עס האָט זיך געקאָכט אויף דעם שטאַבס־קאַפּיטאַנס מיטאָג. קאָליאַ אָבער, כדי נישט צו פאַרלירן די טייערע צייט, האָט איילנדיק אַ געשריי געטון פּע־רעזוואָנען:

— שטאַרב!

און יענער האָט זיך פּלוצלינג גענומען דרייען, אַ וואָרף גע־טון זיך אויף דער פּלייצע און איז געבליבן ליגן פאַרגליווערט, אומ־באַוועגלעך מיט אַלע פיר פיסלעך אַרויף.

די יונגלעך האָבן געלאַכט, אילושאַ האָט געקוקט מיט זיין פּייעדיקן, קרענקלעכן שמייכל, נאָר מער פון אַלע, איז דאָס, וואָס פּערעזוואָן איז געשטאָרבן, געפעלן געוואָרן דעם מאַמעלען.

זי האָט זיך צעלאַכט, גענומען אונטערקנאַקן מיט די פינגער און גערופן:

— פּערעזוואָן, פּערעזוואָן!

— פאַר קיין זאַך אין דער וועלט וועט ער זיך נישט אויפ־הייבן, פאַר קיין זאַך, — האָט קאָליאַ געשריגן מיט שטאָלץ און גדלות — מעגסט שרייען אויף וואָס די וועלט שטייט, און לאָמיך נאָר אַ געשריי טון, — די רגע שפּרינגט ער אויף!

— איסי, פּערעזוואָן!

דער הונט איז אויפגעשפּרונגען און מלא שמחה גענומען קווי־טשען און אַרומטאַנצן.

דער שטאַבס־קאַפּיטאַן איז אַריינגעלאָפן מיט אַ שטיק געקאָכט פלייש.

— עס איז נישט הייס? — האָט קאָליאַ גיך און באַשעפטיקט אַ פרעג געטון און גענומען דאָס שטיק; — ניין, נישט הייס, גוט,

הינט האָבן ליב, אַז עס איז נישט הייס. אַצינד קוקט אַלע! אילושעטשקע, קוק, אָבער קוק־זשע, קוק, אַלטער, פאַרוואָס־זשע קוקסטו נישט? איך האָב אים געבראַנגט צו פירן, און ער קוקט גאָרנישט!

די גייע קונץ איז באַשטאַנען אין דעם, אַז דער הונט איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך און אויף זיין אויסגעצויגענער נאָז איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַ געשמאַק שטיקל פלייש.

דער הונט, נעבעך, האָט געדאַרפט זיך נישט רירן, שטיין מיטן שטיקל פלייש אויף דער נאָז אַזוי לאַנג, וויפל עס וועט זיך נאָר גלוסטן זיין באַלעבאָס, נישט רירן זיך, נישט באַוועגן זיך, מעג זיין אַפילו אַ האַלבע שעה. נאָר מען האָט געהאַלטן פערעזוואָנען אַ קור־צע צייט, נאָר איין קליין מינוטקעלע.

— פיל! — האָט קאָליאַ אַ געשריי געטון און כהרף־עין איז דאָס שטיקל פלייש איבערגעפלויגן פון דער נאָז גלייך אין מויל אַריין.

דער עולם איז, פאַרשטייט זיך, שטאַרק נתפעל געוואָרן.

— איז דאָס מעגלעך, איז דאָס מעגלעך, אַז צוליב דעם איר זאָלט קענען אויסלערנען דעם הונט, זענט איר די גאַנצע צייט נישט געקומען? — האָט זיך באַ אַליאָשען נישטווילנדיק אַרויסגעריסן אַ פאָרוואורף.

— ספּעציעל צוליב דעם, — האָט קאָליאַ גאַנץ אָפּנהערציק אויסגעשריגן — איך האָב אים געוואָלט באַווייזן אין זיין פולן גלאַנץ!

— פערעזוואָן! פערעזוואָן! — האָט אילושאַ פּלוצלינג גע־נומען רופן צו זיך דעם הונט, אונטערקנאַקנדיק מיט זיינע דאַרענ־קע פינגערלעך.

— וואָס דאַרפסטו! זאָל ער אַליין אַרויפשפרינגען צו דיר אויפן בעטל. איסי, פערעזוואָן! — האָט קאָליאַ מיט דער האַנט־פלאַך אַ קלאַפּ געטון איבערן געלעגער, און פערעזוואָן איז פייל אויסן בויגן אַרויפגעפלויגן צו אילושען.

יענער האָט מיט ביידע הענט האַסטיק אַרומגענומען זיין קאָפּ, און דערפֿאַר האָט פֿערעזוואָן באַלד אים אָפּגעלעקט די באַק. אילו־שעטשקע האָט זיך צוגעטוליעט צו אים, אויסגעצויגן זיך אויפֿן געלעגער און באַהאַלטן פֿון אַלע דאָס פּנים אין זיין האָריקער פֿעל.

— גאָט מיין גאָט! — האָט דער שטאַבס־קאַפּיטאַן אויסגעשריגן.

קאַליאַ האָט זיך ווידער אַנידערגעזעצט אויף אילושעס געלעגער.

— אילושאַ, איך קען דיר נאָך איין זאַך וויזן. איך האָב דיר געבראַנגט אַ קליין האַרמאַטל. וועגן דעם האַרמאַטל האָב איך דיר שוין לאַנג דערציילט, געדענקסט? און דו האָסט געזאָגט: „אַך, ווען איך וואָלט דאָס געקענט זען!“ נו, און אַציַנד האָב איך עס דיר געבראַנגט.

און קאָליאַ האָט איילנדיק אַרויסגעשלעפּט פֿון זיין זעקל אַ האַרמאַטל פֿון בראָנז. און געאיילט האָט ער זיך דערפֿאַר, ווייל ער אַליין איז שוין געווען זייער גליקלעך. אין אַן אַנדערער צייט וואָלט ער געוויס צוגעוואַרט, ביז ס׳וועט אַדורך דער איינדרוק, וואָס פֿערעזוואָן האָט געמאַכט, אַציַנד אָבער האָט ער זיך צוגעאיילט, שוין קיין אַכט נישט געלייגט אויף קיין אויסגעהאַלטנקייט:

„איר זענט שוין סיי ווי סיי גליקלעך, טאָ באַט איך נאָך אַ ביסל גליק!“

אַליין איז ער שוין גאָר אויפֿן זיבעטן הימל געווען.

— איך האָב די זאַך שוין באַם באַאַמטן מאַראָזאָוון אָפּגעקליבן, — פֿאַר דיר, אַלטער, פֿאַר דיר. זי איז באַ אים אומזיסט און אומנישט געשטאַנען, פֿון זיין ברודער האָט ער זי באַקומען, האָב איך זי אויסגעביטן אויף אַ ביכל פֿון דעם טאַטנס שאַפֿע: מחמדס קרוב אָדער דאָס היילבאַרע ליצנות. הונדערט יאָר איז דאָס ביכל שוין אַלט, אַ פֿאַרצייטיקס, אַרויס אין מאָסקווע,

בשעת עס איז נאָך קיין צענזור נישט געווען, איז מאַראָזאָוו אַ בעלן אויף די זאַכן. ער האָט מיר נאָך געדאַנקט...

קאַליאַ האָט געהאַלטן דאָס האַרמאַטל אין דער האַנט אַזוי, אַז אַלע זאָלן עס קענען זען און הנאה האָבן דערפֿון. אילושאַ האָט זיך אויפגעהויבן און אַרומגעמענדיק אַלץ מיט איין האַנט פּערעזוואָ־בען, האָט ער מיט באַגייסטערונג באַטראַכט דאָס שפּילעכל. און אַז קאַליאַ האָט מודיע געווען, אַז ער האָט פּולווער אויך, און אַז מען קען באַלד טאַקע אויסשיסן, אויב דאָס וועט נאָר נישט באַאומרויקן די פּרויען, האָט שוין דער איינדרוק דערגרייכט זיין העכסטע מדרגה.

דאָס מאַמעלע האָט באַלד געבעטן, מען זאָל זי לאָזן באַ־קוקן דאָס שפּילעכל נענטער, און דאָס איז באַלד געטון געוואָרן.

דאָס בראָנזענע האַרמאַטל אויף די רעדלעך איז איר שטאַרק געפעלן געוואָרן, און זי האָט עס אָנגעהויבן אַרומפירן אויף אירע קני. און אויף דער ביטע זי זאָל דערלויבן אויסצושיסן, האָט זי געענטפערט מיט אַ פולער הסכמה, הגם זי האָט נישט גוט פאַרשטאַ־נען אין וואָס עס האַנדלט זיך.

קאַליאַ האָט געוויזן דעם פּולווער מיטן שרויט. דער שטאַבס־קאַפּי־טאַן, אַלס אַ געוועזענער מיליטער־מענטש, האָט זיך אַליין פאַרנומען מיטן אָנלאָדן דאָס האַרמאַטל און האָט אַריינגעשאָטן דערין נאָר אַ קליין ביסל פּולווער, דעם שרויט אָבער האָט ער געבעטן אָפּצולייגן אויף אַ צווייט מאָל. דאָס האַרמאַטל האָט מען אַנידערגעשטעלט אויף דער פּאָדלאָגע, מיטן אויפגעשטעלטן שפּיץ געווענדט צו אַ ליידיקן אָרט, אַריינגעשטעקט אין לעכל דריי פּולווער־קערנדלעך און אָנגע־צונדן מיט אַ שוועבעלע.

עס האָט זיך דערהערט אַן אמת גלענצנדער שאָס.

דאָס מאַמעלע האָט זיך תחילת אפילו דערשראָקן, באַלד אָבער האָט זי זיך פון פרייד צעלאַכט. די יונגלעך האָבן געקוקט און פּיי־

ערלעך געשוויגן, נאָר מער פאַר אַלע האָט, קוקנדיק אויף אילושען, דער שטאַבס־קאַפּיטאַן אָנגעקוואָלן.

קאַליאַ האָט אויפגעהויבן דאָס האַרמאַטל און באַלד עס אַוועקגעשענקט אילושען, צוזאַמען מיטן שרויט און פּולווער.

— דאָס האָב איך פאַר דיר, פאַר דיר לאַנג שוין צוגעגרייט, — האָט ער העכסט גליקלעך נאָכאַמאָל איבערגעחזרט.

— אָך, שענקט עס מיר! ניין, בעסער שענקט מיר דאָס האַרמאַטל! — האָט דאָס מאַמעלע פּלוצלינג ווי אַ קליינעינקע אָנגעהויבן זיך צו בעטן.

איר פּנים איז געוואָרן אַנגסטלעך, אומרויִק, פול מיט מורא, טאָמער זאָגט מען איר אָפּ.

קאַליאַ האָט זיך פאַרלוירן. דער שטאַבס־קאַפּיטאַן האָט זיך שטאַרק אויפגערעגט.

— מאַמעלע, מאַמעלע! — איז ער צו איר צוגעשפּרונגען, — דאָס האַרמאַטל איז דיינס, דיינס, נאָר זאָל עס בלייבן בא אילושען, ווייל מען האָט עס אים געשענקט, נאָר עס איז אַלץ איינס ווי דיינס, אילושעטשקע וועט עס דיר תמיד געבן זיך צו שפּילן דערמיט, זאָל עס זיין אייער ביידנס, ביידנס.

— ניין, איך וויל נישט ביידנס, ניין, זאָל עס זיין מיינס, נישט אילושעס, — האָט דאָס מאַמעלע ווייטער גערעדט און האָט שוין כמעט געוויינט.

— מאַמע, נעם עס דיר, נאַ, נעם עס דיר! — האָט פּלוצלינג אילושאַ אויסגעשריגן, — קראַסאָטקין, מעג איך עס שענקען דער מאַמען? — האָט ער זיך פּלוצלינג בעטנדיק געווענדט צו קראַסאָטקינען, מורא געהאַט, ווייזט אויס, יענער זאָל זיך נישט באַליידיקן, וואָס ער שענקט אַוועק זיין מתנה אַן אַנדערן.

— פאַרשטייט זיך מעגסט! — האָט קראַסאָטקין באַלד איינגעשטימט, גענומען פון אילושעס הענט דאָס האַרמאַטל, אַליין עס

צוגעטראָגן דעם מאַמעלע און בשעת־מעשה העפלעך זיך פאַרנייגט. יענע איז געווען אַזוי גערירט, אַז זי האָט זיך אַזש צעוויינט.

— אילושעטשקע, ליבער, אָט ווער עס האָט ליב זיין מאַמעלע! — האָט זי גערירט אויסגעשריגן און באַלד ווידער אָנגעהויבן אַרומפירן דאָס האַרמאַטל איבער די קני.

— מאַמעלע, גיב, איך וועל דיר דיין הענטל אַ קוש טון, — איז איר מאַן צוגעשפרונגען צו איר און איר אַ קוש געטון אין דער האַנט.

— און ווער עס איז דער ווילסטער יונגער מענטש, איז עס אָט דאָס גוטע יונגל! — האָט די דאַנקבאַרע פרוי אָנגעוויזן אויף קראַסאָטקינען.

— און פולוווער וועל איך דיר אַצינד, אילושאַ, וויפיל דו ווילסט נאָר וועלן, ברענגען, מיר מאַכן אַצינד אַליין דעם פולוווער. באַראָוויקאָוו האָט זיך דערוווּסט, ווי אַזוי מען שטעלט דאָס צונויף: פיר און צוואַנציק טיילן סעליטרע, צען טיילן שוועבל־שטאָף און זעקס קוילן־שטאָף. — דאָס אַלץ צוזאַמען דאַרף מען צעקלאַפּן, אַריינגיסן אַ ביסל וואַסער, שיטער אויסמישן און דורכרייבן דורך אַ פעל — און דאָס איז פולוווער.

— מיר האָט סמוראָוו דערציילט וועגן אייער פולוווער, אָבער דער טאַטע זאָגט, אַז דאָס איז נישט קיין אמתער פולוווער, — האָט זיך אילושאַ אָנגערופן.

— וואָס הייסט נישט קיין אמתער? — איז קאָליאַ רויט געוואָרן, — באַ אונדז ברענט ער. נאָר איבעריקנס, איך ווייס נישט...

— ניין, גאָרנישט — איז פלוצלינג דער שטאַבס־קאַפּיטאַן אונטערגעשפרונגען און אָנגעהויבן זיך פאַרענטפערן. — איך האָב טאַקע געזאָגט, אַז אמתער פולוווער ווערט אַנדערש צונויפגעשטעלט, נאָר דאָס איז גאָרנישט! מען קען אַזוי אויך.

— איך ווייס נישט, איר ווייסט בעסער. מיר האָבן געפּרוּווט

אָנצינדן אין אַ שטיינערנער כּלי, האָט דאָס געברענט אַ מחיה, אינ־גאַנצן אויסגעברענט, עס איז נאָר אַ ביסעלע סאַדזעס געבליבן. נאָר דאָס איז דאָך נאָר ווייכערה׳יט, אָבער ווען מען רייבט עס דורך דורך אַ פעל... און אגב ווייסט איר בעסער, איך ווייס נישט...

און בולקינען האָט דער פּאָטער פּאַר אונדזער פּולווער גוט געגעבן, האָסט געהערט? — האָט ער זיך פּלוצלינג געווענדט צו אילושען.

— איך האָב געהערט, — האָט אילושאַ אָפּגעענטפערט.

ער האָט זיך צוגעהערט צו קאָליען מיט אַ געוואַלטיקן אינ־טערעס און הנאה.

— מיר האָבן צוגעגרייט אַ גאַנץ פלעשל פּולווער, האָט ער דאָס געהאַלטן אונטערן בעט. און דער פּאָטער האָט דאָס דערזען. עס קען, זאָגט ער, אויפרייסן, און באַלד אים טאַקע אָפּגעשמיסן. גע־וואָלט אַפילו זיך קלאָגן אויף מיר אין שול. אַצינד לאָזט מען אים נישט גיין מיט מיר. סמוראָוון לאָזט מען אויך נישט, איך האָב שוין באַ אַלע אַ גוטן שם, — מען זאָגט, אַז איך בין אַ „הפקר־יונג“, — האָט קאָליאַ שפּאָטיש אַ שמייכל געטון. — דאָס האָט זיך אַלץ אָנ־געהויבן פון דער אייזנבאַן־מעשה.

— אַך, מיר האָבן געהערט וועגן דער קונץ! — האָט דער שטאַבס־קאַפּיטאַן אויסגעשריגן, — און ווי אַזוי האָט איר דאָס גע־קענט איינליגן אונטערן צוג און נישט דערשרעקן זיך? איר האָט גוט מורא געהאַט?

דער שטאַבס־קאַפּיטאַן האָט שרעקלעך געחנפעט קאָליען.

— נ־נישט איבעריק! — האָט קאָליאַ גרינגשעציק זיך אָנ־גערופן. — מיין גוטן נאָמען האָט מער פאַר אַלץ אָט די פאַרשאָל־טענע גאַנז מיר קאַליע געמאַכט. — האָט ער זיך ווייטער געווענדט צו אילושען. נאָר כאָטש ער האָט פון זיך געבלאָזן, כלומרשט גע־האַלטן זיך פריי באַם דערציילן, האָט ער דאָך אַלץ נישט געקענט זיך אַליין באַהערשן און האָט זיך נאָך אַלץ געפּלאָנטערט.

— אַך, איך האָב וועגן דער גאַנדז אויך געהערט! — האָט אילושאַ, אַ שײַנענדיקער, צעלאַכט: — מען האָט מיר דערציילט, נאָר איך האָב נישט פאַרשטאַנען. האָט מען דיך טאַקע אין אמתן געמשפט?

— אַ פשוטע, געוויינטלעכע נאַרישקייט, גאָר אַ נישטיקע, נאָר באַ אונדז האָט מען, ווי שטענדיק, פון אַ וואָרט געמאַכט אַ קוואָרט, — האָט קאָליאַ פריילעך אָנגעהויבן. — געווען איז דאָס אַזוי: איך גיי מיר איינמאָל איבערן פּלאַץ און דאָ האָט מען פּונקט געטריבן גענדז, שטעל איך מיך אָפּ און קוק אויף די גענדז. פּלוצלינג האָט איין בחור, ווישניאַקאָוו, אַ היגער, ער איז אַצינד משרת באַ די פּלאָטניקאָווס, גענומען קוקן אויף מיר און זאָגט:

— וואָס באַטראַכסטו עפּעס די גענדז?

קוק איך אים אָן: אַ פּרצוף אַ נאַרישס, אַ קיילעכדיקס, אַלט איז ער אַ יאָר צוואַנציק און איך, דאַרפט איר וויסן, שטויס נישט אָפּ פון זיך דאָס פאָלק. איך האָב ליב מיטן פאָלק... מיר זײַנען פון דעם פאָלק אַרויסגעקומען — דאָס איז אַן אַקסיאָמע — איר לאַכט, דאַכט זיך, קאַראַמאַזאָוו?

— ניין, גאָט באַהיט, איך הער זייער אויפמערקזאַם, — האָט אַליאָשאַ תמימותדיק אָפּגעענטפערט, און דער נישט-זיכערער אין זיך קאָליאַ האָט זיך באַלד בארויקט.

— מײַן טעאָריע, קאַראַמאַזאָוו, איז אַ פשוטע און קלאָרע, — האָט ער ווייטער צופרידן אָנגעהויבן אײַלן זיך. — איך גלייב אין דעם פאָלק און בין שטענדיק גרייט צו געבן אים רעכט, נאָר איך גיב אים כּלל און כּלל נישט נאָך, — דאָס איז Sine-qua—... יאָ, איז וועגן דער גאַנדז. ווענד איך מיך צו דעם טיפּש און ענטפער אים אָפּ:

— איך טראַכט מיר אָט וועגן וואָס עס טראַכט דאָס די גאַנדז.

— קוקט ער אויף מיר שוין גאָר נאַריש.

— וועגן וואָס-זשע, — זאָגט ער, — טראַכט די גאַנדז!

— אָט זעסטו, — זאָג איך, — עס שטייט זיך אַ וואָגן מיט האָבער. דער האָבער שיט זיך, און די גאַנדז האָט איר האַלדז אויסגעצויגן פּונקט אונטערן ראָד אַרונטער און פּיקט זיך די קערנדלעך — זעסט?

— דאָס זע איך — זאָגט ער — זייער גוט.

— נו איז אָט, מען זאָל אָט דעם וואָגן, — זאָג איך, — אַביסל אַ רוק טון — וועט דאָס ראָד איבערשניידן דער גאַנדז דעם האַלדז, צי ניין?

— געוויס — זאָגט ער — וועט עס איבערשניידן.

און אַליין איז ער שוין אינגאַנצן ווייך געוואָרן און שמייכלט זיך ברייט און נאַריש.

— נו, טאָ קום — זאָג איך — בחור, לאָמיר פּרוּוון.

— לאָמיר פּרוּוון!

מיר האָבן נישט געמאַכט קיין לאַנגע קונצן: ער האָט זיך געשטעלט שטילערהייט לעבן פערד-געשפּאַן און איך אין דער זייט, כּדי די גאַנדז אַ שטופּ צו טון. און דער פּויער האָט זיך גראָד פאַררעדט מיט עמעצן, אַזוי אַז מיר איז גאָר נישט אויסגעקומען צו טון; פּשוט, די גאַנדז האָט אַזוי אויסגעצויגן דעם האַלדז צום האָבער, אַז דער האַלדז איז שוין סיי ווי אויסגעקומען אונטערן וואָגן, גלייך אונטערן ראָד. איך האָב אַ ווונק געטון צום בחור, ער האָט אַ שלעפּ געטון און — ק-קראַך, אויף צווייען איבערגעפאָרן דעם האַלדז פון דער גאַנדז! און עס האָט פּונקט געדאַרפט טרעפן, אַז די פּויערים האָבן דאָס באַמערקט, נו, האָט מען זיך אַלע איינענעם צעגוואַלטעוועט:

— דאָס האָסטו אומישנע!

— ניין, נישט אומישנע!

— גיין, אומישנע.

און אַ געפּילדער:

— צום ריכטער!

האָט מען פאַרנומען מיך אויך:

— דו ביסט אויך דאָ געווען, דו האָסט, הייסט עס, מיטגעהאָלפן, דער גאַנצער מאַרק קען דיך, און דער גאַנצער מאַרק, איך ווייס אַליין נישט פאַרוואָס, קאָן מיך טאַקע — האָט קאָליאַ באַרימעריש צוגעגעבן.

— גייען מיר אַזוי אַלע צום ריכטער, און די גאַנז טראָגט מען אויך מיט. איך טו אַ קוק, דער בחור מיינער האָט זיך דאָס דערשראָקן, האָט זיך צעוויינט, איך זאָג אייך, ווי אַ באַבע האָט ער געוויינט, און דער סוחר שרייט:

— אויף אַזאַ אופן קען מען דאָך זיי, די גענדז, אָן אַ שיעור אומברענגען!

נו פאַרשטייט זיך, עדות.

דער ריכטער האָט תיכף אָפּגעפּסקנט:

— דעם סוחר פאַר דער גאַנדז דאַרף מען געבן אַ רובל, און די גאַנדז זאָל דער בחור זיך צונעמען. נאָר אויף ווייטער זאָל ער שוין אַזעלכע שטיק נישט מאַכן. און דער בחור וויינט נאָך אַלץ, ווי אַ באַבע!

— איך נישט, — קלאָגט ער, — דאָס האָט ער מיך אָנגערעדט — און ווייזט אָן אויף מיר, און איך ענטפער מיר גאַנץ קאַלטבלוטיק, אַז איך האָב אים גאָרנישט אָנגערעדט, איך האָב נאָר אַרויסגעזאָגט דעם גרונט-געדאַנק, געמיינט נאָר אין פּראָיעקט.

דער ריכטער נעפּעדאָוו האָט אַ שמייכל געטון און באַלד אויף זיך אַליין אין כעס געוואָרן פאַרן שמייכל:

— איך וועל אייך שוין, — זאָגט ער, — צושטעלן אַ בענקעלע פאַר די שול-פאַרוואַלטער, איר זאָלט זיך שוין מער נישט

אריינגלאָזן אין אַזעלכע פּראָיעקטן, איר זאָלט בעסער זיצן איבער די ביכער און לערנען אייערע לעקציעס.

די פּאַרוואַלטער האָט ער גאָרנישט דערציילט, נאָר די מעשה האָט זיך אַלץ אייגס צעטראָגן און דערגרייכט ביז צו די אויערן פון די פּאַרוואַלטער. און אויערן האָבן זיי דאָך בײַ אונדז לאַנגע! און דער עיקר האָט זיך אָן דעם אָנגעכאַפּט קאָלבאַסניקאָוו. נאָר דאַרדאַנעלאָוו האָט זיך ווידער פּאַר מיר אָנגענומען. און קאָלבאַסניקאָוו איז אַצינד בײַ אונדז, ווי אַ גרין אייזל, אויף אַלע בייז. אילושע, האָסט געהערט, ער האָט דאָך חתונה געהאַט, גענומען בײַ די מיכאַילאָווער טויזנט רובל נדן, און די כּלה איז אַ מיאוסקייט פון ערשטער קלאַס און לעצטן גראַד. די דריטע קלאַס האָט באַלד צוגעטראַכט אַ לידל:

די ידיעה וועגן דער חתונה פון שלימזל קאָלבאַס
האָט איבעראַשט די גאַנצע דריטע קלאַס.

נו, און נאָך ווייטער, זייער קאָמיש, איך וועל דיר שפּעטער ברענגען. און וועגן דאַרדאַנעלאָוון זאָג איך גאָרנישט: אַ מענטש מיט וויסן, מיט אמתן וויסן. צו אַזעלכע מענטשן באַציִ איך זיך מיט גרויס אַכטונג און גאָרנישט דערפאַר, וואָס ער האָט זיך אָנגענומען פאַר מיר...

און פונדעסטוועגן האָסטו אים פאַרשעמט מיט דעם ווער עס האָט טראָיאַ געגרינדעט! — האָט פּלוצלינג זיך אַריינגעמישט סמוראָוו.

ער האָט אין דער מינוט באמת שטאָלצירט מיט קראַסאָטקינען. די מעשה מיט דער גאַנדז איז אים שוין זייער שטאַרק געפעלן געוואָרן.

— אַזוי טאַקע, האָט איר אים פאַרשעמט? — האָט חנופה־דיק אונטערגעכאַפּט דער שטאַבס־קאַפּיטאַן; — דאָס איז וועגן דעם, ווער עס האָט געגרינדעט טראָיאַ? דאָס האָבן מיר געהערט, אַז איר

האָט אים פאַרשעמט. אילושעטשקאַ האָט מיר טאַקע דעמאָלס נאָך דערציילט...

— טאַטע, ער ווייסט אַלץ, ער ווייסט בעסער פאַר אַלע באַ אונדז! — האָט אילושעטשקאַ אויך אונטערגעכאַפּט, — ער מאַכט נאָר אַן אָנשטעל, אין אמתן אָבער איז ער דער בעסטער תּלמיד אויף אַלע געגנשטאַנדן...

אילושאַ האָט איבערגליקלעך געקוקט אויף קאָליען.

— נו, דאָס וועגן טראָיאַ איז אַ קלייניקייט, נאַרישקייט, איך אַליין האַלט די פראַגע פאַר אַ פּוסטע, — האָט זיך קאָליאַ אָנגערופן מיט אַ שטאָלצער באַשיידנקייט.

ער האָט זיך שוין באַהערשט, נאָר ער איז נאָך אַלץ געווען אַ ביסל אומרויִק: ער האָט אַליין געפילט, אַז ער איז שטאַרק אויפגערעגט און וועגן דער גאַנדז, למשל, האָט ער שוין מיט צו פיל האַרץ דערציילט, אין דער צייט, וואָס אַליאָשאַ האָט די גאַנצע מעשה אויסגעהערט שווייגנדיק און זיך געהאַלטן ערנסט. און דאָס האָט ביסלעכוויַיז אָנגעהויבן אַרן דאָס בעל-גאווהדיקע יונגל:

„אפשר דערפאַר שווייגט ער, וואָס ער פאַראַכטעט מיך, וואָס ער טראַכט, אַז איך וויל מיך אויספּיינערן פאַר אים? — אויב אַזוי, אויב ער וואַגט דאָס צו טראַכטן, וועל איך"...

— איך רעכן, אַז די פראַגע איז לחלוטין נישט קיין וויכטיקע, — האָט ער נאָכאַמאָל שטאָלץ אָפּגעשניטן.

— און איך ווייס, ווער עס האָט געגרינדעט טראָיאַ, — האָט פּלוצלינג אינגאַנצן אומדערוואַרטעט אַ זאָג געטון איינער פון די יונגלעך, וואָס האָט ביז אַהער כּמעט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, אַ שווייגנדיקער, קענטיק אַ שעמעוודיקער, זייער אַ שיינענקער, פון אַ יאָר עלף, מיטן נאָמען קאַראַטשאָוו.

ער איז געזעסן לעבן דער טיר.

קאָליאַ האָט פאַרוווּנדערט און מיט ישוב-הדעת אים באַטראַכט.

די פראַגע ווער עס האָט פאַרט געגרינדעט טראַיאַ, איז גע־וואָרן פאַר אַלע קלאַסן אַ גרויסער סוד און צו אַנטפּלעקן אים האָט מען געדאַרפט לייענען סמאַראַגדאָוון. אָבער סמאַראַגדאָוון האָט קיינער אַ חוץ קאַליען נישט געהאַט.

נאָר איינמאָל, ווען קאַליאַ האָט זיך אַוועקגעדרייט, האָט דאָס יונגל קאַרטאַשאָוו שטילערהייט גיך געעפנט סמאַראַגדאָוון, וואָס איז געלעגן צווישן קאַליעס ביכער, און פּונקט אָנגעטראָפן אויף דעם אָרט וווּ עס רעדט זיך וועגן די גרינדער פון טראַיאַ. דאָס איז גע־שען שוין זייער לאַנג, נאָר ער האָט זיך אַלץ עפּעס געשעמט און זיך נישט געקענט אַנטשליסן צו דערציילן, אַז ער ווייסט אויך ווער עס האָט געגרינדעט טראַיאַ.

ער האָט מורא געהאַט עס זאָל דערפון קיין שלעכטס נישט אַרויסקומען, קאַליאַ זאָל אים נישט פאַרשעמען דערפאַר, און אַצינד האָט ער זיך עפּעס נישט געקענט איינהאַלטן און פּלוצלינג אַרויס־געפּלאַפּלט. עס האָט אים שוין לאַנג געגלוסט דאָס צו טון.

— נו ווער־זשע האָט געגרינדעט? — האָט זיך קאַליאַ גע־ווענדט צו אים פון אויבן אַראָפּ און זייער גרויס באַ זיך, נאָר לויט יענעמס פנים האָט ער שוין פאַרשטאַנען, אַז יענער ווייסט טאַקע און איז שוין, פאַרשטייט זיך, גרייט געווען אויף אַלע מעגלעכע פאַלגן.

אין דער אַלגעמיינער שטימונג האָט זיך אַריינגעריסן אַ די־סאָנאַנס.

— טראַיאַ האָבן געגרינדעט טעווקר, דאַרדאַן, איללוס און טראָס, — האָט דאָס יונגל מיט איינמאָל אָפּגעקנאַקט און איז אין דער זעלבער רגע אײנגאַנצן רויט געוואָרן, אַזוי רויט געוואָרן, אַז עס איז געווען אַ רחמנות צו קוקן אויף אים. נאָר די יונגלעך האָבן נישט אַראָפּגעלאָזט קיין אויג פון אים, אַ מינוט אַ גאַנצע געקוקט און פּלוצ־לינג אַלע זיך אויסגעדרייט און אָנגעשטעלט די אויגן אויף קאַליען.

יענער האָט מיט אַ פּאַראַכטלעכער קאַלטבלוטיקייט נאָך אַלץ אָפּגע־מאָסטן מיטן בליק דאָס חוצפּהדיקע יונגל פון קאָפּ ביז די פיס.

— ווי אַזוי האָבן זיי דאָס געגרינדעט? — האָט ער ענד־לעך באַוויליקט אַרויסצורעדן, — און וואָס הייסט דאָס בכלל גרינדן אַ שטאָט אָדער אַ מלוכה? וואָס־זשע, הייסט דאָס? זיינען זיי גע־קומען און יעדער אַ ציגל געלייגט, אַזוי אפשר?

עס איז געוואָרן אַ געלעכטער.

דאָס שולדיקע יונגל איז פון אַ ראָזן געוואָרן אַ טשוויק־רויטער, ער האָט געשוויגן, ער איז גרייט געווען זיך צו צעוויינען, קאָליאַ אָבער האָט אים אַזוי אפשר אַ מינוט אָפּגעהאַלטן.

— איידער מען נעמט זיך אונטער צו רעדן וועגן אַזעלכע היסטאָרישע געשעענישן, ווי למשל דער אָנהייב פון אַ נאַציע, דאַרף מען פריִער פאַרשטיין, וואָס דאָס הייסט אַזוינס, — האָט ער שטרענג געמוסרט. — איך אַליין, אגב, האַלט נישט פאַר ערנסט אָט די אַלע ווייבערישע מעשהלעך, און בכלל האַלט איך נישט פון דער גאַנצער אַלוועלטלעכער געשיכטע, — האָט ער פלוצלינג גרינג־שעציק צוגעגעבן. אַצינד האָט ער זיך שוין געווענדט צו אַלע.

— פון דער אַלוועלטלעכער געשיכטע? — האָט פלוצלינג עפּעס דערשראָקן אַ פרעג געטון דער שטאַבס־קאַפּיטאַן.

— יאָ, פון אַלוועלטלעכער געשיכטע. אַ פאָרשונג פון אַ רייע מענטשלעכע נאַרישקייטן, און מער גאָרנישט. איך האַלט נאָר פון מאַטעמאַטיק און נאַטור־וויסנשאַפט, — האָט קאָליאַ אַ פראַל געטון און געכאַפּט אַ קוק אויף אַליאָשען.

נאָר מיט זיין מיינונג האָט ער זיך גערעכנט.

נאָר אַליאָשאַ האָט נאָך אַלץ געשוויגן און איז געווען, ווי פריִער, ערנסט. ווען אַליאָשאַ וואָלט עפּעס אַ זאָג געטון, וואָלט שוין צו דעם אַן עק גענומען, נאָר אַליאָשאַ האָט געשוויגן, און

זיין שוויגן האָט געקענט זיין אַ פּראַקטלעך שווייגן, און קאָליאַ האָט זיך שוין זייער אויפגערעגט.

— און ווייטער זייבען נאָך אַצינד באַ אונדז די קלאַסישע שפּראַכן שוין גאָר אַ משוגעת און מער גאָרנישט... איר זענט ווי-דער, דאַכט זיך, נישט מסכים מיט מיר, קאַראַמאַזאָוו?

— נישט מסכים, — האָט אַליאָשאַ איינגעהאַלטן אַ שמייכל געטון.

— און אַליין איז ער פון לאַטיין דער בעסטער תלמיד! — האָט פּלוצלינג איינער פון די יונגלעך אַ געשריי געטון.

— יאָ, טאַטע, ער רעדט נאָר אַזוי, און אַליין איז ער פון לאַטיין דער ערשטער אין קלאַס, — האָט זיך אילושא אויך אָנ-גערופן.

— נו איז וואָס? — האָט קאָליאַ געפונען פאַר נייטיק צו ווערן זיך, נאָר דאָס לויבן אים איז אים געווען זייער אָנגענעם. — לאַטיין חזר איך דערפאַר, ווייל מען דאַרף אַזוי, ווייל איך האָב צו-געזאָגט דער מאַמען צו ענדיקן דעם קורס, און נאָך מיין מיינונג איז, אויב מען נעמט זיך אונטער עפּעס, דאַרף מען עס שוין טון גוט, נאָר באַ זיך אין האַרץ, באַצי איך זיך מיט אַ טי-פער פאַראַכטונג צום קלאַסיציזם און צו דער גאַנצער פאַרדאָרבנקייט...

— דער דאָקטאָר איז געקומען! — האָט פּלוצלינג אויסגע-שריגן נינאָטשקאַ, וואָס האָט די גאַנצע צייט געשוויגן.

צום טויער איז צוגעפאָרן דער פרוי כאָכלאַקאָווס קאַרעטע. דער שטאַבס-קאַפּיטאַן, וואָס האָט דעם גאַנצן אינדערפרי געוואַרט אויפן דאָקטאָר, האָט זיך אַ לאָז געטון פייל אויסן בויגן צום טויער באַגעגענען דעם דאָקטאָר. דאָס מאַמעלע האָט זיך אונטערגעאַרטלט און אָנגעצויגן אויף זיך אַן ערנסטקייט. אַליאָשאַ איז צוגעגאַנגען צו אילושען און צערעכט געמאַכט דאָס קישן. נינאָטשקאַ האָט, פון

איר ווייכער שטול אַרויס, אומרויִק געקוקט, ווי ער מאַכט צורעכט דאָס געלעגער. די יונגלעך האָבן זיך גענומען איילנדיק געזעגענען, עטלעכע פון זיי האָבן צוגעזאָגט צו קומען פאַרנאַכט. קאָליאַ האָט אַ רוף געטון פּערעזוואָנען, און יענער איז אַראָפּגעשפּרונגען פון געלעגער.

— איך וועל נישט אַוועקגיין, איך וועל נישט אַוועקגיין! — האָט קאָליאַ איילנדיק געזאָגט אילושען, — איך וועל צוואַרטן אין פאָדערהויז און ווי נאָר דער דאָקטאָר וועט אַוועקפאָרן, וועל איך ווידער אַריינקומען, מיט פּערעזוואָנען וועל איך קומען.

נאָר דער דאָקטאָר איז שוין אַריינגעקומען.

אַ בכבודיקע פיגור אין אַ בערן-פוטער, מיט לאַנגע טונקעלע באַקנבערד און מיט אַ גלאַנצנדיקער אויסגעגאָלטער גאָמבע. איבערגעטרעטן די שוועל, האָט ער זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, ווי צעמישט: אים האָט זיך מסתמא געדאַכט, אַז ער האָט נישט געטראָפן.

— וואָס איז דאָס? וווּ בין איך? — האָט ער געשטאַמלט, און נישט אַראָפּגעוואָרפן דאָס פוטער פון די אַקסלען, און נישט אַראָפּגענומען זיין פאָקן היטל מיטן פאָקענעם דאַשעק פון קאָפּ.

דער עולם, די אָרימקייט פון צימער, די שטריק מיטן גרעט אין ווינקל האָבן אים גאָר צעמישט.

דער שטאַבס-קאַפּיטאַן האָט זיך אין דרייען איינגעבויגן פאַר אים.

— איר זענט דאָ, דאָ, — האָט ער הכנעהדיק געשטאַמלט — איר זענט דאָ, באַ מיר, איר זענט צו מיר...

— סנע-גי-ראָוו? — האָט דער דאָקטאָר הויך און ווירדיק אויסגערעדט. — הער סנעגיראָוו — דאָס זענט איר?

— דאָס בין איך?

— אַ!

דער דאָקטאָר האָט נאָכאַמאָל באַטראַכט דאָס צימער מיט אַ

מינע פון מיאוסן־זיך און אַראָפּגעוואָרפן פון זיך דאָס פוטער. אַלע אין די אויגן האָט אַ בלאַנק געטון אַ וויכטיקער אָרדן, וואָס איז גע־האָנגען אויף זיין האַלדז.

דער שטאַבס־קאַפּיטאַן האָט אונטערגעכאַפּט דאָס פוטער, און דער דאָקטאָר האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל.

— ווי־זשע איז דער קראַנקער? — האָט ער געפרעגט הויך און דרינגענד.

VI.

דער דאָקטאָר.

— ווי מיינט איר, וואָס וועט דער דאָקטאָר זאָגן? — האָט קאָליאַ גיך גערעדט; — וואָס פאַר אַן עקלהאַפט פּרצוף, נישט אמת? איך קען נישט פאַרטראָגן די מעדיצין!

— אילושאַ וועט שטאַרבן. דאָס איז שוין, דאַכט זיך מיר, געוויס, — האָט אַליאָשאַ אומעטיק געענטפערט.

— געמיינהייטן! די מעדיצין איז אַ געמיינהייט! און פונדעסטוועגן, קאַראַמאַזאָוו, בין איך צופרידן, וואָס איך האָב זיך באַקאַנט מיט אייך. איך האָב שוין לאַנג געוואָלט אייך קענען. אַן עבירה נאָר, וואָס מיר האָבן זיך באַגעגנט בײַ אַזעלכע טרויעריקע אומשטענדן...

קאָליען האָט זייער געגלוסט צו זאָגן עפּעס נאָך מער שטאַרקס, נאָך מער עקספּאַנסיווס, נאָר עפּעס האָט אים, וויַיזט אויס, באַאומרויִקט. אַליאָשאַ האָט דאָס באַמערקט, אַ שמייכל געטון און אים געדריקט די האַנט.

— איך האָב זיך שוין לאַנג אויסגעלערנט אָפּשאַצן אייך, ווי אַ זעלטענעם מענטש, — האָט זיך קאָליאַ ווידער געפּלאָנטערט און צעמישט געשטאַמלט. — איך האָב געהערט, אַז איר זענט געווען אין אַ מאָנאַסטיר... נאָר דאָס האָט מיך נישט אָפּגעשטעלט. די ווירקלעכקייט וועט אייך אויסהיילן... מיט אַזעלכע כאַראַקטערן ווי אייערע, קען נישט זיין אַנדערש.

נאָר דאָ איז קאָליען פּלוצלינג געקומען אויפן זינען, אַז אַליאָשאַ וועט באַלד אַ טראַכט טון, אַז ער וויל זיך אויספּיינערן, וויַיזן זיך פאַר אַ „גרויסן". „און איך וויל מיך גאָר אַרויסוויַיזן

פאַר אים מיט מיינע קענטעניש׳ן״ — האָט קאָליאַ אַ טראַכט געטון. און פּלוצלינג איז אים שרעקלעך פאַרדראָסיק געוואָרן.

— איך בין זיך מודה, אַז איך קען נישט ליידן די אַלע שפּאַרעניש׳ן — האָט ער אָפּגעשניטן. — איך בין אַ סאָציאַליסט, קאַראַמאַזאָוו, אַ געפערלעכער סאָציאַליסט, — האָט ער פּלוצלינג נישט־אַהער, נישט־אַהין אַ זאָג געטון.

— אָבער ווייסט איר כאָטש, וואָס דאָס הייסט?

— דאָס איז, אַז אַלע זיינען גלייך, — האָט קאָליאַ געענטפערט — רעליגיע און געזעצן, ווי ווער עס וויל — קיין מאָנאַסטירן דערלאָזט מען נישט.

— נו, ווו האָט איר דאָס אַלץ אויפגעכאַפּט, — האָט אַליאָשאַ געפרעגט. — איר זענט דאָך, דאַכט זיך, אַלט אינגאַנצן נאָר דרייצען יאָר?...

קאָליען האָט עס צוזאַמענגעדרייט.

— ערשטנס, נישט דרייצען, נאָר פירצען, איבער צוויי וואָכן פירצען, — האָט ער זיך אָנגעצונדן, — און צווייטנס, פאַרשטיי איך לחלוטין נישט, וואָס פאַר אַ שייכות דאָ האָבן מיינע יאָרן? דער עיקר זיינען דאָך די איבערצייגונגען און נישט מיין עלטער, נישט אמת?

— אַז איר וועט זיין אַ ביסל עלטער, וועט איר אַליין זען, וואָס פאַר אַ ווירקונג עס האָבן די יאָרן אויף די איבערצייגונגען. און אַ חוץ דעם, האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דאָס זיינען נישט אייערע ווערטער, — האָט אַליאָשאַ באַשיידן און רויק אָפּגעענטפערט.

— וואָס רעדט איר, פון אמת וועט מען נישט אַנטלויפן, פאַרשטייט זיך, איך רעד אָפּט וועגן אַ געוויסן ענין מיטן הער ראַקיטין, אָבער... דאָס האָט נאָך, זאָגט מען, דער אַלטער בעלינסקי אויך געזאָגט.

— בעלינסקי? איך געדענק נישט. ער האָט דאָס אין ערגעץ נישט געשריבן.

— אויב ער האָט דאָס נישט אויפגעשריבן, איז האָט ער, זאָגט מען, דאָס געזאָגט. איך האָב דאָס געהערט פון איינעם... אייגנטלעך...

— און בעלינסקין האָט איר געלייענט?

— זעט איר... ניין... איך האָב נישט אינגאַנצן געלייענט, אָבער... דאָס אָרט וועגן טאַטיאַנען האָב איך געלייענט, — האָט קאָליאַ ווירדיק באַמערקט. אייגנטלעך, בין איך אפשר גאָרנישט אַזאַ רעוואָלוציאָנער, מיינט נישט. איך האַלט, למשל, אַז אַנטלויפן קיין אַמעריקע פון פאָטערלאַנד איז אַ נידערטרעכטיקייט, ערגער ווי אַ נידערטרעכטיקייט — אַ נאַרישקייט. פאַרוואָס אמעריקע, אַז מען קען באַ אונדז אויך דער מענטשהייט אַ סך נוצן ברענגען? פונקט אַצינד, אַן אַ שיעור נוצלעכע אַרבעט. אַזוי האָב איך טאַקע אָפגעענטפערט.

— וואָס הייסט אָפגעענטפערט? וועמען? וואָס, עמעצער האָט אייך דען איינגעלאַדן קיין אַמעריקע?

— איך בין זיך מודה, אַז מען האָט מיך צוגערעדט, נאָר איך האָב זיך אָפגעזאָגט. דאָס בלייבט, פאַרשטייט זיך, צווישן, אונדז, קאַ־ראַמאַזאָוו, איר הערט, קיינעם קיין וואָרט נישט... וואָס לאַכט איר? אפשר מיינט איר גאָר, אַז דאָס אַלץ איז אַ ליגנט?

— אַך, ניין, איך לאַך נישט און טראַכט גאָרנישט, אַז איר האָט מיר אָנגערעדט ליגנט. אָט דאָס איז דאָך עס טאַקע, אַז איך טראַכט דאָס נישט, וואָרים דאָס איז אַלץ, ליידער, אַ ריינער אמת! נו, זאָגט, און פּושקינען האָט איר געלייענט, אָ נ י ע ג י נ ע ן ט אַ ק ע... אָט האָט איר דאָך ערשט גערעדט וועגן טאַטיאַנען.

— ניין, איך האָב נאָך נישט געלייענט, נאָר איך וועל אי־בערלייענען. איך בין, קאַראַמאַזאָוו, אַ מענטש אָן אַבערגלויבן. איך וויל אויסהערן אי דעם, אי יענעם. פאַרוואָס האָט איר דאָס גע־פרעגט?

— גלאַט אַזוי.

— זאָגט, קאַראַמאַזאָוו, איר פֿאַראַכטעט מיך שטאַרק? — האָט קאָליאַ פּלוצלינג אָפּגעשניטן, זיך אײַנגאַנצן אויסגעצויגן פֿאַר אַליאָשען און גרייט געווען זיך צו פֿאַרטיידיקן. — טוט מיר צו־ליב, אָן זײַטיקע גענג.

— איך פֿאַראַכטע אײַך? — האָט אַליאָשאַ פֿאַרוווּנדערט אים אָנגעקוקט. — פֿאַרוואָס־זשע? מיר טוט נאָר זייער לייד, וואָס אַזעלכע גלענצנדע אייגנשאַפֿטן, ווי אײַערע, וואָס האָבן זיך נאָכ־נישט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען, זײַנען שוין פֿאַרדאָרבן מיט די אַלע פּוסטע נאַרישקייטן.

— וועגן מײַנע אייגנשאַפֿטן זאָלט איר זיך נישט זאָרגן, — האָט אים קאָליאַ נישט אָן גדלות איבערגעשלאָגן, — נאָר דאָס, וואָס איך בין נישט זיכער אין זיך, דאָס איז אמת. נישט זיכער אויף אַ נאַ־רישן אופֿן, נישט זיכער ביז משוגעת. איר האָט ערשט אַ שמייכל געטון, האָט זיך מיר שוין געדאַכט, אַז איר...

— אַך, איך האָב געשמייכלט גאָר וועגן עפּעס אַנדערש. זעט איר, אָט פֿאַרוואָס איך האָב געשמייכלט: איך האָב נישט לאַנג גע־לייענט אַ מיינונג וועגן אונדזער היינטיקער לערן־יוגנט פֿון איינעם אַן אויסלענדישן דײַטש, וואָס האָט געוווינט אין רוסלאַנד:

„ווײַזט אַ רוסישן שילער — שרײַבט ער — די שטערן־מאַפּע פֿונם הימעל, וועגן וועלכער ער האָט ביז אַצינד קיין שום אַנונג נישט געהאַט, וועט ער זי אײַך צומאָרגנס אומקערן שוין אַ פֿאַריכ־טע". גאָרנישט קען ער, און איז אָן אַ שיעור אײַנגעבילדעט אין זיך — אָט וואָס דער דײַטש האָט געוואָלט זאָגן וועגן דעם רוסישן שילער.

— אַך, דאָס איז דאָך זייער אמת! — האָט זיך קאָליאַ פּלוצ־לינג צעלאַכט, — אמת, אַקוראַט! בראַוואָ, דײַטש! און פֿונדעסט־וועגן האָט דער דײַטשמערוק פֿאַרזען די גוטע זײַט, הא, ווי מיינט

איר? די איינבילדונג — דאָס איז גאָרנישט, דאָס איז יוגנט, דאָס וועט דורכגיין, אויב עס איז נאָר נייטיק, אַז עס זאָל דורכגיין, אָבער דערפאַר, דער פרייער גייסט, שוין כמעט פון קינדווייז אָן, דערפאַר די דרייסטקייט פון געדאַנק און איבערצייגונג. נאָר פונ־דעסטוועגן האָט דער דייטש גוט געזאָגט! בראַוואָ, דייטש! נאָר דאָך דאַרף מען די דייטשן אומברענגען. זאָלן זיי דאָרט זיין בריות אין דער וויסנשאַפט, מען מוז זיי פאָרט אומברענגען...

— פאַרוואָס עפּעס אומברענגען? — האָט אַליאָשאַ אַ שמייכל געטון.

— נו, איך האָב איבערגעטריבן, קען זיין, איך בין מסכים. איך בין צייטנווייז גאָר אַ קינד, און בשעת איך בין צופרידן, קען איך זיך נישט איינהאַלטן און פּלאַפּל שוין פאַרשידענע נאַרישקייטן. הערט, מיר פּלוידערן דאָ מיט אייך, און דאָרט איז זיך עפּעס דער דאָקטאָר צו לאַנג פאַרזעסן, אַגב, וועט ער, אפשר, דאָרט דאָס „מאַ־מעלע" און די לאָמע ניגאָטשקע אויך באַטראַכטן. איר ווייסט, מיר איז זייער געפעלן ניגאָטשקע. בשעת איך בין אַרויסגעגאַנגען האָט זי צו מיר פּלוצלינג שטילערהייט אַ זאָג געטון:

„פאַרוואָס זענט איר פריער נישט געקומען?" און מיט אַזאַ קול, מיט אַ פאָרוואורף! מיר דאַכט זיך, אַז זי איז שרעקלעך אַ גוטע, אַ רחמנות אויף איר.

— יאָ, יאָ! איר וועט אַהערקומען, וועט איר זען, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז. די באַקאַנטשאַפט מיט אַזעלכע מענטשן וועט אייך ברענגען אַ סך נוצן. איר וועט זיך אויסלערנען אָפּשאַצן אַ סך אַנדערע זאַכן, וועלכע איר וועט זיך דערוויסן פון דער באַקאַנט־שאַפט טאַקע מיט אַזעלכע מענטשן — האָט אַליאָשאַ מיט היץ גע־זאָגט — דאָס וועט אייך איבערמאַכן בעסער פאַר אַלץ.

— אָ, עס טוט מיר אַזוי באַנג, און איך שעלט זיך אַליין,

וואָס איך בין פריִער נישט געקומען! — האָט קאַליאַ אויסגעשריגן מיט אַ ביטער געפיל.

— יאָ, עס איז זייער אַן עבירה. איר האָט דאָך אַליין געזען, ווי שטאַרק אָנגעלייגט איר זענט געווען באַם אומגליקלעכן קליינעם! ווי ער האָט זיך אַזוי דאָס לעבן געגומען, וואַרטנדיק אויף אייך!

— זאָגט דאָס נישט! איר שיט מיר זאַלץ אויף די ווונדן. און, אייגנטלעך, קומט דאָס מיר: איך בין נישט געקומען איבער מיין אייגנליבע, איבער מיין עגאָיסטישער אייגנליבע און דעם ני־דער־טרעכטיקן ווילן צו הערשן איבער אַלע, פון וועלכן איך קען מיך מיין גאַנץ לעבן נישט באַפרייען, הגם איך קעמף מיט זיך דאָס גאַנצע לעבן. אַצינד זע איך, קאַראַמאַזאָוו, אַז איך בין אויך אין אַ סך זאַכן געמיין!

— ניין, איר האָט אַ טייערן כאַראַקטער, הגם אַ פאַרדאָרבענעם פון די אַלע דאָרט ראַקיטינס, און איך פאַרשטיי זייער גוט, פאַרוואָס איר האָט געהאַט אַזאַ ווירקונג אויף דעם פיינעם און קרענקלעך־פילבאַרן יונגל, — האָט אַליאָשאַ היציק געענטפערט.

— און דאָס זאָגט איר מיר! — האָט קאָליאַ אַ געשריי געטון, — און איך, שטעלט אייך פאָר, האָב געמיינט שוין עטלעכע מאָל, פון זינט איך בין דאָ, האָב איך געמיינט, אַז איר פאַראַכטעט מיך! איר זאָלט נאָר וויסן, ווי איך רעכן זיך מיט אייער מיינונג!

— זענט איר טאַקע אין אמתן אַזוי נישט זיכער מיט זיך, אין אַזאַ עלטער! נו, שטעלט־זשע זיך פאָר, אַז דאָרט אין צימער נאָך, בשעת איר האָט גערעדט און איך האָב געקוקט אויף אייך, איז מיר שוין איינגעפאַלן דער געדאַנק וועגן אייער נישט־זיכערקייט.

— האָט איר אַזוי געטראַכט! וואָס פאַר אַ שאַרפן חוש איר האָט! זעט איר, זעט איר! איך געוועט מיך מיט אייך, אַז דאָס איז גע־

ווען בשעת איך האָב דערציילט וועגן דער גאַנדז, פונקט דעמאָלס איז מיר געקומען אויפֿן זינען, אַז איר מוזט מיך זייער פֿאַראַכטן דערפֿאַר, וואָס איך וויל מיך אַרויסווייזן פֿאַר אַ בריה, און איך האָב אייך אַפֿילו שטאַרק פֿיינט באַקומען און דערפֿאַר אָנגעהויבן רעדן קוידערוועליש. אָבער דערפֿאַר ווייס איך שוין אַצינד, אַז איר פֿאַראַכטעט מיך נישט און אַז איך האָב דאָס אַלץ אַליין אויסגעטראַכט. אָ, קאַראַמאַזאָוו, איך בין זייער אומגליקלעך. צייטנווייז דאַכט זיך מיר, איין גאָט ווייסט וואָס, אַז אַלע לאַכן פֿון מיר, די גאַנצע וועלט, און דעמאָלס בין איך פּשוט גרייט צו פֿאַרניכטן דעם גאַנצן לעבנס־שטייגער.

— און איר פּייניקט די אַרומיקע, — האָט אַליאָשאַ אַ שמייכל געטון.

— און איך פּייניק די אַרומיקע, איבערהויפּט די מאַמע. קאַראַמאַזאָוו, זאָגט, איך בין אַצינד זייער קאָמיש?

— אָבער טראַכט נישט וועגן דעם, טראַכט נישט אינגאַנצן וועגן דעם! — האָט אַליאָשאַ אויסגעשריגן. — און וואָס הייסט קאָמיש? ווייניק מאָל קומט אויס אַ מענטש צו זיין אָדער אויסצוזען קאָמיש? און דערצו נאָך האָבן היינט כמעט אַלע פֿעיִקע מענטשן מורא נישט צו זיין קאָמיש, און מיט דעם אַליין זיינען זיי שוין אומגליקלעך. מיך חידושט נאָר דאָס, וואָס איר האָט דאָס אַזוי פֿרי אָנגעהויבן פֿילן, הגם איך באַמערק שוין דאָס, אייגנטלעך, לאַנג און נישט נאָר אין אייך אַליין. היינט לײַדן אַפֿילו פֿון דעם כמעט קינדער נאָך. דאָס איז כמעט אַ משוגעת. — איר אויך אַזוי ווי אַלע, — האָט אַליאָשאַ פֿאַרענדיקט, — דאָס הייסט, ווי אַ סך אַנדערע, אָבער מען דאַרף נישט זיין אַזוי, ווי אַלע, אָט־וואָס.

— אַפֿילו נישטקוקנדיק אויף דעם, וואָס אַלע זיינען אַזוי?

— יאָ, נישטקוקנדיק אויף דעם, וואָס אַלע זיינען אַזוי. זייט איר איינער נישט אַ זעלכער, ווי אַלע. און אין אמתן זענט

איר טאַקע נישט אַזעלכער, ווי אַלע. אַט האָט איר זיך דאָך אַצינד נישט געשעמט און מודה געווען זיך אין שלעכטס און קאָמישס. און ווער איז זיך היינט אין דעם מודה? — קיינער נישט, און מען האָט שוין אפילו נישט קיין באַדערפעניש אין זעלבסט־באַשולדיקונג. זייט־זשע נישט אַזעלכער, ווי אַלע; ווען אפילו איר זאָלט איינער אַליין בלייבן נישט אַזעלכער, אָבער דאָך — זייט נישט אַזעלכער.

— גלענצנד! איך האָב זיך אין אייך נישט טועה געווען. איר קענט טרייסטן. אָ, ווי איך האָב געשטרעבט צו אייך, קאַראַמאַזאָוו, ווי לאַנג איך זוך שוין די געלעגנהייט צו באַגעגענען זיך מיט אייך! האָט איר, הייסט עס, וועגן מיר אויך געטראַכט? איר האָט מיר אַנומלט געזאָגט, אַז איר האָט וועגן מיר אויך געטראַכט?

— יאָ, איך האָב וועגן אייך געהערט און וועגן אייך געטראַכט אויך... און אויב אפילו דאָס געפיל פון אייגנליבע האָט אַרויסגערופן באַ אייך אַצינד די דאָזיקע פראַגע, מאַכט אויך נישט אויס.

— און איר ווייסט, קאַראַמאַזאָוו, זייט זיך מודה, אַז אייך אַליין איז אַצינד אויך אַביסל אַ בזיון... איך דערקען אָן די אויגן, — האָט קאָליאַ עפּעס קלוגעטשקע, נאָר כמעט גליקלעך אַ שמייכל געטון.

— פאַרוואָס עפּעס אַ בזיון?

— פאַרוואָס־זשע זענט איר רויט געוואָרן?

— דאָס האָט איר דאָך אַזוי געמאַכט, איך זאָל רויט ווערן! — האָט אַליאָשאַ זיך צעלאַכט און איז אין אמתן רויט געוואָרן. — נו יאָ, אַ ביסל אַ בזיון, גאָט ווייסט, איך ווייס נישט פאַרוואָס... — האָט ער כמעט געשטאַמלט.

— אָ, ווי איך האָב אייך ליב אין דער מינוט און ווי איך האַלט פון אייך, דערפאַר טאַקע, וואָס אייך איז עפּעס אַ בזיון פאַר מיר!

דערפאַר, וואָס איר זענט פּונקט אַזוי ווי איך! — האָט קאָליאַ אויס־געשריגן פול מיט התפּעלות.

די באַקן זיינע האָבן געפלאַמט, די אויגן האָבן געפינקלט.

— הערט, קאָליאַ, איר וועט, אַגב, זיין אין לעבן זייער אומ־גליקלעך, — האָט אַליאָשאַ פּלוצלינג אַ זאָג געטון, אַליין נישטוויסנ־דיק פאַרוואָס.

— איך ווייס, איך ווייס. ווי איר ווייסט דאָס אַלץ פריִער! — האָט קאָליאַ באַלד איינגעשטימט.

— און דאָך וועט איר זאָגן: געבענטשט זאָל זיין דאָס לעבן

— טאַקע! הוראַ! איר זענט אַ נביא! אָ, מיר וועלן זיך צו־נויפגיין, קאַראַמאַזאָוו. איר ווייסט, מער פאַר אַלץ בין איך בתפּעל פון דעם, וואָס איר זענט מיט מיר, ווי מיט אַ גלייכן. און מיר זיי־נען נישט קיין גלייכע, ניין, נישט קיין גלייכע, איר שטייט העכער! נאָר מיר וועלן זיך צונויפגיין. איר ווייסט, אין משך פונעם לעצטן חודש פלעג איך זיך אַלץ זאָגן: „אָדער מיר וועלן זיך מיטאַמאָל מיט אים צונויפגיין און בלייבן אייביקע פריינט, אָדער מיר וועלן זיך פון ערשטן מאָל פונאַנדערגיין און זיין שונאים ביזן טויט.

— און זאָגנדיק דאָס האָט איר שוין, פאַרשטייט זיך, מיך ליב געהאַט, — האָט אַליאָשאַ פריילעך געלאַכט.

— ליב געהאַט, שרעקלעך ליב געהאַט, ליב געהאַט און גע־טרוימט וועגן אייך! און פונוואַנען ווייסט איר דאָס אַלץ פריִער? באַ, אָט איז דער דאָקטאָר. גאָט, וואָס וועט ער דאָס זאָגן, גיט אַ אַ קוק וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט!

דער דאָקטאָר, שוין ווידער אַ פאַרהילטער אין פוטער און מיטן היטל אויפן קאָפּ, איז אַרויסגעקומען פון שטוב. דאָס פּנים זיינס איז געווען כּמעט בייז און ער האָט אויסגעזען, ווי ער וואָלט

זיך געמיאוסט און אַלץ מורא געהאַט זיך אין עפּעס נישט אויסצו־שמירן.

פאַרבייגייענדיק, האָט ער באַטראַכט דאָס פּאָדערהויז און אַ שטרענגן בליק געוואָרפן אויף אַליאָשען און קאָליען.

אַליאָשאַ האָט באַ דער טיר אַ מאַך געטון מיט דער האַנט, און די קאַרעטע, וואָס האָט געבּרענגט דעם דאָקטאָר, איז צוגעפאָרן צו דער אַרויסגאַנגס־טיר.

באַלד נאָכן דאָקטאָר איז האַסטיק אַרויסגעשפּרונגען דער שטאַבּס־קאַפּיטאַן און, אַנגעבויגן, כּמעט קריכנדיק פאַר אים, האָט ער אים אָפּגעשטעלט צוליב דעם לעצטן וואָרט. דאָס פּנים פון אומ־גליקלעכן איז געווען דערשלאָגן און דער בליק אַ דערשראָקענער:

— „וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ“, „וואַשע פּרעוואָסכאָדי־טעלסטוואָ“... איז דאָס מעגלעך?... — האָט ער אָנגעהויבן, נישט פאַרענדיקט, נאָר פול מיט יאוש אַ פּאַטש געטון מיט דער האַנט און נאָך אַלץ בעטנדיק געקוקט אויפן דאָקטאָר, פּונקט ווי פון דעם דאָק־טאָרס איצטיקן וואָרט וואָלט זיך טאַקע נאָך עפּעס געקענט בייטן אין דעם צושטאַנד פון אומגליקלעכן יונגל.

— וואָס טוט מען! איך בין נישט גאָט, — האָט דער דאָק־טאָר מיט אַ גרינגשעצנדיקן, הגם פון געוווינהייט, ווי מיטפילנדיקן קול געענטפערט.

— דאָקטאָר... „וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ“... און גיך וועט דאָס זיין, גיך?

— זייט צו־גע־גרייט צו אַלעם — האָט דער דאָקטאָר, שטעלנ־דיק דעם טראָפּ אויף יעדער זילבע אָפּגעקנאַקט.

ער האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און שוין געוואָלט אַריבער־שפּאַנען די שוועל צו דער קאַרעטע־צו.

— „וואַשע פּרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ“, אום גאָטעס ווילן! — האָט דער שטאַבּס קאַפּיטאַן נאָכאַמאָל אים דערשראָקן אָפּגע־

שטעלט, — „וואשע פרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ"... קען שוין אַצינד גאָרנישט, אינגאַנצן גאָרנישט, לחלוטין גאָרנישט העלפן?...

— נישט אין מיר איז עס אַצינד געווענדט, — האָט דער דאָקטאָר אומגעדולדיק אַרויסגערעדט, — און דאָך, הם, — האָט ער זיך פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, — איר זאָלט קענען, למשל... אַ-וועק-שיקן... אייער קראַנקן... באַלד און נישט געזוימט (די ווערטער „באַלד און נישט געזוימט" האָט דער דאָקטאָר אַרויסגעזאָגט שטרענג און אַזוי בייז, אַז דער שטאַבס-קאַפּיטאַן האָט אַזש אַ ציטער געטון) קיין סי-ראַ-קו-זי, וואָלט... אַ דאַנק די בייע גו-טע קלימאַ-טי-שע באַדינגונגען געקענט, אפשר, פּאָר-קו-מען...

קיין סיראַקוזי? — האָט דער שטאַבס-קאַפּיטאַן אויסגעשריגן און אַפּנים גאָרנישט פאַרשטאַנען.

— סיראַקוזי — דאָס איז אין סיציליע, — האָט קאָליאַ הויך דערקלערט.

דער דאָקטאָר האָט אַ קוק געטון אויף אים.

— קיין סיציליע. פאָטערל, „וואשע פרעוואָסכאָדיטעלסטוואָ" — האָט זיך דער שטאַבס-קאַפּיטאַן פאַרלוירן, — איר האָט דאָך געזען! — האָט ער ברייט צעפירט מיטביידע הענט, אָנווייזנדיק אויף דעם אַרומיקן, — און דאָס מאַמעלע, און די פאַמיליע?

— ב-ניין, די פאַמיליע נישט קיין סיציליע, אייער פאַמיליע דאַרף מען קיין קאַווקאַז, פריהלינגס-צייט... די טאָכטער אייערע קיין קאַווקאַז און דאָס ווייב... דאַרף מען אויך אַ ביסל האַלטן אויף קאַווקאַז, דאָרט וועט זי מיט די מינעראַלע וואַסערן היילן איר רעוומאַטיזם... און באַלד נאָכדעם זי אַוועקשיקן קיין פּאַריז, אין דעם אַנשטאַלט פון דאָקטאָר-פּסי-כי-אַטר לע-פּעל-לעטיע, איך וואָלט אייך געגעבן אַ בריוועלע צו אים און דאַמאָלס וואָלט... געקענט, אפשר, פּאָרקומען...

— דאָקטאָר, דאָקטאָר! איר זעט דאָך! — האָט דער שטאַבס-

קאַפּיטאַן פּלוצלינג ווייטער צעגומען די הענט אין פול מיט יאוש באַווייזן אויף די באַקעטע הילצערנע ווענט פון דעם פאַדערהויז.

— אַ, דאָס איז שוין נישט מיין זאַך, — האָט דער דאָקטאָר אַ שמייכל געטון. — איך האָב נאָר געזאָגט דאָס, וואָס עס קען זאָגן די וויסנשאַפט אויף אייער פראַגע וועגן די לעצטע מיטלען, און ווייטער... צו מיין באַדויערן...

— שרעקט אייך נישט, רופא, מיין הונט וועט אייך נישט בייסן — האָט קאַליאַ הויך אָפּגעשניטן; ער האָט באַמערקט, אַז פּערעזוואָן, וואָס איז געשטאַנען אויף דער שוועל, האָט דעם דאָקטאָר באַאומרויקט. אין זיין קול האָט געקלונגען עפּעס בייזעס. דאָס וואָרט „רופא", אָנשטאָט דאָקטאָר, האָט ער געזאָגט ספּעציעל און, ווי ער האָט אַליין שפּעטער דערציילט: „געזאָגט, כדי צו באַליידיקן".

— וואָס אַ-זוי-נס? — האָט דער דאָקטאָר אַ וואָרף געטון מיטן קאָפּ און פאַרוואונדערט אָנגעקוקט קאַליען. — ווער איז דאָס? — האָט ער זיך פּלוצלינג געווענדט צו אַליאָשען, ווי פאָדערנדיק פון אים דין-וחשבון.

— דאָס איז פּערעזוואָנס באַלעבאָס, רופא, זאָרגט נישט וועגן מיין פּערזענלעכקייט, — האָט קאַליאַ ווייטער אָפּגעקנאַקסט.

— זוואָן? — האָט דער דאָקטאָר נאָכגעזאָגט, נישט פאַרשטייענדיק, וואָס עס איז אַזוינס פּערעזוואָן.

— אָבער מ'ווייסט נישט ווו ער איז. אַ גוטן, רופא, מיר וועלן זיך זען אין סיראַקוזי.

— ווער איז-ז? ווער, ווער? — איז דער דאָקטאָר שרעקלעך צעקאָכט געוואָרן.

— דאָס איז אַ היגער שילער, ער איז אַ שטיפער, קוקט נישט אויף אים, — האָט אַליאָשאַ אַן אָנגעכמורעטער גיך אַרויסגעזאָגט. — קאַליאַ, שווייג! — האָט ער אַ געשריי געטון צו קראַסאָטקינען. —

מען דאַרף נישט לייגן קיין אַכט אויף אים, דאָקטאָר, — האָט ער שוין אומגעדולדיקער איבערגעחזרט.

— אָפּשמייסן, אָפּשמייסן דאַרף מען, אָפּשמייסן! — האָט זיך דער דאָקטאָר שוין צו שטאַרק געכּעסט און געטופּעט מיט די פּיס.

— און איר ווייסט, רופא, מיין פּערעזוואָן קען נאָך אפשר בייסן אויך! — איז קאָליאַ בלאַס געוואָרן, אַ פּינקל געטון מיט די אויגן און אַרויסגערעדט דאָס מיט אַ ציטערנדיק קולעכל. — איסי, פּערעזוואָן!

— קאָליאַ, אויב איר זאָגט נאָך איין וואָרט, ווער איך מיט אייך ברוגז אויף שטענדיק! — האָט באַפעלנדיק אַליאָשאַ אַ געשריי געטון.

— רופא, עס איז דאָ נאָר איין באַשעפעניש אויף דער גאַנצער וועלט, וואָס קען באַפעלן ניקאָלאַי קראַסאָטקינען, און דאָס איז דער מענטש (קאָליאַ האָט אָנגעוויזן אויף אַליאָשען); אים פאָלג איך, אַ גוטן.

ער האָט זיך אַ ריס געטון פון אָרט, אויפגעעפנט די טיר און געשווינט אַריין אין צימער. פּערעזוואָן האָט זיך אַ לאָז געטון נאָך אים.

דער דאָקטאָר איז, ווי אַ געפּלעפטער, אַ רגע פינף געשטאַנען אומבאַוועגלעך, געקוקט אויף אַליאָשען, נאָכדעם פלוצלינג אַ שפּיי געטון, און זיך גיך געלאָזט גיין צו דער קאַרעטע, און אַ הויך געטענהט:

„ד־דאַס, ד־דאַס, ד־דאַס, איך ווייס נישט, וואָס ד־דאַס!

דער שטאַבס־קאַפּיטאַן האָט זיך אַ וואָרף געטון אים העלפן זיך אַריינזעצן.

אַליאָשאַ איז אַריין אין צימער באַלד נאָך קאָליען. יענער איז שוין געשטאַנען לעבן אילושאַס געלעגער. אילושע האָט אים

געהאַלטן באַ דער האַנט און האָט גערופן דעס פּאַטער. אין אַ מי־
נוט אַרום האָט זיך דער שטאַבס־קאַפּיטאַן אויך אומגעקערט.

— טאַטע, טאַטע, קום אַהער... מיר... — האָט אילושאַ שרעקלעך אויפגערעגט געפּרוווט זאָגן, נאָר, אַפּנים, נישט בכּוח גע־וועזן ענדיקן, פלוצלינג אַ וואָרף געטון מיט זיינע דאַרענקע הענט־לעך און מיט אַלע כּוחות שטאַרק אַרומגענומען מיט איין מאָל ביידע, קאָליען און דעם טאַטן, זיי פאַרייניגט אין זיינע אָרעמס און אַליין זיך צו זיי צוגעטוליעט. דער שטאַבס־קאַפּיטאַן האָט פּלוצלינג אָנגעהויבן ציטערדיק שטיל צו וויינען און אויך באַ קאָ־ליען האָבן אָנגעהויבן צו ציטערן דער קין און די ליפּן.

— טאַטע, טאַטע! מיר איז אַ רחמנות אויף דיר, טאַטע — האָט אילושאַ אַ ביטערן קרעכץ געטון.

— אילושעטשקאַ... האַרציקער... דער דאָקטאָר האָט גע־זאָגט... דו וועסט זיין געזונט... מיר וועלן זיין גליקלעך... דער דאָקטאָר... — האָט דער שטאַבס־קאַפּיטאַן געפּרוווט זאָגן.

— אַך, טאַטע! איך ווייס דאָך, וואָס דער נייער דאָקטאָר האָט וועגן מיר געזאָגט... איך האָב דאָך געזען! — האָט אילושאַ אויסגעשריגן, ווייטער שטאַרק צוגעדריקט ביידע צו זיך און באַ־האַלטן זיין פּנים אויפן טאַטנס אַקסל.

— טאַטע, וויין נישט... אַז איך וועל שטאַרבן, זאָלסטו דיר נעמען אַ גוט יונגל, אַן אַנדערן... קלויב דיר אַליין אויס צווישן זיי אַלע אַ גוטן, רוף אים אילושאַ און האָב אים ליב אָנ־שטאָט מיך...

— שווייג, אַלטער, וועסט געזונט ווערן! — האָט קראַסאָט־קין פּלוצלינג בייז אויסגעשריגן.

— און מיך, טאַטע, זאָלסטו קיינמאָל נישט פאַרגעסן, — האָט אילושאַ ווייטער גערעדט, — זאָלסט קומען צו מיר אויפן קבר... און נאָך וואָס, טאַטע: באַהאַלט מיך דאָרט, וווהין מיר פלעגן צו־

זאָמען שפּאַצירן, באַם גרויסן שטיין, און קום צוגיין מיט קראַסאָט־קינען, פֿאַרנאַכט... פֿערעזוואַן אויך... און איך וועל אויף אייך וואַרטן... טאַטע, טאַטע!

זיין קול האָט זיך איבערגעריסן.

אַלע דריי זיינען געשטאַנען אַרומגענומען און האָבן געשוויגן. אויך נינאָטשקאַ האָט שטיל געוויינט אין איר פּאָמעל. און ווי דאָס „מאַמעלע" האָט נאָר דערזען, אַז אַלע וויינען, האָט זי זיך אויך באַגאָסן מיט טרערן.

— אילושעטשקאַ! אילושעטשקאַ! — האָט זי געשריגן.

קראַסאָטקין האָט זיך פּלוצלינג באַפֿרייט פֿון אילושעס אָרעמס:

— אַ גוטן, אַלטער, די מאַמע וואַרט אויף מיר מיטן מיטאָג...

אַ שאָד, וואָס איך האָב איר נישט אָנגעזאָגט! זי וועט האָבן יסורים... נאָר באַלד נאָך מיטאָג קום איך צו דיר, אויפֿן גאַנצן טאָג, אויף דער גאַנצער נאַכט, און איך וועל דיר אַזוי פֿיל דערציילן, אַזוי פֿיל דערציילן! און פּערעזוואָנען וועל איך ברענגען; אַצינד נעם איך אים מיט, ווייל אָן מיר וועט ער וואָיען און וועט דיר שטערן, אויף ווידערזען!

און ער איז אַרויסגעלאָפֿן אין פּאָדערהויז. ער האָט זיך געוואָלט איינהאַלטן פֿון וויינען, נאָר אין פּאָדערהויז האָט ער זיך טאַקע צעוויינט, אַזוי האָט אים געטראָפֿן אַליאָשאַ.

— קאָליאַ, איר מוזט אומבאַדינגט האַלטן וואָרט און קומען, ווייל אַנדערש וועט ער זיך דאָס נעמען צום האַרץ, — האָט אַליאָשאַ ערנסט געזאָגט.

— אומבאַדינגט! אָ, ווי איך פֿאַרשעלט זיך, וואָס איך בין פֿריער נישט געקומען, — האָט קאָליאַ געשטאַמלט, געוויינט און נישט געשעמט זיך שוין מיטן וויינען.

אין דער מינוט איז פֿון צימער פּלוצלינג אַרויסגעשפּרונגען דער שטאַבס־קאַפּיטאַן און באַלד נאָך זיך צוגעמאַכט די טיר.

זיין פנים איז געווען ווילד, די ליפן האָבן געציטערט. ער האָט זיך געשטעלט פאַרביידע יונגעלייט און אויפגעהויבן ביידע הענט:

— איך וויל נישט קיין גוט יונגל! איך וויל נישט קיין אַנ־דער יונגל! — האָט ער ווילד אַ געשריי געטון און געקריצט מיט די ציין, — אם אשכחך ירושלים... תדבק...

ער האָט זיך פאַרכלישניעט, נישט פאַרענדיקט און אוממעכ־טיק זיך אַראָפּגעלאָזט אויף די קני לעבן דער הילצערנער באַנק.

קאַליאַ איז אַרויס אויף דער גאַס.

— אַ גוטן, קאַראַמאַזאָוו! איר אַליין אָבער וועט קומען? — האָט ער שאַרף און בייז אַ געשריי געטון צו אַליאָשען.

— איך וועל אומבאַדינגט זיין באַנאַכט.

— וואָס האָט ער עפּעס וועגן ירושלים... וואָס איז דאָס נאָך?

— דאָס איז פון תנ״ך: „אם אשכחך ירושלים" — דאָס הייסט, אויב איך וועל פאַרגעסן אַלץ, וואָס עס באַ מיר דאָס טייערסטע, אויב איך וועל דאָס אויף עפּעס אַנדערש אויסטוישן, דאַמאָלס זאָל מיך דערשלאָגן...

— איך פאַרשטיי, גענוג! איר אַליין אָבער קומט; איסי, פּע־רעזוואָן! — האָט ער שוין מיט רציחה אַ געשריי געטון צום הונט און אַוועקגעגאַנגען אהיים מיט גרויסע, גיכע טריט.

VII.

די לוויה.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט דעם אמת.

נישט לאַנג נאָך האָט אילושעטשקאַ געלעבט. עס איז געקו־מען דער טאָג פון דער לוויה. אַלע האָבן זיך שוין געהאַט צונויפ־געקליבן, נישט געווען איז נאָר אַליאָשאַ, וועלכן עס האָבן פאַרהאַלטן די געשעפטן פון זיין ברודער.

מען האָט געוואַרט אויף אים, אָבער מען האָט שוין אַפילו באַשלאָסן אָן אים צו טראָגן די שיינענקע, מיט קווייטן באַפּוצטע, טרומנע אין קלויסטער אַריין.

נאָר אָט איז שוין געקומען אַליאָשאַ אויך, און די יונגלעך, אילושעס חברים, האָבן אים באַגעגנט באַם טויער מיט אַ געשריי. זיי האָבן אַלע געוואַרט אויף אים מיט אומגעדולד, און זיי האָבן זיך דערפרייט, וואָס ער איז ענדלעך געקומען. זיי אַלע זיינען גע־ווען אַ מאַן צוועלף און אַלע זיינען זיי געקומען מיט זייערע רענצ־לעך און מיט די זעקלעך איבער די אַקסל.

— דער טאַטע וועט וויינען, זייט מיטן טאַטן, — האָט זיי אילושאַ פאַרן טויט אָנגעזאָגט, און די יונגלעך האָבן דאָס געדענקט.

אין דער שפּיץ פון זיי איז געווען קאָליאַ קראַסאָטקין.

— איך בין אַזוי צופרידן, וואָס איר זענט געקומען, קאַראַ־מאַזאָוו! — האָט ער אַ געשריי געטון און אויסגעשטרעקט אַליאָשען די האַנט. — דאָ איז אַ שרעק. עס איז שווער דאָס צוצוזען. סנע־גיראָוו איז נישט שיכור, מיר ווייסן געוויס, אַז ער האָט גאָרנישט היינט געטרונקען, אָבער ער איז, ווי אַ שיכורער... איך האַלט מיך איין שטענדיק, אָבער דאָס איז שרעקלעך. קאַראַמאַזאָוו, אויב איך

פאַרהאַלט איך נישט, איז, איידער איר גייט אַריין, מעג איך אייך שטעלן נאָר איין פראַגע?

— וואָס איז, קאָליאַ? — האָט זיך אַליאָשאַ אָפּגעשטעלט.

— אייער ברודער איז שולדיק צי אומשולדיק? ווי אַזוי איר וועט זאָגן, אַזוי וועט בא מיר בלייבן. איך בין צוליב דער אידעע פיר נעכט נישט געשלאָפן.

— דער ברודער איז אומשולדיק, — ד. ה., ער איז אומ-שולדיק אין דער זאַך, צוליב וועלכער מען האָט אים פאַרמשפּט. ער ליידט איצט פאַר זיין שלעכטן נאָמען, וואָס ער האָט זיך אַליין פאַרשאַפט.

— און דאָך איז ער אַן אומשולדיקער קרבן, — האָט קאָ-ליאַ אויסגעשריגן. — אָ, ווען איך וואָלט אויך אַמאָל געקענט זיין אַ קרבן פון אמת, — האָט ער מיט ענטוזיאַזם געזאָגט.

— און איך אויך! — האָט פּ צלינג און שוין אינגאַנצן אומדערוואַרטעט אויסגעשריגן אַ יונגל פון צווישן עולם, דער זעל-בער, וואָס האָט אַמאָל דערקלערט, אַז ער ווייסט ווער עס האָט געגרינדעט טראָיאַ, אויסגעשריגן און פונקט ווי דאַמאָלס רויט גע-וואָרן ביז איבער די אויערן, ווי אַ טשוויק.

אַליאָשאַ איז אַריין אין צימער.

אין אַ העל-בלויער טרומנע, אַן אַרומגעזוימטע מיט אַ ווייסן צייג, איז געלעגן אילושאַ צונויפגעלייגט די הענטלעך און פאַרמאַכט די אויגן. זיין אויסגעדאַרט פּנים האָט זיך כמעט נישט איבערגעביטן. דער אויסדרוק פון פּנים איז געווען אַן ערנסטער און פאַרטראַכטער. און דער עיקר שיין זיינען געווען זיינע געקרייצטע הענט, וואָס האָבן אויסגעזען ווי מאַרמאָרנע. מען האָט אים אַריינגעלייגט בלו-מען אין די הענט, און מיט בלומען, פון קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ צוגעשיקט, איז געווען באַפּוצט די גאַנצע טרומנע פון אויסנווייניק און פון אינעווייניק.

ווען אַליאָשאַ האָט אויפגעעפנט די טיר, איז דער שטאַבס־קאַפּיטאַן געשטאַנען מיט אַ בינטל בלומען אין די ציטערדיקע הענט און באַשיט מיט זיי זיין טייער יונגל. ער האָט קוים אַ קוק געטון אויף אַליאָשען, ער האָט בכלל אויף קיינעם נישט געוואָלט קוקן, אפילו אויף דעם וויינענדיקן, משוגענעם ווייב זיינעם, אויף זיין „מאַמעלע", וועלכע האָט זיך אַלץ געפּרוּווט אויפשטעלן אויף אירע שוואַכע פיס, כדי בעסער אַ קוק צו טון אויף איר טויטן יונגל. גינאָטשקען אָבער. האָבן די קינדער אויפגעהויבן צוזאַמען מיטן פּאַטעל און צוגערוקט זי נאָענט צו דער טרומנע. זי האָט זיך אָנגעשפּאַרט מיטן קאָפּ אָן דער טרומנע און אויך שטיל געוויינט.

סנעגיראָווס פּנים האָט אויסגעזען לעבעדיק, נאָר עפּעס צעטומלט און דערביי שטאַרק בייז. זיינע תנועות, זיינע ווערטער זיינען געווען ווי נישט פון קיין קלאָרן מענטש.

— פּאָטערל, ליב פּאָטערל! — האָט ער יעדער ווײַלע אויסגעשריגן און געקוקט אויף אילושען.

דאָס איז געווען זיין געוווינהייט אַזוי, ווען אילושאַ האָט נאָך געלעבט, צו זאָגן אים צערטלעך: „פּאָטערל, ליב פּאָטערל!"

— טאַטעלע, גיב מיר אויך בלומעלעך, נעם אַרויס פון זיין הענטל אָט יענץ ווייסענקע און גיב! — האָט דאָס משוגענע „מאַמעלע" וויינענדיק געבעטן. צי עס איז איר אַזוי שטאַרק געפעלן געוואָרן די קליינענקע, ווייסענקע רויז, וואָס האָט געשטעקט אין אילושעס הענט, צי עס האָט זי פאַרגלוסט צו נעמען פון זיינע הענט דאָס בלימל אויף אָן אָנדענק, נאָר זי איז אינגאַנצן געוואָרן זייער אומרויק און האָט אויסגעשטרעקט אירע הענט נאָכן בלימל.

— איך וועל קיינעם נישט געבן, איך וועל גאָרנישט געבן! — האָט סנעגיראָוו בייז אויסגעשריגן. זיינע בלימעלעך, נישט דיינע, אַלץ איז זיין, גאָרנישט דיינס!

— טאַטע, גיב דער מאַמען דאָס בלימל? — האָט נינאָטשקאַ פלוצלינג אויפגעהויבן איר פון טרערן נאַס פנים.

— איך וועל גאָרנישט געבן, איר וועל איך אוודאי נישט געבן! זי האָט אים נישט ליב געהאַט. זי האָט בײַ אים דאַמאָלס דאָס הארמאַטל צוגענומען, און ער האָט עס איר אַוועק-גע-שענקט, — האָט זיך דער שטאַבס-קאַפּיטאַן פלוצלינג דערמאַנט אָן דעם, ווי אַזוי אילושאַ האָט דאַמאָלס אָפּגעטרעטן דער מאַמען דאָס הארמאַטל, און ער האָט זיך צעוויינט אויפן קול. די משוגענע, נעבעך, האָט פאַרדעקט דאָס פנים מיט די הענט און אויך פאַרגאַנגען אין אַ שטיל געוויין. די יונגלעך האָבן געזען, אַז דער פאָטער לאָזט נישט אָפּ די טרומנע, און עס איז שוין צייט געווען אַרויסצוטראָגן, האָבן זיי ענדלעך, מיטאַמאָל ענג אַרומגערינגלט די טרומנע און גענומען זי אויפהייבן.

— איך וויל אים נישט באַהאַלטן אויפן בית-עולם! — האָט סנעגיראָוו זיך פלוצלינג צעשריגן, — בײַם שטיין וועל איך באַהאַלטן, בײַ אונדזער שטיינדעלע! אילושאַ האָט אַזוי געהייסן. איך וועל נישט לאָזן טראָגן!

ער האָט פריִער אויך, די גאַנצע דריי טעג האָט ער גערעדט, אַז ער וועט אים באַהאַלטן בײַם שטיין; נאָר עס האָבן זיך אַרייַנגעמישט אַליאָשאַ, קראַסאָטקין, די באַלעבאָסטע פון דער דירה, איר טאָכטער, אַלע יונגלעך.

— זע, וואָס ער האָט דאָס אויסגעטראַכט, בײַ אַ פּאַסקודנעם שטיין גאָר באַהאַלטן, — האָט די אַלטע באַלעבאָסטע שטרענג געזאָגט.

דער שטאַבס-קאַפּיטאַן האָט ענדלעך אַ מאַך געטון מיט די הענט: „טראָגט, האָט דאָס געדאַרפט הייסן, טראָגט, וווהין איר ווילט!“

די קינדער האָבן אויפגעהויבן די טרומנע און אָנגעהויבן זי

טראָגן. לעבן דער מוטער האָבן זיי זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מי־נוט און אַראָפּגעלאָזט די טרומנע, כּדי די מוטער זאָל זיך קענען געזעגענען מיט אילושען.

— מאַמע, צלם אים איבער, בענטש אים, גיב אים אַ קוש, — האָט ניניאָטשקאַ צו איר געשריגן.

די טרומנע האָט מען ווייטער געטראָגן. אַז מען איז פאַרביי־געגאַנגען פאַר ניניאָטשקען, האָט זי זיך צום לעצטן מאָל צוגע־רירט מיט אירע ליפּן צו די ליפּן פונם פאַרשטאָרבענעם ברודער.

אַליאָשאַ האָט פאַרן אַרויסגיין געהאַט געווענדט זיך צו דער באַלעבאָסטע פון דער דירה מיט אַ בקשה, זי זאָל אַכטונג געבן אויף די איבערגעבליבענע, נאָר יענע האָט גישט געלאָזט ענדיקן:

— מיר ווייסן אויך, איך וועל זיין לעבן זיי, מיר זיינען דאָך אויך מענטשן.

די אַלטע האָט, זאָגנדיק דאָס, געוויינט. ביזן קלויסטער איז געווען נישט ווייט, אַ טריט דרייסיק, נישט מער.

דער טאָג איז געווען אַ קלאָרער, אַ שטילער; עס איז גע־ווען אַ קליין פרעסטל. אין דער לופט האָט געשוועבט אַ קלאַנג פון די קלויסטער־גלאָקן. סנעגיראָוו איז צעטראָגן און גיך באַכגעלאָפן נאָך דער טרומנע אין זיין אַלטענקן, קורצענקן, כּמעט זומערדיקן מאַנטל, מיטן בלויזן קאָפּ און מיט זיין אַלטן, ברייטן, ווייכן היטל אין די הענט. אַ בלימל איז אַראָפּגעפאַלן אויפן שניי, און ער האָט זיך אַזוי האַסטיק אַ וואָרף געטון דאָס אויפהייבן, פּונקט ווי גאָט ווייסט וואָס עס האָט געקענט געשען ווען ער פאַרלירט דאָס.

— דאָס שטיקל ברויט, דאָס שטיקל ברויט האָט מען פאַר־געסן, — האָט ער פּלוצלינג שטאַרק דערשראָקן אויסגעשריגן. נאָר די יונגלעך האָבן אים באַלד דערמאַנט, אַז ער האָט שוין פריִער דאָס שטיקל גענומען, און עס ליגט בא אים אין קעשענע. ער האָט

עס באַלד אַרויסגעשלעפּט פון קעשענע, איבערצייגט זיך און זיך באַרויִקט.

— אילושעטשקאַ האָט געהייסן, אילושעטשקאַ — האָט ער באַלד דערקלערט אַליאָשען; נעכטן איז ער זיך געלעגן און איך בין געזעסן לעבן אים, האָט ער פּלוצלינג באַפוילן:

„טאַטעלע, ווען מען וועט מיין קבר פאַרשיטן, זאָלסטו אָנקרישלען דערויף ברויט, כדי פייגעלעך זאָלן קומען צופליען. איך וועל דערהערן, אַז זיי זיינען געקומען צופליען, וועט מיר פריילעך זיין, וואָס איך ליג נישט אַליין".

— דאָס איז זייער גוט, — האָט אַליאָשאַ געזאָגט, — מען דאַרף עפטער טראָגן.

— יעדן טאָג, יעדן טאָג! — האָט דער קאַפּיטאַן אויפגעלעבט געשטאַמלט.

ענדלעך איז מען אָנגעקומען אין קלויסטער אַריין און די טרומנע אַנידערגעשטעלט אינדערמיט. די יונגלעך האָבן זיך צעשטעלט אַרום דער טרומנע און זיינען רויִק אָפּגעשטאַנען די גאַנצע צייט פון דער גאָטס-דינסט. סנעגיראָוו האָט זיך עפּעס פאַרקלערט, און ווען מען האָט די טרומנע אויפגעהויבן און זי צום קבר-צו אַוועקגעטראָגן, האָט ער זיך שוין נישט געוועָרט.

דאָס קבר איז געווען נישט ווייט, לעבן קלויסטער, אַ טייערס; קאַטערינאַ איוואַנאָוונאַ האָט באַצאָלט דערפאַר. ווען מען האָט פאַרשיט דאָס קבר, האָט מען דערמאַנט סנעגיראָוון, אַז ער זאָל אָנקרישלען דאָס ברויט. ער האָט זיך שרעקלעך אויפגערעגט, אַרויסגעכאַפּט דאָס שטיקל ברויט און עס אָנגעהויבן צו צעוואַרפן קרישעלעכווייז איבערן קבר:

— טאָ קומט-זשע צופליען, פייגעלעך, טאָ קומט-זשע צופליען, וואָראָבייטשיקלעך! — האָט ער פאַרזאָרגט געמורמלט.

עמעצער פון די יונגלעך האָט אים געפּרוווט זאָגן, אַז עס איז

אים נישט באַקוועמט צו קרישלען מיט די בלומען אין דער האַנט. ער זאָל זיי געבן אויף אַ מינוט צו האַלטן, אָבער ער האָט זיי נישט געגעבן, ער האָט זיך אפילו דערשראָקן פאַר זיינע בלומען, פונקט ווי מען וואָלט זיי געוואָלט בײַ אים צונעמען. ער האָט נאָר אַ קוק געטון אויפן קבר און, איבערצייגנדיק זיך, אַז אַלץ איז שוין אָפּגעטון, אַז די קרישעלעך זייגען שוין אָנגעקרישלט, האָט ער זיך פּלוצלינג אויסגעדרייט און געלאָזט זיך שפּאַנען אַהיים. נאָר זיין גאַנג איז געוואָרן אַלץ גיכער און גיכער, די טריט עפּטער און ער האָט געאיילט, כמעט געלאָפן.

די יונגלעך מיט אַליאָשען זיינען נישט אָפּגעשטאַנען פון אים.

— דעם מאַמעלען די בלומעלען, דעם מאַמעלען די בלומעלעך! — מען האָט דאָס מאַמעלע באַעוולט, — האָט ער אָנגעהויבן אויסצושרייען.

עמעצער האָט אים אַ געשריי געטון, אַז ער זאָל אָנטון דאָס היטל, ווייל עס איז דאָך קאַלט, האָט ער דערהערט, אויסער זיך פון כעס אַ שמיץ געטון דאָס היטל אויף דער ערד און דערביי געטענהט:

— איך וויל נישט קיין היטל, איך וויל נישט קיין היטל!

דאָס יונגל סמוראָוו האָט אויפגעהויבן דאָס היטל און עס אים נאָכגעטראָגן.

די יונגלעך האָבן אַלע ביז איינעם געוויינט, נאָר שטאַרקער פאַר אַלע האָט געוויינט קאָליאַ און דאָס יונגל, וואָס האָט אַנטדעקט טראָיאַ. סמוראָוו, מיט דעם קאַפּיטאַנס היטל אין דער האַנט, האָט שרעקלעך געוויינט, נאָר לויפנדיק, האָט ער פונדעסטוועגן באַוויזן אויפצוכאַפּן פון דער פאַרשנייעטער סטעזשקע אַ שטיקל רויטע ציגל און אַ וואָרף צו טון עס אין דער מחנה וואָראָבייטשיקלעך, וואָס זיינען געשווינד פאַרבייגעפלויגן. ער האָט, פאַרשטייט זיך, נישט געטראָפן און איז ווייגענדיק ווייטער געלאָפן. אינמיטן וועג האָט זיך

סנעגיראָוו פלוצלינג אָפּגעשטעלט, געשטאַנען אַ ביסעלע און אָנגע־הויבן ווייטער צו וויינען, קלאָגן:

— פּאָטערל, אילושעטשקאַ, ליב פּאָטערל!

אַליאָשאַ מיט קאָליען האָבן זיך געבעטן באַ אים, געבעטן באַ אים, איינגערעדט אים.

— קאַפּיטאַן, באַרויִקט אייך, אַ מאַן מוז זיך שטאַרקן, — האָט קאָליאַ געשטאַמלט.

— די בלומען וועט איר דאָך פאַרלירן, — האָט אַליאָשאַ אויך געזאָגט, — און דאָס מאַמעלע וואַרט אויף זיי אַצינד דאָרט — וויינט, דערפאַר וואָס איר האָט דאַמאָלס נישט געוואָלט אילושעטש־קעס בלומען געבן.

— יאָ, יאָ, צו דעם מאַמעלע! — האָט סנעגיראָוו פלוצלינג זיך ווידער דערמאַנט, און ווידער זיך געלאָזט לויפן אַ היים, נאָר עס איז שוין געווען נישט ווייט, און אַלע זיינען צוזאַמען געקו־מען צולויפן.

סנעגיראָוו האָט האַסטיק אויפגעעפנט די טיר און אָנגעהויבן שרייען צום ווייב, מיט וועלכן ער איז זיך דאַמאָלס אַזוי שלעכט באַגאַנגען:

— מאַמעלע, טייערע, פּיסעלעך דיינע קראַנקע, אילושעטשקאַ האָט דיר בלומען צוגעשיקט! — האָט ער געשריגן און אויסגע־שטרעקט צו איר דאָס בינטל צעבראָכענע, פאַרפרוירענע בלומען.

— וווּהין האָסטו אים אַוועקגעטראָגן? וווּהין האָסטו אים אַוועק־געטראָגן, — האָט זיך באַ דער משוגענער אַרויסגעריסן אַ האַרצ־רייסנדיק קול.

דאָ האָט זיך שוין ניִנאָטשקאַ אויך צעוויינט. קאָליאַ איז אַרויס־געלאָפן פון צימער און נאָך אים האָבן אַלע יונגלעך אָנגעהויבן אַרויסגיין. ענדלעך איז אַליאָשאַ אויך אַרויס.

— זאָלן זיי זיך אָפּוויינען, — האָט ער געזאָגט קאָליען, —

מען קען שוין דאָ, פאַרשטייט זיך, נישט טרייסטן, מיר וועלן צו־וואַרטן אַ מינוט און זיך אומקערן צו זיי.

— יאָ, מען קען נישט, עס איז אַ שרעק, — האָט קאָליאַ איינגעשטימט. — איר ווייסט, קאַראַמאַזאָוו, — האָט ער פּלוצלינג אַנגעהויבן רעדן שטיל, מען זאָל אים נישט דערהערן: — עס איז מיר זייער אומעטיק, און איך וואָלט אַלץ אויף דער וועלט אַוועק־געגעבן, איך זאָל אים קענען לעבעדיק מאַכן!

— אַך, און איך אויך, — האָט אַליאָשאַ געזאָגט.

— ווי מיינט איר, קאַראַמאַזאָוו, דאַרפן מיר קומען אַהער היינט אויפדערנאַכט? ער וועט זיך דאָך אָנשיכּורן.

— מעגלעך, אַז ער וועט זיך אָנשיכּורן. נאָר קומען וועלן אין צווייען, איך מיט אייך, עס וועט זיין גענוג. מיר וועלן אַ שעה צייט זיצן מיט זיי, מיט דער מוטער און ניניאָטשקען, וואָרים, אַז מיר וועלן קומען אַלע מיטאַמאָל, וועט עס זיי ווידער אַלץ דער־מאָנען — האָט אַליאָשאַ געעצהט.

— אַצינד גרייט דאָרט באַ זיי די באַלעבאָסטע צום טיש — דאָס וועט אַ הזכרה, ווייזט אויס, זיין, דער גלח וועט קומען; קאַ־ראַמאַזאָוו, דאַרפן מיר באַלד צוריקגיין צי נישט?

— אומבאַדינגט, — האָט אַליאָשאַ געזאָגט.

— דאָס איז אַלץ עפּעס אַזוי מאָדנע, קאַראַמאַזאָוו! אַזאַ אומ־גליק און פּלוצלינג גאָר לאַטקעס, ווי נישט נאַטירלעך דאָס איז אַלץ אין אונדזער רעליגיע.

— באַ זיי וועט דאָרט געזאַלצענע פיש אויך זיין — האָט פּלוצלינג הויך אַ זאָג געטון דאָס יונגל, וואָס האָט אַנטדעקט טראָיאַ.

— איך וועל אייך בעטן ערנסט, קאַראַטאַשאָוו, מער זיך נישט אַריינצומישן מיט אייערע נאַרישקייטן, און נאָך בשעת מען רעדט נישט מיט אייך און מען וויל אַפילו נישט וויסן צי איר לעבט אויף דער וועלט, — האָט אים קאָליאַ אויפגערעגט אַן אָפּשניט געגעבן.

דאָס יונגל האָט זיך אָנגעצונדן, נאָר נישט געוואָגט אָפּצו־
ענטפערן. און דערווייל זיינען זיך אַלע פּאַמעלעך געגאַנגען אויף
דער סטעזשקע, און סמוראָוו האָט פּלוצלינג אויסגעשריגן:

— אָט איז אילושעס שטיין, ווו מען האָט אים געוואָלט באַ־
האַלטן.

שווייגנדיק האָבן זיך אַלע אָפּגעשטעלט באַם גרויסן שטיין.

אַליאָשאַ האָט אַ קוק געטון, און פּלוצלינג האָט זיך אים פאַר־
געשטעלט דאָס בילד, וואָס סנעגיראָוו האָט אים אַמאָל דערציילט:
ווי אילושעטשקאַ נעמט אַרום זיין פאָטער און שרייט צו אים וויי־
נענדיק:

„טאַטעלע, טאַטעלע, ווי ער האָט דאָס דיך דאַמאָלס דערני־
דעריקט".

אין זיין האַרץ האָט עפּעס אויפגעוואַכט. ערנסט און רויק
האָט ער באַטראַכט אָט די אַלע ליבע, ליכטיקע פּנימער פון די
שילער, אילושעס חברים, און האָט פּלוצלינג אַ זאָג געטון צו זיי:

— קינדער, איך וואָלט אייך געוואָלט דאָ, אויף דעם אָרט,
זאָגן אַ פּאָר ווערטער.

די יונגלעך האָבן אים אַרומגעריגלט און זייערע אויפמערקזאַם־
וואַרטנדיקע בליקן געווענדט צו אים.

— קינדער, מיר וועלן זיך גיך צעשיידן. איך בין נאָך דער־
ווייל פאַרנומען מיט מיינע צוויי ברידער, פון וועלכע איינער ווערט
פאַרשיקט און דער אַנדערער ליגט אויפן טויטן בעט. נאָר אינגיכן
וועל איך פאַרלאָזן אונדזער שטאָט און, קען זיין, שוין אויף זייער
אַ לאַנגער צייט. איז אָט צעשיידן מיר זיך, קינדער, נאָר לאָמיר
דאָ, באַ אילושעס שטיין, נעמען אויף זיך קיינמאָל נישט צו פאַר־
געסן: ערשטנס — אילושעטשקען, און צווייטנס, איינער דעם אַנ־
דערן. און וואָס עס זאָל זיך דאָרט נישט טרעפן שפּעטער אין לעבן
מיט אונדז, אפילו ווען מיר וועלן זיך אַ יאָר צוואַנציק נישט באַ־

געגנגען, — פונדעסטוועגן לאָמיר געדענקען די לוויה פון דעם אומגליקלעכן יונגל, וואָס מען האָט אים פריער מיט שטיינער פאַרוואָרפן, איר געדענקט דאָרט, באַם בריקל? — און שפּעטער האָבן מיר אים אַלע אַזוי ליב באַקומען. ער איז געווען אַ ווויל יונגל, אַ גוט און אַ דרייסט יונגל, ער האָט געפילט דעם פאָטערס ביטערע באַליידיקונג, און ער האָט געקעמפט פאַר דעם פאָטערס כבוד. איז לאָמיר, ערשטנס, דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס געדענקען אים, קינדער! זאָלן מיר אפילו זיין פאַרנומען מיט די וויכטיקסטע ענינים, זאָלן מיר זיין באַרימט, אָדער האָבן די גוואַלטיקסטע צרות, — אַלץ איינס, פאַרגעסט נישט קיינמאָל, ווי אונדז איז דאָ, אַלע אינאיינעם, אַזוי גוט געווען, ווי עס האָט אַלע פאַראייניגט אַזאַ גוט און טיף געפיל, וואָס האָט אונדז אַליין, אפשר, אין דער צייט פון אונדזער ליבע צום אָרימען יונגל, אַ סך בעסער געמאַכט, ווי מיר זיינען אין אמתן געווען.

טייבעלעך מיינע, — אַזוי וועל איך אייך רופן — טייבעלעך, וואָרים אַצינד, אין דער מינוט, ווען איך קוק אויף אייערע גוטע און ליבע פּנימער, זעענט איר אַלע ענלעך צו זיי, צו די שיינענקע, קלאָרע פייגעלעך. — ליבע קינדערלעך מיינע, איר וועט אפשר נישט פאַרשטיין, וואָס איך וועל אייך זאָגן, ווייל איך רעד אָפט אומפאַרשטענדלעך: נאָר דאָך וועלן אייך בלייבן אין זכרון מיינע ווערטער, און אַמאָל, שפּעטער, וועט איר מיט זיי מסכים זיין. טאָ ווייסט-זשע, אַז פאַר אונדזער ווייטערדיקן לעבן איז די בעסטע, געזונטסטע, שטאַרקסטע און נוצלעכסטע זאַך — אַ גוטע דערינערונג, און איבערהויפּט נאָך אַן דערינערונג, וואָס מיר טראָגן מיט פון די קינדער-יאָרן, פון דעם עלטערן-הויז.

מען רעדט מיט אייך אַ סך וועגן אייער דערציִונג, און אָט אַזאַ שיינע, הייליקע דערינערונג פון די קינדער-יאָרן, איז, קען זיין, די בעסטע דערציִונג טאַקע. און זאָל עמעצער מיט זיך אין לעבן מיטנעמען אַ סך אַזעלכע זכרונות, וועט ער שוין זיין געראַ-

טעוועט אויף זיין גאַנץ לעבן. און אויב אַפילו אין אונדזער נשמה וועט נאָר בלייבן איין גוטע דערינערונג, וועט זי אויך אַמאָל קאָ-נען אונדז ראַטעווען. מיר וועלן אַפילו שפּעטער, קען זיין, ווערן שלעכטע מענטשן, נישט בכוח זיין אָפּצוהאַלטן זיך פון אַ שלעכטן טאַט, פון מענטשלעכע טרערן וועלן מיר אָפּלאַכן, און אפילו די מענטשן, וואָס זאָגן, ווי קאָליאַ האָט אַנומלט אויסגערופן.

„איך וויל זיין אַ קרבן פאַר אַלע!"

אַפילו פון די מענטשן, קען זיין, וועלן מיר אויך בייז אָפּשפּעטן. און דאָך, ווי בייז מיר וועלן נישט זיין, גאָט זאָל אונדז נאָר פון דעם באַהיטן, אַז מיר וועלן זיך דערמאַנען אילושעס לוויה, און ווי אַזוי מיר האָבן אים די לעצטע טעג ליב געהאַט, און ווי מיר האָבן אַצינד, באַ דעם שטיין, אַלע אינאיינעם, אַזוי פריינטלעך גערעדט צווישן זיך, וועט שוין דער ערגסטער מענטש צווישן אונדז, דער גרעסטער אָפּלאַכער, אויב מיר וועלן אפילו ווערן אַזעלכע, טיף אין האַרץ באַ זיך נישט האָבן קיין מוט דאַמאָלס צו לאַכן פון דעם, וואָס ער איז אין דער איצטיקער מינוט געווען אַזאַ גוטער און ווילער!

און נאָך מער!

די דערינערונג וועט אים, קען זיין, אָפּהאַלטן פון זייער אַ שלעכ-טער זאַך, ער וועט זיך באַטראַכטן און וועט זאָגן:

„יאָ, איך בין דאַמאָלס געווען גוט, דרייסט און ערלעך".

זאָל ער שמייכלען דערביי, עס מאַכט נישט אויס, דער מענטש לאַכט אָפט פון גוטע און ווילע זאַכן; דאָס איז נאָר פון לייכט-זיניקייט; נאָר איך פאַרזיכער אייך, קינדער, אַז באַלד נאָכדעם, ווי ער וועט אַ שמייכל טון, וועט ער באַ זיך אין האַרץ אַ טראַכט טון:

„ניין, איך האָב נישט גוט געטון, וואָס איך האָב געשמייכלט, ווייל, פון דעם טאָר מען נישט לאַכן!

— דאָס וועט געוויס זיין אַזוי, קאַראַמאַזאָוו, איך פאַרשטיי- איך, קאַראַמאַזאָוו! — האָט קאָליאַ מיט פינקלענדיקע אויגן אויסגערופן.

די יונגלעך האָבן זיך אויפגעכאַפּט, אויך געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר זיי האָבן זיך איינגעהאַלטן, און אויפמערקזאַם, גערירט געקוקט אויפן רעדנער.

דאָס זאָג איך אויף דעם פאַל, אַז טאָמער וועלן מיר ווערן שלעכטע, — האָט אַליאָשאַ ווייטער גערעדט, — נאָר פאַרוואָס זאָלן מיר ווערן שלעכטע, נישט אמת, קינדער? לאָמיר, ערשטנס און פריִער פאַר אַלץ, זיין גוטע, שפּעטער ערלעכע, און שפּעטער — לאָמיר קיינמאָל נישט פאַרגעסן איינער דעם אַנדערן. איך חזר דאָס ווידער איבער. און איך, פון מיין זייט, גיב אייך אַ וואָרט, אַז קיין איינעם פון אייך וועל איך נישט פאַרגעסן: אַפילו אין דרייסיק יאָר אַרום וועל איך געדענקען יעדעס פּנים, וואָס קוקט אַצינד, אין דער מינוט, אויף מיר.

אָט האָט קאָליאַ אַנומלט געזאָגט קאַרטאַשאָוון, אַז מיר ווילן נישט וויסן „צי ער איז יאָ אָדער נ י ש ט דאָ אויף דער וועלט?“ איז קען איך דען פאַרגעסן, אַז קאַרטאַשאָוו איז דאָ אויף דער וועלט, און אַז אַצינד רויטלט ער זיך שוין נישט אַזוי, ווי דאַמאָלס, בשעת ער האָט אַנטדעקט טראָיאַ, נאָר קוקט אויף מיר מיט זיינע ליבע, גוטע, פריילעכע אייגלעך.

קינדער, ליבע און טייערע מיינע, לאָמיר אַלע זיין גרויסמוטיק און דרייסט, ווי אילושעטשקאַ, קלוג, דרייסט און גרויסמוטיק, ווי קאָליאַ (נאָר וועלכער וועט ווערן אַ סך קלוגער, ווען ער וועט אונטערוואַקסן), און לאָמיר זיין אַזוי שעמעוודיק, נאָר אַזעלכע קלוגעטשקע און ווילע, ווי קאַרטאַשאָוו.

אָבער וואָס רעד איך וועגן זיי ביידע!

קינדער, איר זענט פון אַצינד אָן מיר ליב, אייך אַלע נעם

איך אַריין אין מיין האַרץ און איך בעט אייך, מיך אויך אריינצו-נעמען אין אייער האַרץ! נו, און ווער האָט אונדז פאַרייניקט מיט דעם דאָזיקן גוטן, טיפן געפיל, אָן וועלכן מיר וועלן שוין תמיד אונדזער גאַנץ לעבן, זיך דערמאָנען, ווער, אַז נישט אילושעטשקאַ, דאָס גוטע יונגל, דאָס ליבע יונגל, אויף אייביק אונדז טייערע יונגל!

טאָ לאָמיר-זשע אים קיינמאָל נישט פאַרגעסן און זאָל זיין אָנדענק בלייבן אויף אייביק אין אונדזערע הערצער. ערע זיין אָנ-דענקען!

— יאָ, יאָ, ערע זיין אָנדענקען, ערע זיין אָנדענקען, — האָבן אַלע יונגלעך מיט זייערע קלינגענדיקע שטימעלעך אויסגערופן.

זיי זיינען געווען שטאַרק גערירט.

— לאָמיר געדענקען זיין פּנים, און זיין קליידונג, און זיי-נע אָרימע שטיוועלעך, און זיין טרומנע, און דעם אומגליקלעך-זינדיקן פאָטער זיינעם און וועגן דעם, ווי דרייסט ער האָט גע-קעמפט פאַר אים מיט דער גאַנצער קלאַס!

— מיר וועלן, מיר וועלן געדענקען! — האָבן די יונגלעך אויסגעשריגן, ער איז געווען אַ דרייסטער, ער איז געווען אַ גוטער!

— אַך, ווי איך האָב אים ליב געהאַט! — האָט קאָליאַ אויסגערופן.

— אַך, קינדערלעך, אַך, ליבע פריינט, שרעקט זיך נישט פאַרן לעבן! ווי שיין איז דאָס לעבן, ווען מען טוט אָפּ אַ גוטע און אמתע זאַך!

— יאָ, יאָ, — האָבן די יונגלעך באַגייסטערט איבערגעחזרט.

— קאַראַמאַזאָוו! מיר האָבן אייך ליב! — האָט זיך איינער קאַרטאַשאָוו, דאַכט זיך, נישט געקענט איינהאַלטן.

— מיר האָבן אייך ליב, מיר האָבן אייך ליב, — האָבן

שוין אַלע אונטערגעכאַפּט און באַ אַ סך פון זיי זײַנען די אויג באַטרערט געווען.

— הורא קאַראַמאַזאָוו! — האָט קאָליאַ באַגייסטערט אויסגערופן.

— און אייביקער אָנדענק — דעם פאַרשטאָרבענעם יונגל!

— אייביקער אָנדענק! — האָבן אַלע יונגלעך ווידער אונטערגעכאַפּט.

— קאַראַמאַזאָוו! — האָט קאָליאַ אַ געשריי געטון, — איז אמת דאָס, וואָס די רעליגיע זאָגט, אַז מיר וועלן אויפשטיין תחית־המתים, און מיר וועלן לעבעדיק ווערן, און מיר וועלן זיך זען איינער מיטן צווייטן, מיט אַלעמען, מיט אילושעטשקען אויך?

— אומבאַדינגט וועט זיין תחית־המתים, אומבדינגט וועלן מיר זיך זען און איינער דעם אַנדערן פריילעך, פריידיק דערציילן אַלץ, וואָס עס איז געווען, — האָט אַליאָשאַ האַלב אין שפּאַס און האַלב אין התפעלות געענטפערט.

— אַך, ווי דאָס וועט גוט זיין! — האָט זיך באַ קאָליען אַרויסגעריסן.

— נו, און אַצינד לאָמיר ענדיקן דעם שמועס און לאָמיר גיין אויף דער הזכרה. בעמט זיך נישט צום הארץ, וואָס מען וועט עסן לאַטקעס. דאָס איז דאָך אַן אַלטע, אייביקע זאַך און עס איז דאָ אין דעם אַ גוטע זייט. נו קומט־זשע און אָט אַצינד גייען מיר טאַקע האַנט־באַ־האַנט.

— און אייביק אַזוי, דאָס גאַנצע לעבן האַנט באַ האַנט! הורא קאַראַמאַזאָוו! — האָט קאָליאַ נאָכאַמאָל באַגייסטערט אויסגערופן און נאָכאַמאָל האָבן אַלע יונגלעך זיין אויסרוף אונטערגעכאַפּט.

אין אַ פּריצישן פּענסיאָן.

יעדער צוויי אָדער אפילו דריי רגעס האָט זיך דערהערט אַ פעסטער און אַנטנשלאָסענער קלונג פון אַ גלאָק, אָבער דער קלונג איז געווען נישט קיין הילכיקער, נאָר אַן אָנגענעמער און פליסיקער און איך האָב פלוצלינג דערקענט, אַז דאָס איז דאָך — אַ באַקאַנטער קלונג, אַז מען קלינגט באַ ניקאָלייען, אין דעם רויטן קלויסטער, וואָס איז אַקעגן אונדזער פּענסיאָן, אין דעם אַלטן מאָסקווער קלויסטער, וואָס איך געדענק אים אַזוי גוט, מיט אַ סך שפּיצן, מיט אַ סך גע־מעלן, מיט אַ סך גלאָקן, געבויט נאָך אין דער צייט פון קיסר אלעק־סעי מיכאַילאָוויטש, — אַז אַצינד איז ערשט נאָך פסח און אין סעדל, וואָס איז לעבן טושאַרס הויז, ציטערן שוין אויך די מאָ־גערע בעריאָזקעלעך ניי־געבוירענע גרינענקע בלעטעלעך.

אונדזער לערן־צימער איז אינגאַנצן באַגאָסן מיט די קרומע שטראַלן פון דער גרעלער פאַרנאַכטיקער זון און באַ מיר, אין מיין קליינעם חדרל לינקס, ווי איך ווין שוין העכער אַ יאָר אָפּגעזונ־דערט פון די „פירשטלעכע און מיניסטאָרישע קינדער“ (טישאַר אַליין האָט מיך אָפּגעזונדערט), זיצט אַ גאַסט. יאָ, צו מיר איז פלוצ־לינג אַראָפּגעקומען אַ גאַסט — דאָס ערשטע מאָל אין פאַרלויף פון דער גאַנצער צייט, וואָס איך בין באַ טושאַרן.

איך האָב דעם גאַסט באַלד דערקענט, ווי באַר ער איז אַריינ־געקומען:

דאָס איז געווען די מאַמע.

איך האָב מיך אויפגעצויגן אין אַ פרעמדער שטוב, און איך האָב זי שוין גישט געזען פון זינט זי איז געווען מיט מיר אין דאָרפישן קלויסטער, וווּ איך האָב מיך מתוודה געווען און וווּ אַ טייבעלע איז בשעת מעשה דורכגעפלויגן איבער אונדזערע קעפּ. מיר זיינען געזעסן אין צווייען און איך האָב זיך מאָדנע צוגעקוקט צו איר. שפּעטער שוין, מיט אַ סך יאָרן שפּעטער, האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זי איז, מיט אירע נישטיקע מיטלען, ספּעציעל געקומען צופאָרן קיין מאָסקווע זיך זען מיט מיר.

זי איז געזעסן לעבן מיר, און איך געדענק, איך האָב זיך געוווּנדערט, פאַרוואָס זי רעדט דאָס אַזוי ווייניק. זי האָט געבראַכט מיט זיך אַ פּעקעלע און דאָס באַלד פונאַנדערגעבונדן: דאָרט זיינען געלעגן זעקס פּאָמעראַנצן, עטלעכע לעקעכלעך און צוויי געוויינטלעכע פראַנצויזישע ברויטן. די פראַנצויזישע ברויטן האָבן מיך באַליידיקט, און מיט אַ פאַרקלעמט געמיט האָב איך איר אַ זאָג געטון, אַז דאָס „עסן” איז דאָ זייער אַ גוטס און אַז אַלע טאָג צו דער טיי גיט מען יעדן באַזונדער פון אונדז אַ גאַנצע פראַנצויזישע בולקע.

— אַלץ איינס, ליבער, איך בין דאָך אַ פּראָסט מענטש, האָב איך זיך געטראַכט:

„אפשר גוט מען זיי שלעכט צו עסן אין זייער שול דאָרטן”, — האָב נישט קיין פאַריבל, טייערער.

— און אַנטאָנינאַ וולאַסיעווונאַ (טושאַרס ווייב) וועט זיך אויך באַליידיקן. די חברים וועלן פון מיר לאַכן...

— ווילסטו דאָס נישט נעמען? און אפשר, אפשר וועסטו דאָס אויפעסן?

— מילא, לאָזט איבער...

און צו די מתנות האָב איך זיך אַפילו נישט צוגערירט; די פּאָמעראַנצן און לעקעכלעך זיינען געלעגן אויפן טישל לעבן מיר, און איך בין זיך געזעסן מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן, נאָר גרויס באַ זיך און פול מיט זעלבסט־ווירדע. ווער ווייסט, אפשר האָט זיך מיר אויך געגלוסט נישט צו באַהאַלטן פון איר, אַז דאָס, וואָס זי, אַזאַ אָרימע, איז געקומען צו מיר, פאַרשעמט מיך אַפילו פאַר די חברים: אַ ביסעלע כאָטש באַווייזן איר דאָס, זי זאָל פאַרשטיין:

„אָט, הייסט דאָס, מאַכסט מיך צו שאַנד, און אַליין פאַרשטייסטו עס אַפילו נישט". איך האָב מיר אויך פאָרגעשטעלט, ווי־פיל עס וועט מיר אויסקומען, ווי נאָר זי וועט אַוועקגיין, איבער־צוטראָגן שטעכווערטלעך פון דער חברה יונגלעך און, קען זיין, פון טושאַרן אַליין, — און אין מיין האַרץ איז נישט געווען קיין שום גוט געפיל צו איר.

איך האָב באַטראַכט פון דער זייט איר אַלטענקע, טונקעלע קלייד, אירע פאַרהאַרטעוועטע כמעט אַרבעטס־הענט, אירע אינ־גאַנצן שוין פשוטע שיך, איר שטאַרק אויסגעדאַרט פנים; איר שטערן האָבן שוין דורכגעשניטן קנייטשן, הגם אַנטאָנינאַ וואַסי־לעוונאַ האָט שפּעטער, נאָך איר אַוועקגיין, פאַרנאַכט שוין, גע־זאָגט צו מיר:

„אייער מוטער איז, ווייזט אויס, געווען אַמאָל גאָרנישט קיין מיאוסע".

אַזוי זיינען מיר זיך געזעסן, און פּלוצלינג האָט אַגאַפיאַ אַריינגעבראַכט אַ טעצל מיט אַ גלאָז קאַווע. עס איז געווען נאָך מיטאָגס־צייט, און די טושאַרן האָבן תמיד אין דער שעה געטרונ־קען קאַווע באַ זיך אין גאַסט־צימער. אָבער די מאַמע האָט נאָר באַדאַנקט און נישט גענומען דאָס גלאָז: שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אַז קאַווע פּלעגט באַ איר אַרויסרופן אַ האַרץ־קלאַפּעניש

און דערפאַר פלעגט זי דאַמאָלס אינגאַנצן קיין קאַווע נישט טרינ־
קען. און די הויפּטזאַך איז, וואָס דאָס צוגעשיקטע גלאָז קאַווע פאַר
דער מאַמען איז געווען, אַזוי צו זאָגן, אַ הומאַנישער טאַט, וואָס
האָט פאַרהעלטנישמעסיק בולט אַרויסגעוויזן זייערע ציוויליזירטע
געפילן און אייראָפּעישן פאַרשטאַנד. און צוליב דעם האָט נאָך
די מאַמע להכעיס זיך אָפּגעזאָגט.

מען האָט מיך אַריינגערופן צו טושאַרן, און ער האָט מיך
געהייסן נעמען אַלע מיינע העפטן און ביכער און ווייזן דער מאַמען:

„זי זאָל זען, וואָס איר האָט דערוואָרבן אין מיין אַנ־
שטאַלט".

דאָ האָט אַנטאָנינאַ וולאַסיעוונאַ פון איר זייט פאַרשנאָרעוועט
אירע ליפּעלעך און מיט אַ באַליידיקטן אויסזען שפּאָטיש אויסגעצויגן:

— אייער מוטער איז, דאַכט זיך, נישט געפעלן געוואָרן אונ־
דזער קאַווע.

איך האָב גענומען מיינע העפטן און אַוועקגעטראָגן זיי צו
דער מאַמען פאַרביי דעם לערן־צימער, ווו עס האָבן זיך צונויפגע־
קליבן די „פירשטלעכע און מיניסטאָרישע קינדער", כדי נאָכצו־
קוקן מיר מיט דער מאַמען. און אָט איז מיר אַפילו געפעלן גע־
וואָרן פינקטלעך אויסצופירן טושאַרס באַפעל.

— אָט זיינען — לעקציעס פון פראַנצויזישער גראַמאַטיק, דאָס
זיינען — דיקטאַט־איבונגען, אָט דאָס זיינען דעקלינירונגען פון די
געהילפס־צייט־ווערטער avoir און etre, אָט דאָס זיינען געאָגראַ־
פיע־העפטן, די באַשרייבונג פון די הויפּט־שטעט אין אייראָפּאַ און
פון אַלע וועלט־טיילן און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער...

לייטיש אַראָפּגעלאָזט די אייגעלעך, האָב איך, אין משך פון
אַ האַלבער שעה אָדער נאָך מער, איר דאָס אַלץ דערקלערט, גע־
רעדט געלאַסן, מיט אַ קליין שטימעלע. איך האָב געוווסט, אַז די
מאַמע פאַרשטייט גאָרנישט אין וויסנשאַפט און אַז זי קען אַפילו,

אפשר, נישט שרייבן, נאָר דאָ גראָד איז מיין אויפטו מיר געפעלן געוואָרן.

מיר האָט זיך אָבער נישט איינגעגעבן זי מיד צו מאכן:

— זי האָט מיר נישט איבערגעריסן און שטאַרק אויפמערקזאַם, אפילו מיט יראת הכבוד אַלץ געהערט, ביז וואַנען מיר איז אַליין, ענדלעך, שוין נמאס געוואָרן, און איך האָב אויפגעהערט; איר בליק, אָבער, איז געווען אַ טרויעריקער און איר פּנים האָט געהאַט עפּעס אַ נעבעכדיקן אויסדרוק.

סוף-כּל-סוף האָט זי זיך גענומען קלויבן אַוועקצוגיין; פּלוצלינג איז אַריין טושאַר אַליין און מיט אַ נאַריש-אָנגעבלאָזענעם אויסזען האָט ער זי געפרעגט:

„צי זי איז צופרידן מיטן זונס לערנען?".

די מאַמע האָט אָנגעהויבן נישט דייטלעך שטאַמלען, דאַנקען אים; עס איז צוגעקומען אַנטאָנינאַ וואַסיליעוונאַ.

די מאַמע האָט גענומען בעטן זיי ביידע:

— פאַרלאָזט נישט דאָס יתומל, וואָרים ער איז אַצינד אַלץ איינס, ווי אַ יתומל, ווייזט אַרויס אייער גרויסן גנאָד...

און מיט טרערן אין די אויגן האָט זי זיך געבייגט פאַר זיי ביידע, פאַר יעדן באַזונדער, פאַר יעדן ביז דער ערד, אָט אַזוי טאַקע, ווי עס בייגן זיך מענטשן „פון פּראָסטן גראַד", אַז זיי קומען צו די גרויסע לייט באַ זיי עפּעס פּועלן.

די טושאַרן האָבן דאָס אפילו נישט דערוואַרט, און אַנטאָנינאַ וואַסיליעוונאַ איז קענטיק ווייכער געוואָרן, און שוין, פאַרשטייט זיך, איבערגעביטן איר מיינונג וועגן דעם גלאָז קאַווע. טושאַר האָט מיט אַן איבערגעטריבענער ערנסקייט הומאַניש אָפּגעענטפערט, אַז ער „מאַכט נישט קיין אונטערשיד צווישן די קינדער, אַז אַלע זיינען דאָ — זיינע קינדער, און ער — זייער פאָטער, אַז ער האַלט מיך כּמעט גלייך מיט די מיניסטאָרישע און פירשטלעכע קינדער

און אַז דאָס דאַרף מען קענען שאַצן״, און אַזוי ווייטער און אַזוי ווייטער.

די מאַמע האָט זיך נאָר געניײגט און, אגב, זיך שלעכט גע־פילט; ענדלעך, האָט זי זיך געווענדט צו מיר און מיט טרערן, וואָס האָבן אַ בלישטש געטון אין אירע אויגן, האָט זי אַ זאָג געטון: „זײַ געזונט, ליבער!״

און זי האָט מיר אַ קוש געטון, דאָס הייסט, איך האָב איר דערלויבט מיר אַ קוש צו טון. זי האָט אָפּנים געוואָלט מיר נאָכ־אַמאָל אַ קוש טון, אַרומנעמען מיך, צודריקן צו זיך; צי עס איז איר געווען אַ חרפה פאַר די מענטשן, צי עס איז איר געווען ביטער פון עפּעס אַן אַנדער געפיל, אָדער זי האָט זיך אָנגעשטויסן, אַז איך שעם מיך מיט איר, נאָר זי האָט זיך נאָכאַמאָל פאַרנייגט און גיך גענומען אַרויסגיין.

איך בין געשטאַנען.

— אָבער באַלייט אַרויס אייער מוטער, — האָט אַנטאָנינאַ וואַסילעווונאַ געזאָגט אויף פראַנצויזיש: — ער האָט גאָר קיין האַרץ נישט, אָט דאָס קינד!

טושאַר האָט, אָנשטאָט צו ענטפערן, נאָר אַ מאַך געטון מיט די פּלייצעס, וואָס עס האָט, פאַרשטייט זיך, געדאַרפט באַדייטן: „נישט אומזיסט, הייסט דאָס, באַגיי איך זיך מיט אים, ווי מיט אַ משרת״.

איך בין געהאַרכזאַם נאָכגעגאַנגען נאָך דער מאַמען; מיר זיינען אַרויס אויפן גאַניק. איך האָב געוווסט, אַז זיי אַלע קוקן דאָרט אַרויס פון דעם פענסטער. די מאַמע האָט זיך געווענדט צום קלויס־טער און דריי מאָל זיך איבערגעצלמט, די ליפן אירע האָבן געצי־טערט. פון שפּיץ־קלויסטער אַראָפּ האָט געדיכט און צעפלאָסן געהוי־דזשעט אַ גלאָק.

זי האָט זיך אויסגעדרייט צו מיר און — נישט אויסגעהאַלטן,

ביידע הענט אַרויפגעלייגט אויף מיין קאָפּ און זיך צעוויינט.

— מאַמעניו, הערט אויף... אַ בזיון... זיי זען דאָך אַלץ דורכן פענסטער...

זי האָט זיך אַ כאַפּ געטון און אָנגעהויבן איילן.

— נו, גאָט... נו, גאָט איז מיט דיר... נו זאָלן דיך באַהיטן און באַשיצן אַלע גוטע מלאכים... גאָט, מיין גאָט! — האָט זי איילנדיק געגרעדט און אַלץ געצלמט מיך: — האַרציקער דו מיינער, ליבער דו מיינער! אָבער וואַרט, ליבער...

זי האָט איילנדיק אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע, אַרויסגענומען פון דאָרט אַ נאָז-טיכעלע, אַ בלויענקע נאָז-טיכעלע אין קראַטן מיט אַ שטייף פאַרצויגן קניפּל אין עק, און האָט אָנגעהויבן אויפבינדן דאָס קניפּל... נאָר עס האָט זיך ניט צעבונדן...

— נו, אַלץ איינס, נעם דאָס טיכל אויך: אַ ריינענקע, עס וועט דיר, קען זיין, צוניץ קומען, דאָ ליגן פיר פערציקער, זיי וועלן דיר, קען זיין, צוניץ קומען, זיי מיר מוחל, ליבער, איך האָב גראָד אַליין ניט מער... זיי מיר מוחל, ליבער.

איך האָב צוגענומען דאָס טיכעלע, געוואָלט אפילו באַמערקן, אַז אונדז איז „באַם הער טושאַר און אַנטאָנינאַ וואַסילעווגאַ זייער גוט און מיר נייטיקן זיך אין גאָרנישט", נאָר איך האָב זיך איינגעהאַלטן און גענומען דאָס טיכעלע.

ענדלעך איז זי אַוועק. די פּאָמעראַנצן מיט די לעקעכלעך האָבן די פירשטלעכע און מיניסטאָרישע קינדער באַוויזן אויפצועסן נאָך ביז מיין אַריינקומען צוריק, און די פיר פערציקער האָט באַ מיר צוגענומען טאָקע באַלד אַ חבר, מיטן נאָמען לאַמבערט, אויך ניט פון „פּראָסטן גראַד"; פאַר דעם געלט האָבן זיי זיך אָנגעקויפט נאַשערייען און מיך אפילו ניט מכבד געווען מיט זיי.

עס איז אַריבער אַ האַלב יאָר, און עס איז שוין אָנגעקומען דער ווינטיקער און טריבער אָקטאָבער. איך האָב שוין געהאַט די-

מאַמע אײַנגאַנצן פאַרגעסן. און אָט האָב איך איינמאָל אין אַן אומעטיקן בין־השמשות צוליב עפּעס וואָס געטומען איבערלייגן מיין שופּלאָד און פלוצלינג אין אַ ווינקעלע דערזען אַ דינענקע, בלויענקע באָז־טיכעלע; עס איז זיך דאָרט אַזוי געלעגן, פון זינט איך האָב עס אַהין אַריינגעוואָרפן. איך האָב דאָס טיכעלע אַרויסגענומען און בייגעריק עס אַרומגעקוקט; דער עק האָט נאָך געהאַט אַ סימן פון דעם געוועזענעם קניפּל און אַפילו אַ דייטלעכן, קיילעכדיקן צייכן פון אַ מטבע; איך האָב דאָס טיכעלע, אַגב, צוריק אויפן אָרט אַוועקגעלייגט און פאַרוקט דאָס שופלאָד. עס איז געווען ערב יום־טוב, און דער גלאָק האָט שוין גערופן צו דער נאַכטיקער תפילה. די שילער זיינען שוין באַלד נאָך מיטאָג זיך צעפאָרן אין זייערע היימען, נאָר דאָס מאָל איז לאַמבערט איבערגעבליבן, איך ווייס נישט פאַרוואָס מען האָט נאָך אים נישט צוגעשיקט. הגם ער האָט נאָך אַלץ נישט אויפגעהערט מיך צו שלאָגן, נאָר פונדעסטוועגן האָט ער זיך שוין געטיילט מיט מיר און זיך געבייטיקט אין מיר. אַ גאַנצן אויפדערנאַכט האָבן מיר געשמועסט וועגן לעפּאַזשעווסקער רעוואָלווערן, וואָס נישט איך און נישט ער האָבן זיי קיינמאָל פאַר די אויגן נישט געזען, וועגן טשערקעסישע שווערדן און וועגן דעם, ווי זיי שניידן, וועגן דעם, ווי עס וואָלט גוט געווען צו שאַפן אַ מחנה גזלנים.

צען אַ זייגער האָבן מיר זיך געלייגט שלאָפן. איך האָב מיך איינגעוויקלט מיט דער קאָלדרע איבערן קאָפּ און אָפּגעשלעפּט פון אונטערן קישן אַ בלויענקע טיכעלע: צוריק מיט אַ שעה האָב איך עס צוליב עפּעס נאָכאַמאָל אַרויסגענומען פון שופלאָד, און ווי נאָר מען האָט אונדז געבעט, האָב איך עס באַהאַלטן אונטערן קישן.

איך האָב עס באַלד צוגעדריקט צו מיין פּנים און פלוצלינג אָנגעהויבן עס קושן: „מאַמע, מאַמע", האָב איך געמורמלט, דערמאַנט זיך, און עס האָט מיר שטאַרק דאָס האַרץ פאַרקלעמט. איך

האָב פאַרמאַכט די אויגן אין דערזען איר פנים מיט די ציטערנדי־
קע ליפּן, ווי זי האָט זיך דאָס דאַמאָלס געצלמט אַקעגן קלויסטער,
ווי זי האָט שפּעטער מיך געצלמט, און ווי איך האָב גערעדט צו
איר: „אַ בזיון, מען זעט". „מאַמעלע, מאַמע, וווּ ביסטו אַצינד, ווי־
טער גאַסט דו מיינער? געדענקסטו אַצינד דיין אָרים יונגל, צו וועלכן
דו ביסט געקומען... קום צו מיר אַצינד כאָטש איין מאָל, באַוויי
דיך מיר זאָל זיין אפילו אין חלום, איך זאָל נאָר קענען דיר זאָגן,
ווי ליב איך האָב דיך, איך זאָל נאָר קענען דיך אַרומנעמען און
אַ קוש טון דיינע בלויענקע אייגעלעך, זאָגן דיר, אַז אַצינד שעם
איך זיך שוין אינגאַנצן נישט מיט דיר, און אַז איך האָב דיך דאַ־
מאָלס אויך ליב געהאַט, און אַז מיין האַרץ האָט מיר דאַמאָלס גע־
נעבאָגט, און איך בין נאָר געווען, ווי אַ נישטיקער. דו וועסט דיך
נישט דערוויסן, מאַמע, קיינמאָל נישט, ווי איך האָב דיך דאַמאָלס
ליב געהאַט! מאַמעלע, וווּ ביסטו אַצינד? הערסטו מיך? מאַמע, מאַ־
מע, און דאָס טייבעלע אין דאָרף געדענקסטו?...

זומער-צייט אין תפיסה.

(כתבים פון אַ פאַרשיקטן).

אָט איז שוין אָנהייב אַפּריל, אָט באַלד איז שוין פסח אויך. ביסלעכווייז הייבט זיך שוין אָן די זומער-אַרבעט. מיט יעדן טאָג ווערט די זון אַלץ וואַרעמער און גרעלער; אין דער לופט שמעקט מיט פרילינג, און דאָס ווירקט אויפרעגנדיק אויפן קערפּער. די קומענדיקע וואַרעמע טעג וועקן אויף אויך דעם איינגעשמידטן מענטש, אויך אין אים רופן זיי אַרויס עפּעס שטרעבונגען, אַ חשק צו עפּעס, אַ בענקעניש. און אונטער אַ גרעלן שטראַל פון דער זון גליסט זיך, דאַכט זיך, נאָך שטאַרקער, איידער אין אַ טריבן ווינטער, צי הערבסט-טאָג, צו זיין אויף דער פריי, און דאָס לאָזט זיך באַמערקן אויף אַלע אַרעסטאַנטן. זיי זען דאָך אויס צו זיין צופרידן מיט די ליכטיקע טעג, אָבער צוזאַמען מיט דעם שטאַרקט זיך אין זיי עפּעס אַן אומגעדולד, אַן אומרו. און באמת, איך האָב באַמערקט, אַז פרילינגס-צייט פלעגן עפטער פאָרקומען באַ אונדז אין תפיסה קריגערייען. עפטער האָט זיך געהערט אַ רעש, אַ געשריי, אַ טומל, געמאַכט זיך פאַרשידענע מעשיות.

און צוזאַמען מיט דעם פלעגט זיך טרעפן, אַז ערגעץ בשעת דער אַרבעט כאַפּסטו-אויף עמעצענס אַ פאַרקלערטן, פאַרשטאַרטן

בליק אין דער בלויער ווייט אריין, ערגעץ אהין, אויפן אנדערן ברעג פון דעם טייך אירטיש, ווו עס שפרייט זיך אויס אומענדלעך־ברייט, אויף אנדערהאלבן טויזנט וויארסט, די פרייע קירגיזישע סטעפ: כאפסט אויף עמעצענס א טיפן קרעכץ, א קרעכץ פון דער פולער ברוסט, און עס דאכט זיך, אז די ווייטע, פרייע לופט ציט דאס דעם מענטש אן עטעם צו טון מיט איר, גרינגער צו מאכן מיט איר דיין צוגעדריקטע איינגעשמידטע נשמה.

— עכמא! — זאגט ענדלעך דער פארשיקטער, און פלוצלינג, פונקט ווי ער וואלט אפגעטרייסלט פון זיך די פארחלומטקייט און טרוימען, כאפט ער זיך בייז און האס־טיק צום גראב־אייזן אדער צו די ציגל, וואס מען דארף זיי אי־בערשלעפן פון איין ארט אויפן צווייטן. און אין א מינוט ארום פארגעסט ער שוין זיין פריערדיקן מצב, הייבט שוין אן צו לאכן אדער זידלען זיך, יעדער נאך זיין שטייגער נאך; אדער ער כאפט זיך גאר פלוצלינג מיט אן אויסערגעוויינטלעכער, גארנישט מעסיקער היץ צו דער ארבעט, וואס מען האט אים פארגעבן אפ־צוטון, הייבט אן ארבעטן, — ארבעטן מיט אלע כוחות, פונקט ווי מיט דער משא פון דער ארבעט וואלט ער געוואלט דערשטיקן אין זיך עפעס, וואס דריקט, וואס שפארט ארויס פון אינעווייניק.

און דאס אלץ איז א קרעפטיקער עולם, מערסטנטיילס אין די בליענדיקע יארן, באַ די בליענדיקע כוחות...

שווער זיינען די קייטן אין דער צייט! איך־פּאַטיזיר נישט אין דער מינוט, איך בין זיכער, אז די אלע מיינע ווערטער זיינען אמתע. א חוץ דעם, וואס אין דער ווארעם, אונטער דער העלער זון, בשעת דו הערסט און פילסט מיטן גאנצן הארץ, מיט דער גאנצער נשמה, ווי ארום דיר וואכט מיט א גוואלטיקן כוח אויף די נאטור, און עס ווערט דיר בשעת מעשה נאך שווערער די תפיסה, די וואך, דער פרעמדער ווילן, — א חוץ דעם, הייבט זיך אן אין

אָט דער צייט פון פריילינג, מיטן ערשטן פריילינגס־פויגל, דאָס אַרומוואַנדערן איבער סיביר און איבער גאַנץ רוסלאַנד: לויפן גאַטס באַשעפעניש פון דער תפיסה אַוועק אין דער טיפקייט פון די וועלדער, וואַנדערן זיי אין דער פולער פרייקייט, ווו עס גלוסט זיך זיי נאָר, ווו עס איז שענער און גרוימער, עסן זיי און טרינקען, וואָס עס מאַכט זיך, וואָס גאָט שיקט צו, און באַנאַכט שלאָפן זיי רויק איין ערגעץ אין וואַלד, אויפן פעלד, שלאָפן ווי וואַלד־פייגל, אונטער גאָטס אויג, אָן יסורים, אָן תפיסה־אומעט, און אויף באַכט געזעגענען זיי זיך נאָר מיט די שטערן פון הימל.

דער פריילינג האָט מיך אויך נישט אויסגעמיטן מיט זיין ווירקונג. איך געדענק, אַז איך פלעג צופאַלן מיטן קאָפּ צו אונדזער פלויט, שטיין לאַנג און גיריק קוקן דורך די ברעטער־שפּאַלטן, עקשנותדיק און דורשטיק איינקוקן זיך, ווי עס גרינט דאָס גראָז אויף אונדזער פעסטונג־בערגל, ווי די בלויע ווייטקייט פון הימל ווערט אַלץ געדיכטער און געדיכטער. מיין אומרו, מיין בענקשאַפט זיינען פון טאָג צו טאָג געוואָרן גרעסער, און אַלץ שווערער און שווערער איז מיר געוואָרן די תפיסה. און די שנאה, וואָס איז מיר, אַלס איינעם פון די אַדל־לייט אָן אויפהער אויסגעקומען איבערצוטראָגן אין משך פון די ערשטע יאָרן מצד די פּאַרשיקטע, איז געוועזן אומדערטרעגלעך, האָט פאַרסמט מיין גאַנץ לעבן.

— איר — אייזערנע נעזער, איר האָט אונדז אומגליקלעך געמאַכט! — האָבן די פּאַרשיקטע גערעדט צו אונדז, און איך האָב אַזוי מקנא געווען דעם פּשוטן עולם, וואָס פלעגט אָנקומען אין תפיסה!

צום סוף פון תענית, אויף דער זעקסטער וואָך, דאַכט זיך, איז אויסגעפאַלן מיין רייע אָפּצוריכטן די תפילות. דער עלסטער אָפיציר האָט אונדז צוליב דעם צוועק צעטיילט, לויט דער צאָל וואָכן פון תענית, אויף זיבן טיילן. יעדע טייל איז באַשטאַנען פון

אַ מענטשן דרייסיק. די וואָך פון גיין אין קלויסטער אַריין איז מיר זייער געפעלן געוואָרן. מען האָט אונדז אויף דער צייט באַפרייט פון דער אַרבעט.

דער קלויסטער איז געווען נישט ווייט פון דער תּפיסה, און מיר זיינען געגאַנגען אַהין צוויי דריי מאָל אין טאָג. איך בין שוין לאַנג נישט געווען אין קלויסטער. די תּפילות פון דעם גרויסן תּענית, וואָס איז מיר באַקאַנט געווען פון די קינדער־יאָרן, פון מיין על־טערן־הויז, די פייערלעכקייט פון די תּפילות, — דאָס אַלץ האָט אויפגעוועקט אין מיין נשמה דאָס לאַנג, לאַנג פאַרגעסענע, אויפגעפרישט די איינדריקן פון מיין קינדהייט, און, איך געדענק, עס איז מיר זייער אָנגענעם געווען, בשעת די וואָך, מיט זייערע אָנגעלאָדענע ביקסן, האָט אונדז גאַנץ פרי געפירט אין גאָטס הויז אַריין, איבער דער, אין פאַרלויף פון דער נאַכט, אונטערגעפרוירענער ערד.

אַגב, פלעגט די וואַך נישט אַריינגיין אין קלויסטער.

אין קלויסטער פלעגן מיר זיך ענג צונויפשפאַרן באַ די טירן, אויפן ערגסטן אָרט. איך האָב מיך דערמאַנט, אַז זייענדיק אין קלויסטער אַלס קינד, פלעג איך אַמאָל קוקן אויפן פראָסטן עולם, וואָס האָט זיך געשטופּט באַם אַריינגאַנג און הכנעהדיק אַ וועג געמאַכט פאַר אַ גראָבן הער, פאַר אַן אויסגעפּוצטער, אָבער שטאַרק פרומער, רייכער פרוי, וועלכע האָבן אומבאַדינגט געוואָלט דורכגיין צו די ער־שטע ערטער און זיינען יעדער ווײַלע גרייט געווען זיך צו קריגן איבערן ערשטן אָרט. און מיר האָט זיך דאַמאָלס געדאַכט, אַז דאָרט באַם אַריינגאַנג דאַוונט מען נישט אַזוי ווי מיר, מען דאַוונט שטיל, פלייסיק מיט דעם פולן געפיל פון דער אייגענער דערנידערונג.

אַצינד איז מיר אויך אויסגעקומען צו שטיין אויף די זעל־בע ערטער, אפילו אויף די ערטער אויך נישט: מיר זיינען געווען געשמידטע, פאַרשאָלטענע; מען האָט אונדז אַלע אויסגעווייכט, מען

האָט פאַר אונדז אַלע אַפּילו מורא געהאַט, מען האָט אונדז יעדעס מאָל באַשענקט מיט נדבות, און, איך געדענק, מיר איז דאָס אַפּילו עפּעס אָנגענעם געווען, עפּעס אַ שאַרפער, ספּעציעלער טעם איז געווען אין דעם מאָדנעם פאַרגעניגן.

„זאָל־זשע, אויב אַזוי!" — האָב איך געטראַכט.

נאָר אָט זייַנען איינמאָל געקומען אין קלויסטער אַרייַן אַ מוטער מיט אַ טאָכטער, אַ מיידעלע פון אַ יאָר צען, שיין ווי אַ מלאך.

אַז דאָס מיידעלע האָט מיך דערזען, האָט זי זיך פאַרוויטלט און עפּעס אַ מורמל געטון דער מוטער; יענע האָט זיך באַלד אָפּגעשטעלט, אויסגעזוכט אין קניפּל אַ פערטל קאָפּעקע און זי געגעבן דעם מיידעלע.

„נאַ, אומגליקלעכער, נעם די קאָפּיקע", האָט זי געזאָגט און אַרייַנגעשטופּט אין מיין האַנט די מטבע.

איך האָב גענומען איר קאָפּעקע.

דאָס מיידעלע האָט זיך אומגעקערט צו דער מוטער זייער אַ צופרידענע.

אָט די קאָפּיקע האָב איך בא זיך לאַנג אָפּגעהיטן.

די פאַרשיקטע האָבן הייס מתפלל געווען. יעדערער פון זיי האָט יעדעס מאָל מיט זיך מיטגעבראַנגט זיין קבצנישע קאָפּיקע, געקויפט אַ ליכטל אָדער אַרייַנגעוואָרפן זי אין דער פּושקע.

„איך בין דאָך אויך אַ מענטש", האָט ער, מסתמא, געטראַכט אָדער געפילט דערבייַ; — „פאַר גאָט זייַנען דאָך אַלע גלייך"...

און ווען דער גלח מיטן כּוס אין דער האַנט האָט געלייענט די ווערטער!... „און ווי אַ גזלן נעם מיך אויף", — האָבן זיך כּמעט אַלע, קלינגענדיק מיט די קייטן, אַ וואָרף געטון אויף דער ערד, און, דאַכט זיך, אויפגענומען די ווערטער אויף זייער חשבון.

נאָר אָט איז שוין אָנגעקומען דער פּסח. פון דער תּפיסה־פאַרוואַלטונג איז אונדז צוגעשיקט געוואָרן יעדן באַזונדער איין איי־

און אַ שטיק זיס ווייצן ברויט. די תפיסה איז ווידער איבערפילט געוואָרן מיט צדקה פון דער שטאָט. ווידער איז געקומען דער גלח מיט אַ צלם, ווידער אַ באַזוך פון די משגיחים, ווידער אַ פעטער באָרשטש, ווידער שיכּרות און אַן אַרומדראַלען, — אַלץ פונקט אַזוי, ווי עס איז געווען אין די ווינטערדיקע יום-טובים, מיט דעם אונטערשיד באַר, וואָס אַצינד האָט מען געקענט שפּאַצירן איבערן הויף און וואַרעמען זיך אויף דער זון. עס איז געווען ליכטיקער און גרוי־מער, ווי אין ווינטער, אָבער עפּעס אומעטיקער.

דער לאַנגער, אומענדלעכער זומער-טאָג פלעגט יום-טוב-צייט ווערן גאָר אומדערטרעגלעך. אין דער וואָכן פלעגט כאָטש דעם לאַנגן טאָג די אַרבעט פאַרקירצן.

און אין אמתן האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די זומער-אַרבעט איז אַ סך שווערער פון דער ווינטערדיקער. מען איז מערסטנטיילס פאַרנומען מיט בוי-אַרבעט. די פאַרשיקטע האָבן געבויט, געגראָבן די ערד, געלייגט ציגל; אַנדערע האָבן געאַרבעט באַם פאַריכטן די מלוכה-געביידעס אַלס שלאָסערס, מויערערס און טישלערס, די דריטע זיינען געגאַנגען אין דער פאַבריק מאַכן ציגל.

די לעצטע אַרבעט האָט זיך באַ אונדז גערעכנט פאַר דער שווערסטער.

די ציגל-פאַבריק איז געווען ווייט אַ דריי פיר וויאָרסט פון פעסטונג. אין משך פון דעם גאַנצן זומער פלעגן יעדן טאָג, זעקס אַ זייגער אינדערפרי, זיך אַוועקלאָזן אַ מאַן פופציק פון די פאַרשיקטע אין דער פאַבריק אַריין מאַכן ציגל.

אויף דער אַרבעט האָט מען געשיקט פּראָסטע אַרבעטער, דאָס הייסט אַזעלכע, וואָס זיינען נישט געווען קיין בעל-מלאכות און האָבן נישט געהערט צו קיין שום פאַך.

זיי האָבן מיטגענומען מיט זיך ברויט, ווייל דורכמאַכן אַזאַ ווייטע שטרעקע, דורכגיין איבעריקע אַכט וויאָרסט צוליבן מיטאָג

האָט זיך נישט געלוינט, און זיי פלעגן עסן מיטאָג שוין באַנאַכט, קומענדיק צוריק אין תּפֿיסה אַריין. מיט דער אַרבעט, וואָס מען האָט אויפֿן טאָג פֿאַרגעבן, האָט מען זיך געקענט אַן עצה געבן נאָר אויב מען האָט דעם גאַנצן טאָג געאַרבעט.

צום ערשט האָט מען געדאַרפֿט אָנגראָבן און ברענגען ליים, אָנטראָגן וואַסער, אַליין אויסקנעטן דאָס ליים אין דעם ליים־גרוב און דערנאָך מאַכן דערפֿון עפּעס זייער אַ סך ציגל, דאַכט זיך, צוויי אָדער גאַנצע צוויי מיט אַ האַלבן הונדערט.

איך בין געווען אין דער פֿאַבריק אינגאַנצן צוויי מאָל.

די פֿאַבריק־אַרבעטער פֿלעגן זיך אומקערן צוריק באַנאַכט שוין, מידע, אויסגעמאַטערטע און אין משך פֿון גאַנצן זומער האָבן זיי נישט אויפֿגעהערט פֿאַרצוואַרפֿן די איבעריקע, אַז זיי אַרבעטן שווערער פֿון אַלע. מיט דעם, דאַכט זיך, האָבן זיי זיך געטרייסט. און נישטקוקנדיק אויף דעם, האָבן זיך געפֿונען עטלעכע, וואָס פֿלעגן גיין אַהין אפֿילו מיט פֿאַרגעניגן.

ערשטנס, איז דאָס געווען אויסער דער שטאָט.

דאָס אָרט איז געווען אַן אָפּנס, אַ פּרייס, אויפֿן ברעג אירטיש. פֿאַרט אָנגענומער אַרומצוקוקן זיך; נישט קיין פעסטונג־לופֿט

מען האָט געקענט אַ רייכער טון אויף דער פֿריי און אפֿילו מיט גרויס הנאה אָפּרוען זיך אַ ביסל, ליגן אַ האַלבע שעה. איך אָבער פֿלעג, ווי פֿריִער, גיין אין ווערקשטאַט אַריין, אָדער נאָך אַלעבאַס־טער, אָדער גאָר זיין אַ ציגל־טרעגער בײַ דער בוי־אַרבעט. אין לעצטן פֿאַל איז מיר איינמאָל אויסגעקומען צוויי חדשים דורכאַנאַנד צו שלעפּן ציגל פֿון אירטיש־ברעג ביז דער זיך נײַ־בויענדער קאַ־זאַרמע, צו שלעפּן איבערן פֿעסטונגס־בערגל, אַ סאַזשען זיבעציק. מיר איז די אַרבעט געפֿעלן געוואָרן, כאָטש דער שטריק, אויף וועלכן איך האָב געטראָגן די ציגל פֿלעגט מיר שטאַרק אָפּרייבן די אַקס־לען. נאָר מיר איז געפֿעלן געוואָרן דאָס, וואָס פֿון דער אַרבעט איז

מיר צוגעקומען כּוח. לכתחילה האָב איך געקענט טראָגן נאָר צו אַכט ציגל, און יעדער ציגל האָט געוויגן צוועלף פונט. שפּעטער אָבער, האָט זיך די צאָל ציגל פאַרמערט ביז צוועלף און צום סוף אפילו ביז פופצען.

דאָס האָט מיך זייער געפרייט.

כּדי איבערצוטראָגן אַלע מאַטעריעלע אומבאַקוועמלעכקייטן פון דעם פאַרשאָלטענעם קאַטאָרגע-לעבן איז דער פיזישער כּוח דאָרט פּונקט אַזוי נייטיק, ווי דער מאָראַלישער.

און איך האָב נאָך געוואָלט לעבן נאָך דער תּפיסה אויך...

איך האָב, אגב, ליב געהאַט צו טראָגן די ציגל, נישט נאָר דערפאַר, ווייל דאָס האָט שטאַרקער געמאַכט מיין קערפּער, נאָר אויך דערפאַר, וואָס מען האָט געאַרבעט אויפן אירטיש-ברעג. דעריבער דערמאָן איך אַזוי אָפט דעם ברעג, ווייל פון אים האָט מען געקענט זען גאָטס וועלט, די ריינע, קלאָרע ווייטקייט, די נישט-באַזעצטע פרייע סטעפּעס, וואָס האָבן מיט זייער פּוסטקייט מאָדנע געווירקט אויף מיר. נאָר אויפן ברעג האָט מען זיך געקענט שטעלן מיט דער פּלייצע צום פעסטונג, כּדי עס נישט צו זען. אַלע איבעריקע ערטער פון אונדזער אַרבעט זיינען געווען אין פעסטונג גופא אָדער נאָענט דערפון.

באַלד פון די ערשטע טעג אָן האָב איך פיינט געקריגן אַט דאָס פעסטונג און איבערהויפּט די אַנדערע געביידעס. אויפן ברעג אָבער האָט מען זיך געקענט פאַרגעסן.

פלעגסט קוקן אויף דער אומענדלעכער, פּוסטער ברייטקייט, ווי אַן איינגעזעצטער פון זיין תּפיסה-פענסטער אויף דער פריי אַרויס. אַלץ דאָ איז מיר געווען ליב און טייער: די גרעלע הייסע זון אויפן בלויען אומגעהייער טיפן הימל און דאָס ווייטע ליד פון קירגיז, וואָס האָט זיך דערטראָגן צו אונדז פון דעם צווייטן קירגיזן-ברעג. קוקסט זיך איין לאַנג, און ענדלעך דערזעסטו

עפּעס אַן אָרים פֿאַרויכערט געצעלט פֿון אַ בייגוש; באַמערקסט דעם רויך פֿון דעם געצעלט, באַמערקסט אַ קירגיזקע, וואָס פּאָרעט זיך דאָרט מיט אירע צוויי שעפּסן. דאָס אַלץ איז אָרים און ווילד, אָבער פֿריי. דערזעסט עפּעס אַ פֿויגל אין דער בלויער דורכזיכ־טיקער לופֿט, קוקסט זיך איין לאַנג און שטאַר אין זיין פֿלי: אָט האָט ער אַ פֿלאַטער געטון איבער דער וואַסער־פֿלאַך, אָט איז ער פֿאַרשווּנדן אין דער בלויקייט, אָט ווידער זיך באַוויזן ווי אַ שע־מערירנדיק פֿינטעלע...

אַפֿילו דאָס אָרימע, נעבעכדיקע בלימל, וואָס איך האָב אין אָנהייב פֿריילינג געפֿונען אין אַ שפּאַלט פֿון שטיינערנעם ברעג, אַפֿילו דאָס בלימל האָט קרענקלעך צוגעצויגן מיין אויפֿמערקזאַמקייט. דער אומעט פֿון אָט דעם ערשטן קאַטאָרגע־יאָר איז געווען אומדער־טרעגלעך און האָט אויף מיר געווירקט ביטער און אויפֿרעגנדיק.

אין אָט דעם ערשטן יאָר האָב איך צוליב דעם אומעט אַ סך זאַכן אַרום זיך נישט באַמערקט. איך האָב פֿאַרמאַכט די אויגן און נישט געוואָלט זען די זאַכן.

איך האָב נישט געזען צווישן די חברים־פֿאַרשיקטע די מענטשן, וואָס זיינען, נישט קוקנדיק אויף דער עקלהאַפֿטער קאָרע, מיט וועלכער זיי זיינען אויסערלעך געווען אַרומגענומען, דאָך פֿעיִק געווען צו טראַכטן און פֿילן. איך האָב קיינמאָל נישט באַמערקט צווישן די שטעך־ווערטלעך קיין פֿריינטלעך און מילד וואָרט, וואָס איז נאָך מער טייער געווען, וויל עס איז אַרויסגעזאָגט געוואָרן אָן שום כּוונה און אָפּט גלייך פֿון האַרץ אַרויס, פֿון אַ האַרץ, וואָס האָט, קען זיין, נאָך מער פֿאַר מיר איבערגעליטן און איבערגע־טראָגן.

נאָר צו וואָס טויג דאָס רעדן וועגן דעם?

איך בין געווען זייער צופֿרידן, ווען איך האָב געקענט קומען אַהיים אַ שטאַרק מידער: אפֿשר וועל איך פֿאָרט אַנטשלאָפֿן

ווערן! ווייל די צייט פון שלאָפן איז זומער פּאַר אונדז געווען אַן אמתע פּיין, כמעט נאָך ערגער ווי ווינטער. די אָוונטן זיינען אין אמתן טיילמאָל געווען זייער קאַלט. די זון, וואָס האָט אין משך פון דעם גאַנצן טאָג נישט פאַרלאָזט דעם תפיסה-הויף, פלעגט ענ-דלעך פאַרגיין. עס איז געוואָרן קיל און באַלד איז שוין געקומען די כמעט קאַלטע (פאַרהעלטנישמעסיק) סטעפּישע נאַכט. און די אַרעס-טאַנטן האָבן קופּעסווייז אַרומגעשפּאַנט איבערן הויף, געוואַרט מען זאָל זיי איינשליסן.

אַ זייגער צען פלעגט מען אונדז אַלע איבערציילן, אַריינ-טרייבן אין די קאַזאַרמעס און דאָרט איינשליסן אויף נאַכט. די נעכט זיינען געווען קורצע; אויפוועקן פלעגט מען אונדז אַ זייגער פינף גאַנץ פרי. און איינגעשלאָפן זיינען מיר קיינמאָל נישט פריער פון עלף. ביז דער שעה הערן נישט אויף די שמועסן, דער געדר-דער. די לופט איז שטיקנדיק און הייס. הגם די שויב פון פענסטער איז אויפגעהויבן און פון דאָרטן בלאָזט אַ נאַכטיקע קעלט, וואַרפן זיך דאָך די אַרעסטירטע אַ גאַנצע נאַכט אויף זייערע ברעטער-געלעגערס, ווי אין היץ.

עס שפּרינגען אַרום אָן אַ שיעור פליי.

זיי פעלן נישט באַ אונדז ווינטער אויך און אויך אין אַ גע-נוגנדער צאָל, נאָר מיטן אָנהייב פון פרילינג מערן זיי זיך אין אַזאַ מאָס, וואָס, הגם איך האָב פריער וועגן דעם אויך געהערט, האָב איך דאָך נישט געוואָלט גלייבן, ביז איך האָב דאָס אויף מיר אַליין נישט אויסגעפּרוווט. און וואָס ווייטער צו זומער, ווערן זיי אַלץ בייזער און פאַרביסענער. אמת, צו פליי קען מען זיך צוגעוויינען, איך אַליין האָב דאָס אויסגעפּרוווט, נאָר פונדעסטוועגן קומט דאָס אָן זייער שווער. מאַטערסט זיך אַזוי שטאַרק אויס, אַז צום סוף ליגסטו ווי אין פיבער און פילסט אַליין, אַז דו שלאָפסט נישט, נאָר ביסט פאַרטשמעליעט פון היץ. ענדלעך, אַז עס הייבט שוין אָן

גרויען אויף טאָג, ווערן די פליי אויך שטילער, לאָזן אָפּ, און דו ווערסט זיס אַנטשלאָפן אונטער דעם קילן פרימאָרגן-ווינטל.

פלוצלינג דערהערט זיך בא די תפיסה-טויערן אַן אַכזריותדיק פויק-קנאַקן, און עס הייבט זיך אָן דער טאָג. הילסט דיך איין אין וואַרעמען רעקל, הערסט דיך צו מיט אַ קללה און ציילסט די היל-כיקע, דייטלעכע קלאַנגען, און דורכן שלאָף רייסט זיך אַריין און עגבערט דעם מוח אַ געדאַנק, אַז אַזוי וועט זיין מאָרגן, און איבער-מאָרגן, און עטלעכע יאָר נאָכאַנאַנד, ביז עס וועט קומען די פריי-הייט. אָבער ווען, טראַכסטו זיך, וועט קומען אָט אָ די פרייהייט און ווו איז זי?

און דערווייל דאַרף מען שוין אויפשטיין.

עס הייבט זיך אָן דער טאָג-טעגלעכער טומל, שטופעניש... מענטשן טון זיך אָן, איילן צו דער אַרבעט. אמת איז, מען האָט נאָך געקענט אַ שעה צושלאָפן אין מיטן טאָג.

ווען מען האָט בא אונדז זומער געקויפט אַ נייע גנעדקאַ, אַ גרוי פערדל, האָט דאָס צעשטרייט און פאַרווײלט אַלע אַרעסטאַנטן. בא אונדז איז שטענדיק געווען אַ פערד, וואָס האָט געפירט די אומריינ-קייטן און א. וו. צום פערד איז צוגעשטעלט געוואָרן אַן אַרעסטאַנט. ער פלעגט טאַקע פאָרן דערמיט אין דער באַגלייטונג, פאַרשטייט זיך, פון אַ וואַך-שומר. אַרבעט האָט דאָס פערד געהאַט איבערן קאָפּ באַטאָג און באַנאַכט.

גנעדקאַ האָט אונדז געדינט שוין זייער לאַנג. דאָס איז גע-ווען אַ גוט פערדל, נאָר אַן אָפּגענוצטס שוין. אין איין שיינעם פרי-מאָרגן, קרוב צום יום-טוב פון פיעטר, האָט גנעדקאַ צוריקגעברענגט דאָס פאַרנאַכטיקע פעסל, איז באַלד אַנידערגעפאַלן און איז אין עט-לעכע מינוט אַרום געפגרט.

מען האָט עס באַדויערט, אַלע האָבן עס אַרומגערינגלט, גע-שמועסט, געקריגט זיך, צווישן אונדז האָבן זיך געפונען געוועזענע

מיליטער-לייט, ציגיינער, וועטערינאַרן און אַ. וו., און זיי האָבן אַרויסגעוויזן דערביי זייער גרויס מבינות, זיי האָבן זיך אַפילו געזידלט, באַר גנבעדקען האָט מען שוין לעבעדיק נישט געמאַכט. און אין פיעטער-יום-טוב, אינדערפרי, באַלד נאָכן גאָטס-דינסט, ווען אַלע האָבן זיך פאַרזאַמלט, האָט מען אָנגעהויבן ברענגען פערד צו פאַרקויפן. די קניאה האָט מען, פאַרשטייט זיך, איבערגעגעבן אין די הענט אַריין פון די אַרעסטאַנטן. צווישן אונדז זיינען געווען אמתע מבינים, און אָפּנאַרן אַ צוויי הונדערט פופציק מענטשן, וועלכע האָבן זיך פריִער באַר מיט דעם פאַרנומען, איז געווען שווער.

עס זיינען געקומען קירגיזן, פערד-הענדלער, ציגיינער. די אַרעסטאַנטן האָבן מיט אומגעדולד געוואַרט אויף יעדן נייעם פערד. זיי האָבן זיך געפרייט, ווי קינדער. מער פון אַלץ האָט זיי הנאה געטון דאָס, וואָס זיי זיינען, ווי פרייע מענטשן, וואָס זיי האָבן די פולע רעכט צו קויפן, פונקט ווי זיי וואָלטן טאַקע אין אמתן פון דער אייגענער קעשענע פאַר זיך געקויפט דאָס פערד.

עס זיינען געבראַכט און אַוועקגעפירט געוואָרן דריי פערד און ערשט אויפן פירטן טאָג האָט מען זיך אָפּגעשטעלט. די אַריינגעקומענע פערד-הענדלער האָבן פאַרוואונדערט און עפּעס נישט זיכער באַ זיך זיך אַרומגעקוקט אין אַלע זייטן און פון צייט-צו-צייט געוועלט געוואַרפן זייערע בליקן צו דער וואַך, וואָס האָט זיי אַריינגעפירט. דער צווייהונדערט-קעפּיקער עולם, וואָס קיינער טרעט די שוועל פון זייער קאַטאָרגע-נעסט נישט אַריבער, האָט אַרויסגערופן צו זיך אַ מין אַכטונג.

אונדזערע אָבער האָבן זיך געבריהט, געלאָזט אויף פאַרשיידענע שפּיצלעך, כדי אויסצופרווון יעדעס ביי-געבראַכטע פערד. און דערביי האָבן זיי אַזוי ערנסט און מיושבדיק אויסגעזען, אַזוי פאַרטון געווען אין דעם ענין, פונקט ווי פון דעם וואָלט געווענדט געווען דער גאַנצער ווילצושטאַנד פון דער תפיסה. די טשערקעסן

האָבן זיך אפילו געזעצט רייטנדיק אויפן פערד; די אויגן האָבן זיך באַ זיי צעברענט, זיי האָבן גיך־גיך געפּלאָפּלט אויף זייער אומפאַרשטענדלעכער אויסשפּראַך, געוויזן די ווייסע ציין און געשאָקלט מיט די אויסגעבויגענע נעז אויף זייערע בראָנזענע פּנימער.

עמעצער פון די רוסישע ווערט צוגעשמידט צו זיי, צו זייער שפּאַרעניש, און איז ממש גרייט אַריינצושפּרינגען זיי אין די אויגן אַריין. די ווערטער פאַרשטייט ער דאָך נישט, וויל ער כאָטש אָנשטויסן זיך לויטן אויסדרוק פון די אויגן, וואָס פאַרט זיי האָבן באַשלאָסן: טויג דאָס פערד צי ניין? אַ זייטיקן צושויער וואָלט אפשר אַזאַ איבערגעטריבענער אינטערעס אויסגעזען מאָדנע.

און וואָס האָט דאָ, דאַכט זיך, דער אָדער יענער אַרעסטאַנט געהאַט צו היצן זיך, און נאָך גלאַט אַזוי אַ ליאַדע אַרעסטאַנט, פון די דערשלאָגענע און שטילע, וואָס האָבן אפילו מורא אַ פּיפּס צו טון פאַר דעם אָדער יענעם פון די חברים־אַרעסטאַנטן! פּונקט ווי ער וואָלט צוליב זיך געקויפט דאָס פערד, פּונקט ווי עס וואָלט אין אמתן אים נישט אַלץ איינס געווען, וואָס פאַר אַ פערד מען וועט קויפן.

אַ חוץ די טשערקעסן, האָבן זיך מער פאַר אַלע אויסגעצייכנט די געוועזענע ציגיינער און פערד־הענדלער: זיי איז געגעבן געוואָרן דאָס ערשטע אָרט און דאָס ערשטע וואָרט.

ענדלעך האָט מען אויסגעקליבן און געקויפט די נייע גנעדקאַ.

דאָס איז געווען אַ ווויל פערדל: אַ יונגס, אַ שיינס און אַ שטייפס, מיט זייער אַ ליבן, פריילעכן אויסזען. עס איז שוין, פאַרשטייט זיך, געווען אַן אויסגעצייכנטס, לויט אַלע איבעריקע פּרטים, מען האָט גענומען זיך דינגען: די געשטעלטע פּרייז איז געווען דרייסיק רובל, אונדזערע האָבן געגעבן פינף און צוואַנציק. מען האָט זיך געדונגען לאַנג און היציק, אַראָפּגעלאָזט און דערלייגט. צום סוף איז זיי אַליין די זאַך קאָמיש געוואָרן.

— וואָס איז, פון דיין בייטל וועסטו דאָס אַרויסצײלן דאָס געלט? — האָבן אייניקע געזאָגט: — צוליב וואָס דאָס דינגען זיך?

— דאָס מלוכה־געלט קאַרגסטו, צי וואָס? — האָבן די צווייטע געשריגן.

ענדלעך האָט מען צוגעקלאַפּט אויף אַכט און צוואַנציק רובל. מען האָט צווישן געגעבן דעם מאַיאָר, ער האָט איינגעשטימט און דאָס פערד איז געקויפט געוואָרן. מען האָט, פאַרשטייט זיך, באַלד אַרויסגעטראָגן ברויט מיט זאַלץ, און מיט פּאַראַד אַריינגעפירט אין תּפיסה דעם נייעם גנעדקאַ. עס איז, דאַכט זיך, נישט געווען קיין איין אַרעסטאַנט, וואָס האָט אים דערביי נישט אַ גלעט געטון איבערן קאָפּ, אָדער אַ פּיר געטון מיט דער האַנט איבערן האַלדז.

אין דעם זעלבן טאָג טאַקע האָט מען איינגעשפּאַנט גנעדקען פירן וואַסער, און אַלע האָבן זיך נייגעריק צוגעקוקט, ווי דער נייער גנעדקאַ פירט זיין פעסל. אונדזער וואַסערפירער ראָמאַן האָט אַראָפּגעקוקט אויפן נייעם פערדל מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער צופרידנקייט.

דאָס איז געווען אַ פויער פון אַ יאָר פופציק, אַ שווייגנדיקער און אַ סאָלידער, און בכלל אַלע רוסישע אָנטרייבער זיינען זייער געלאַסענע און אַפילו שווייגנדיקע, פונקט ווי עס וואָלט טאַקע אמת געווען, אַז דאָס שטענדיקע זיין צווישן פערד גיט צו דעם מענטש אַ ספּעציעלע רויִקייט און אַפילו אַ מיושבדיקייט.

ראָמאַן האָט זיך געהאַלטן שטיל, צו יעדן צאַרט, געווען קאַרג אויף ווערטער, געשמעקט טאַבאַק פון אַ פושקע, און שטענדיק, אַלע יאָרן זיך געפּאָרעט מיט די תּפיסה־פערד. דאָס ביי־געקויפטע איז שוין געווען דאָס דריטע.

בײַ אונדז זיינען אַלע געווען זיכער, אַז אין תּפיסה מוז זיין אַ גרוי־פאַרביק פערד, אַז נאָר אַזאַ פערד פּאַסט זיך צו צו דער

שטוב. איך ראָמאַן האָט דאָס אונטערגעהאַלטן. קיין ברוינס, למשל, וואָלט מען בשום אופן נישט געקויפט. ראָמאַן איז שטענדיק, לויט עפּעס אַ רעכט, געווען און געבליבן דער וואָסערפירער, און קיינעם איז קיינמאָל אַפילו נישט איינגעפאַלן צוצונעמען באַ אים דאָס רעכט. אַז דער פריערדיקער גנעדקאַ איז געפאַלן, האָט קיינער, אַפילו דער מאַיאָר אַליין, נישט געפּרוווט באַשולדיקן ראָמאַנען: גאָטס האַנט — און אַן עק, און ראָמאַן איז געווען אַ גוטער אָנ-טרייבער.

זייער גיך איז גנעדקאַ געוואָרן אין דער תפיסה אַ ליבלינג. און הגם די אַרעסטאַנטן זיינען זייער האַרטע פּאַרשוינען, פּלעגן זיי דאָך אָפט צוגיין צו אים און גלעטן אים. קומט ראָמאַן צוריק פון טייך, פאַרשליסט די טויערן, וואָס דער אָפיציר האָט אים אויפגע-עפנט, און גנעדקאַ שפּאַנט אַריין אין תפיסה, שטייט מיטן פּעסל און וואַרט אויף אים, וואַרפט מיט די אויגן אין אַ זייט אַריין. — „אַוועק אַליין!" — גיט ראָמאַן צו אים אַ געשריי — און גנעדקאַ לאָזט זיך אַליין, פירט צו ביז דער קיך און בלייבט שטיין.

— האָסט שכל, גנעדקאַ! — שרייט מען צו אים: — אַליין צוגעפירט!... פּאָלגט!

— זע באַר אין אמתן: אַ בהמה און פאַרשטייט!

— „מאָלאָדיעץ" גנעדקאַ!

גנעדקאַ טרייסלט מיטן קאָפּ און הירזשעט, פּונקט ווי ער וואָלט טאַקע פאַרשטאַנען און איז צופרידן, וואָס מען לויבט אים. און עמעצער ווערט שוין אומבאַדינגט באַלד אַרויסטראָגן אַ שטיק ברויט מיט זאַלץ. גנעדקאַ עסט און שאָקלט ווידער מיטן קאָפּ, פּונקט ווי ער וואָלט געזאָגט:

„איך קען דיך, איך קען! איך בין אַ ווויל פערדל, און דו ביסט אַ גוטער מענטש!"

איך האָב ליב געהאַט צו דערלאַנגען גנעדקען ברויט. עס

עס איז געווען עפּעס אָנגענעם צו קוקן אויף זיין שיינעם קאָפּ און פּילן אויף דער האַנט-פלאַך זיינע ווייכע, וואַרעמע ליפּן, וואָס האָבן פלינק אָנגעכאַפּט די קרישקעלעך.

בכלל זיינען אונדזערע אַרעסטאַנטקעס פּעיִק געווען ליב צו האָבן חיות, און ווען מען זאָל זיי נאָר געווען דערלויבן, וואָלטן זיי מיט פאַרגעניגן געווען בײַ זיך אין תּפיסה געפלעגט אַ סך שטוב-חיות און עופות. און וואָס וואַלט, דאַכט זיך, בעסער פון אַזאַ אַרבעט געקענט ווירקן אויף די אַרעסטאַנטן, ווייכער, און פיינער צו מאַכן זייערע האַרבע, ווילדע אייגנשאַפטן ? נאָר מען האָט דאָס נישט דערלויבט. נישט אונדזער אָרדנונג, נישט דאָס אָרט האָבן דאָס נישט דערלאָזט.

און פונדעסטוועגן האָבן זיך איבער דער צייט פון מיין זיין אין תּפיסה צופעליק געפונען דאָרט עטלעכע חיות. אַ חוץ גנעדקען, זיינען געווען בײַ אונדז הינט, גענדז, דער באָק וואַסקאַ און אַ שטיק צייט האָט געווינט בײַ אונדז אויך אַן אַדלער.

אַלס אַ שטענדיקער תּפיסה-הונט איז בײַ אונדז געווען שאַריק, אַ גוטער, קלוגער הונט, מיט וועלכן איך בין שטענדיק בײַ פריינדעט געווען. נאָר אַזוי ווי דער פּראָסטער עולם האַלט בכלל אַ הונט פאַר אַן אומריינער חיה, אויף וועלכער מען דאַרף נישט לייגן קיין אַכט, האָט טאַקע פאַר שאַריקן בײַ אונדז כמעט קיינער נישט געזאָרגט. האָט זיך געלעבט דער הונט, געשלאָפן אויפן הויף, געגעסן דאָס אָפּוואַרפעכץ פון דער קיך און בײַ קיינעם קיין אינטערעס נישט אַרויסגערופן, און דאָך האָט ער אַלע געקענט און אַלע גערעכנט פאַר זיינע באַלעבאַטים. פלעגן קומען די אַרעסטאַנטן פון דער אַרבעט, לויפט ער שוין צו צו די טויערן, באַגעגנט מילד די אָנקומענדיקע, דרייט מיטן ווידל, קוקט אַריין פריינטלעך יעדן איינציקן אין די אויגן און וואַרט אויף אַ גלעט. נאָר ער האָט אין משך פון אַ סך יאָרן זיך נישט דערוואַרט פון

קיינעם קיין גלעט, א חוץ אפשר פון מיר. דערפאַר האָט ער מיך טאַקע ליב געהאַט מער פון אַלע.

איך געדענק נישט פון וואַנען עס האָט זיך גענומען בײַ אונדז אין תּפיסה דער אַנדערער, בעלקאַ. דעם דריטן, קולטיאַפּקאַ, האָב איך אַליין געבראַכט פון דער אַרבעט נאָך אַלס קליין הינטל.

בעלקאַ איז געווען אַ מאָדנע באַשעפעניש. עמעצער האָט זי איבערגעפאָרן מיט אַ וואָגן, און איר פלייצע איז געווען אַרײַנגעבויגן אינעווייניק, און ווען זי פלעגט לויפן, האָט זיך פונוויטנס געדאַכט, אַז עס לויפן צוויי מאָדנע ווײַסע חיות, צונויפגעוואַקסענע צווישן זיך. אַ חוץ דעם איז זי געווען אַן אומרײַנע, מיט קראַנקע אויגן; אַ וויידל האָט זי געהאַט אַן אָפּגעקראָכענעם, כּמעט אינגאַנצן אָן פעל און שטענדיק אַן אַרונטערגעבויגענעם.

אַ בײַשטראָפטע פון גאָט, האָט זי קענטיק באַשלאָסן זיך אונטערצוגעבן.

זי האָט קיינמאָל אויף קיינעם נישט געוואַגט צו בילן, נישט געוואַגט צו וואָרטשען. געלעבט האָט זי פון ברויט, וואָס זי האָט געקריגן אויסער דער קאַזאַרמע; און אַז זי האָט דערזען עמעצן פון אונדזערע, פלעגט זי בעלד נאָך פון דערווייטנס אַ קוליע טון זיך הכנעהדיק אויף דער פלייצע: „טו מיט מיר, האָט דאָס געהייסן, וואָס עס גליסט זיך דיר נאָר, און איך, זעסטו, טראַכט גאָרנישט וועגן קיין ווידערשטאַנד". און יעדער אַרעסטאַנט, פאַר וועלכן זי האָט זיך איבערגעקוליעט, פלעגט זי אַ שטופּ טון מיטן שטיוול, פונקט ווי ער וואָלט דאָס געהאַלטן פאַר זײַנס אַ חוב

— אָט, אַ נישטיקע! — פלעגן די אַרעסטאַנטן זאָגן, נאָר בעלקאַ האָט אפילו קוויטשען מורא געהאַט, און טאָמער פלעגט איר שוין שטאַרק ווי טון, האָט זי נאָר געוואָיעט דערשטיקט און רחמנותדיק. פונקט אַזוי פלעגט זי זיך איבערקוליען אויף פאַר שאַריקן און פאַר יעדן אַנדערן הונט, וואָס זי האָט באַגעגנט, בשעת זי פלעגט

אַרויסלויפן פון תפיסה, דערליידיקן אירע ענינים. און ווען אַ גרוי־סער הונט מיט לאַנגע אויערן גיט זיך אַ וואָרף אויף איר מיט אַ געשריי און בילן, קוליעט זי זיך איבער און ליגט הכנעהדיק. הינט האָבן ליב צו באַגעגענען באַ זייערס אַ גלייכן הכנעה און אונטער־טעניקייט. שטילט זיך באַלד דער בייזער הונט איין, שטעלט זיך אָפּ אַ ביסל פאַרקלערט, און לאַנגזאַם, מיט אַ געוויסער נייגעריקייט, הייבט ער אָן ארומצושמעקן דאָס לייב פון דעם הונט, וואָס ליגט פאַר אים שטיל אַרויף מיט די פיסלעך.

און וואָס האָט געקענט טראַכטן בעלקאַ, וואָס האָט בשעת מעשה געציטערט מיטן גאַנצן האַרץ?

— נו, און אַז דער גזלן וועט אַ ביס טון? — איז איר מסתמא אַרויף אויפן זינען. אָבער דער הונט האָט זי נאָר אויפ־מערקזאַם אַרומגעשמעקט, קיין שום אינטערעסאַנטעס אין איר נישט געפונען און ענדלעך זי פאַרלאָזט.

כהרף־עין פלעגט בעלקאַ אויפשפּרינגען און לאָזן זיך ווייטער נאָכהינקענדיק נאָך אַ לאַנגער שורה הינט, וואָס באַגלייטן עפּעס אַ זשוטשקאַ. און כאָטש בעלקאַ האָט געוווּסט זיכער, אַז עס וועט איר קיינמאָל נישט אויסקומען זיך נעענטער צו באַקענען מיט זשוטשקען, איז דאָך פונדעסטוועגן דאָס, וואָס זי האָט געקענט פון ווייטנס נאָכהינקען, שוין געווען אַ טרייסט אין אירע צרות.

פון ערע־געפילן האָט זי שוין קענטיק אויפגעהערט צו טראַכטן. נישט האָבנדיק פאַר זיך גאָרנישט אין דער צוקונפט, האָט זי גע־לעבט נאָר צוליב דעם שטיקל ברויט, און זי האָט דאָס גוט פאַר־שטאַנען.

איך האָב איינמאָל געפרוווט איר אַ גלעט טון; דאָס איז גע־ווען פאַר איר אַזוי אומדערוואַרטעט, אַז זי האָט זיך פלוצלינג אַני־דערגעזעצט אויף דער ערד, אויף אַלע פיר, פאַרציטערט געוואָרן און גענומען הויך און רירעגד קוויטשען. אויס רחמנות האָב איך

זי אָפּט געגלעט. דערפֿאַר אָז ער האָט זי מיך אָן אַ קוויטשעריי נישט געקענט זען. דערזעט מיך פֿון ווייטנס, און קוויטשעט, קוויטשעט קרענקלעך און וויינענדיק.

גאָר פֿון אַן אַנדערן מין איז געווען דער הונט קולטיאַפּקאַ. צוליב וואָס איך האָב אים געדאַרפֿט ברענגען פֿון ווערקשטאָט אין תּפֿיסה אַריין נאָך אַלס בלינד הינטל, ווייס איך נישט. מיר איז אָנגענעם געווען צו האָדעווען אים, זען ווי ער וואַקסט.

שאַריק האָט קולטיאַפּקען אַרונטערגענומען אונטער זיין שוץ און צוזאַמען מיט אים געשלאָפֿן. אַז קולטיאַפּקאַ האָט אָנגעהויבן אונטערצוּוואַקסן, האָט ער יענעם דערלויבט צו בייסן אים אין די אויערן, רייסן אויף אים די פֿעל און האָט זיך געשפּילט מיט אים, ווי עס שפּילן זיך געוויינטלעך גרעסערע הינט מיט גאָר קליינע. און מאָדנע, קולטיאַפּקע איז געוואַקסן נישט אינדערהייך, נאָר אין דער ברייט און אין דער לענג. אַ פֿעל האָט ער געהאַט אַ האָריקע פֿון עפּעס אַ העלער מייזן־קאָליר; איין אויער איז אים געוואַקסן אַראָפּ און איינס אַרויף. ער איז געווען אַ היציקער, שטענדיק אַן אַנטציקטער, ווי יעדעס אַנדערע הינטל, וואָס בשעת עס זעט דעם באַלעבאָס, צעשרייט עס זיך געוויינטלעך פֿאַר גרויס פֿרייד, צעקוויטשעט זיך, קריכט אין פּנים אַריין לעקן, און איז גרייט באַלד טאַקע, פֿאַר אייך אין די אויגן, שוין נישט איינצוהאַלטן אַלע איבעריקע געפֿילן: „אַבי נאָר אַרויסצווייזן די התפּעלות, און וועגן אָנשטענדיקייט לויגט נישט צו טראַכטן!". און ווו איך זאָל נישט זיין — גיב איך נאָר אַ געשריי: „קולטיאַפּקאַ!" — איז זי שוין פּלוצלינג פֿון ערגעץ אַ לאָך, ווי פֿון דער ערד אַרויס, אויסגעוואַקסן, מלא שמחה געפֿלויגן צו מיר, געקאָליערט זיך, ווי אַ פּעקל, געקוויטשעט און געשפּרונגען איבערן וועג.

איך האָב זייער ליב געהאַט אָט די קליינע העסלעכקייט.

אויך די געזונטע האָבן זיך באַוויזן צווישן אונדז אויף אַ גאַנץ

צופעליקן אופן. ווער עס האָט זיי געבערענגט און צו וועמען זיי האָבן אייגנטלעך געהערט, ווייס איך נישט, נאָר אַ שטיק צייט האָט זיך די גאַנצע מחנה געגנדז געמאַכט אַ געוויינהייט צוזאַמען מיט די אַרעסטאַנטן צו גיין אויף דער אַרבעט, און דאָס האָט די אַרעסטאַנטן שטאַרק הנאה געטון.

דערהערט זיך נאָר דאָס קנאַקן פון דער פויק, און די אַרעסטאַנטן לאָזן זיך צום אַרויסגאַנג, לויפן שוין מיט אַ געשריי נאָך אונדז די געגנדז, צעשפרייטן די פליגל און שפרינגען איינע נאָך דער אַנדערער איבער דער הויכער שוועל פון דער פאָרטקע.

צושטיין פלעגן זיי שטענדיק צו דער גרעסערער גרופּע אַרעסטאַנטן, און בשעת יענע פלעגן אַרבעטן, פלעגן זיי זיך פּאַשען ערגעץ אין דער נאָענט. הייבן נאָר אָן די אַרעסטאַנטן זיך צו קלייבן פון דער אַרבעט צוריק אין תּפיסה אַריין, זייגען שוין די געגנדז אויך גרייט מיטצוגיין. און אין פעסטונג האָבן זיך פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז די געגנדז גייען אויף דער אַרבעט.

— זע, די אַרעסטאַנטן גייען מיט זייערע געגנדז! — פלעגן די דורכגייער זאָגן: — „און ווי אַזוי האָט איר זיי דאָס אויסגעגעלערנט!" — „נאַט אייך אויף די געגנדז!" — האָט אַמאָל עמעצער צוגעגעבן און דערלאַנגט אַ נדבה.

אויך ווייס איך נישט פון וואַנען ער האָט זיך דערנומען און ווער עס האָט געבערענגט צו אונדז דעם קליינעם, ווייסן, זעלטן־שיינעם באָק. עס זיינען נישט אַוועק קיין סך טעג, און אַלע האָבן אים שוין ליב געהאַט, און ער איז פאַר אַלעמען געוואָרן אַ שפּילעכל, און אַפילו אַ טרייסט. מען האָט שוין געפונען אַ סיבה אים צו האַלטן דאָ: מען האָט דאָך געדאַרפט צוליב דער שטאַל האָבן אַ באָק אין דער תּפיסה. און דאָך האָט ער זיך אויפגעהאַלטן נישט אין דער שטאַל, נאָר אין אָנהייב אין קיך און שפּעטער איבער דער גאַנצער תּפיסה.

דאָס איז געווען זייער אַ גראַציעז און שטיפעריש באַשעפעניש. ער איז געשלאָפן, ווען מען האָט אים גערופן, אַרויפגעשפרונגען אויף די בענק, אויף די טישן, געבאָדזשעט זיך מיט די אַרעסטאַנטן, שטענדיק געווען פריילעך און אויפגעלייגט. און ווען עס האָבן זיך שוין באַ אים בולט אַרויסגעשניטן די הערנדלעך, האָט זיך איינמאָל פאַרנאַכט געמאַכט אַ מעשה: אַז דעם לעזגין באַבאַי, וואָס איז געזעסן אויפן גאַנעק צווישן אַלע איבעריקע אַרעסטאַנטן, האָט זיך פאַרגלוסט צו באָדזשען זיך מיט אים. זיי האָבן זיך לאַנג געקלאַפּט מיט די שטערנס, — דאָס איז געווען די בעסטע פאַרווײלונג פאַר דעם אַרעסטאַנט, — פלוצלינג איז דער באָק וואַסקאַ אַרויפגעשפרונגען אויפן העכסטן טרעפּל פונם גאַנעק, און ווי נאָר באַבאַי האָט זיך אָפּגעקערט אין אַ זייט, האָט ער זיך אַ שטעל געטון אויף די הינטערשטע פיסלעך, די פאָדערשטע צוגעדריקט צו זיך און מיט אַ געוואַלטיקן כוח אַ זעץ געטון באַבאַיען אין נאַקן אַריין. יענער האָט זיך אַראָפּגעקאָלערט פון אַלע טרעפּ, וואָס עס האָט אַריינגעברענגט אַלע אָנוועזנדע, און פריִער פאַר אַלע באַבאַיען אַליין, אין אַ גרויסער התפעלות.

ענדלעך איז אויפגעוואַקסן אַ זעלטן גרויסער און אויסערגעווײנטלעך גראָבער באָק מיט זייער לאַנגע הערנער. פלעגט ער זיך אַרומשפּאַנען און וויגן זיך בשעתן גאַנג. און אויך ער האָט זיך צוגעוויינט צו גיין מיט אונדז אויף דער אַרבעט, און דאָס האָט פריילעך געמאַכט די אַרעסטאַנטן, די דורכגייער. אַלע האָבן שוין געקענט דעם תפיסה־באָק, וואַסקען. און בשעת מען האָט געאַרבעט אויפן ברעג, פלעגן די אַרעסטאַנטן אָנרייסן בייגעוודיקע צווייגן, אויסזוכן ערגעץ בלעטער, אָנקלויבן אויפן בערגל בלומען, און מיט דעם אַלץ באַפּוצן וואַסקען: מיט די צווייגן און בלומען האָט מען אַרומגעפלאָכטן זיינע הערנער, און אַרומגעהאָנגען דעם גאַנצן קערפּער מיט גירליאַנדן.

גייט מען צוריק אין תפיסה אַריין, און פאָרויס שפאַנט זיך האַסקאַ, אַן אויסגעפוצטער און אויסגעצירטער, און די אַרעסטאַנטן גייען נאָך אים און שטאָלצירן מיט אים פאַר די פאַרבייגייער. און דאָס שפיגלען זיך אין דעם באָק איז אַזוי ווייט דערגאַנגען, אַז אייניקע איז אפילו איינגעפאַלן דער קינדישער געדאַנק: „אפשר אָפגילטן וואַסקעס הערנער?” אָבער מען האָט דאָס נישט אויסגעפירט און נאָר באַנוגנט זיך מיטן רעדן. אגב, געדענק איך, האָב איך געפרעגט אַקים אַקימאָוויטשן, אונדזער בעסטן יוועליר: צי מען קען טאַקע אָפגילטן די הערנער בּאַ אַ באָק? ער האָט אויפמערקזאַם באַטראַכט דעם באָק, זיך פאַרטראַכט און ערנסט געענטפערט, אַז אייגנטלעך קען מען „נאָר עס וועט זיין נישט אויף לאַנג, און דערצו נאָך איז דאָס אינגאַנצן אומנוצלעך. מיט דעם האָט זיך דאָס געענדיקט.

געווען איז בּאַ אונדז אין תפיסה אַ שטיק צייט אַן אָדלער, אויך פון די סטעפישע קליינע אָדלערס. עמעצער האָט אים, אַ פאַרווונדעטן און קראַנקן, געברענגט אין תפיסה. די גאַנצע קאַטאָרגע האָט אים אַרומגערינגלט; ער האָט נישט געקענט פליִען: דער רעכטער פליגל האָט זיך נאָכגעשלעפט איבער דער ערד, איין פוס איז געווען אויסגעדרייט. איך געדענק, אַז ער האָט זיך מיט רציחה אַרומגעקוקט, באַטראַכט דעם נייגעריקן עולם, צעעפנט זיין אויסגעבויגענעם שנאָבל און געווען גרייט טייער צו פאַרקויפן זיין לעבן.

און אַז מען האָט זיך שוין אויף אים גיט אָנגעקוקט און מען האָט זיך גענומען פונאַנדערגיין, האָט ער זיך, הינקענדיק מיטן געזונטן פליגל, אַוועקגעקאָלערט, פאַרקליבן זיך אין ווייטסטן ווינקל פון דער תפיסה און דאָרט צוגעשפאַרט זיך צו די ברעטער פונם פּליוט.

דאָרט איז ער אָפגעווען אַ חדשים דריי און אין דער גאַנצער צייט קיין איינמאָל נישט אַרויס פון זיין ווינקל. אין אָנהייב

פלעגט מען אָפט קומען קוקן אויף אים און אַמאָל אָנרייצן אויף אים דעם הונט. שאַריק האָט געפּרוּווט אָנפאַלן אויף אים מיט רציחה. אָבער ער האָט קענטיק מורא געהאַט צוצוטרעטן נענטער, וואָס עס איז די אַרעסטאַנטן שטאַרק געפעלן געוואָרן.

— אַ חיה! — האָבן זיי געזאָגט: — לאָזט זיך נישט!

נאָר שפּעטער איז די מורא בײַ שאַריקן אַריבער, און ער האָט אים נישט געלאָזט צורו.

דער אָדלער האָט זיך מיט אַלע כּוחות פאַרטיידיקט, פאַרטיידיקט זיך מיטן שנאָבל און נעגל, און ווי אַ פאַרוווּנדערטער הערשער, האָט ער שטאָלץ און ווילד באַטראַכט פון זיין ווינקל אַרויס די נייגעריקע, וואָס זיינען געקומען אים אָנקוקן.

ענדלעך, איז ער אַלעמען נמאס געוואָרן, אַלע האָבן אים פאַרלאָזט, פאַרגעסן, און פונדעסטוועגן האָט מען יעדן טאָג געקענט זען לעבן אים שטיקלעך פריש פלייש און אַ שאַרבן וואַסער. עמעצער האָט פאָרט אויף אים אַכטונג געגעבן.

אין אָנהייב האָט ער נישט געוואָלט עסן, עטלעכע טעג האָט ער גאָרנישט גענומען אין מויל אַריין; דערנאָך האָט ער עסן אָנגעהויבן. נאָר קיינמאָל נישט פון מענטשנס הענט אָדער אין מענטשנס אָנוועזנהייט.

איך פלעג אַמאָל פון ווייטנס קוקן אויף אים. אַז ער האָט קיינעם נישט געזען און געמיינט, אַז ער איז אַליין, איז ער אויפגעשטאַנען און, האַלטנדיק זיך האַרט בײַם פּלויט, אַוועקגעהינקט אַ טריט צוועלף פון זיין אָרט, באַלד צוריק זיך אומגעקערט, ווידער אָפּגעגאַנגען אַ צוועלף טריט און ווידער צוריק. און טאָמער האָט ער מיך דערזען, איז ער האַסטיק, הינקענדיק און שפּרינגענדיק, געלאָפן אויף זיין אָרט, פאַרוואָרפן זיין קאָפּ, צעעפנט דעם שנאָבל און געווען גרייט אָנצוהייבן דעם קאַמף.

ער האָט געשלאָגן און געביסן, נישט גענומען פון מיר קיין בלייש, און די גאַנצע צייט, וואָס איך פלעג שטיין לעבן אים, האָט ער אויפמערקזאַם, אויפמערקזאַם געקוקט מיר אין די אויגן אַריין מיט אַ בייזן שטעכעדיקן בליק. איינזאַם און פאַרביסן האָט ער געוואַרט אויפן טויט, קיינעם נישט געגלייבט און צו קיינעם זיך נישט צוגעבונדן. ענדלעך האָבן זיך די אַרעסטאַנטן דערמאַנט אָן אים און, הגם קיינער האָט נישט געזאָרגט און נישט גערעדט וועגן אים אַ חדשים צוויי, האָט זיך דאָך פלוצלינג באַ אַלע, ווי אָנגעזאַמלט אַ מיטגעפיל צו אים. מען האָט אָנגעהויבן רעדן, אַז מען דאַרף אַרויסלאָזן דעם אָדלער.

— זאָל ער אַפילו פגרן, אַבי נישט אין תפיסה! — האָבן עטלעכע געזאָגט.

— פאַרשטייט זיך, אַ פרייער פויגל, אַ ווילדער, מען קען אים נישט צוגעוויינען צו דער תפיסה, — האָבן די אַנדערע צוגעשטימט.

— ווייסט אויס נישט אַזוי, ווי מיר, — האָט עמעצער צוגעגעבן.

— אויך אַרייגעפאָרן: דאָס איז אַ פויגל, און מיר זיינען דאָך מענטשן.

— אָן אָדלער, ברידערלעך, איז דער קיסר פון אַלע וועלדער...

און איינמאָל נאָכמיטאָג, ווען די פויק האָט גערופן צו דער אַרבעט, האָט מען גענומען דעם אָדלער, מיט דער האַנט אים פאַרשטאָפט דאָס מויל, ווייל ער האָט זיך גענומען שרעקלעך שלאָגן, און מען האָט אים אַרויסגעטראָגן פון דער תפיסה.

מען איז צוגעגאַנגען צום בערגל.

די חברה אַרעסטאַנטן איז באַשטאַנען פון אַ מענטשן צוועלף, און אַלע זיינען געווען בייגעריק צו זען, וווהין דער אָדלער וועט

אוועקגיין. אַ מאָדנע זאַך: אַלע זיינען עפּעס געווען צופרידן, פּונקט ווי זיי אַליין וואָלטן טיילווייז פריי געוואָרן.

— זע נאָר, אַ מין הינטיש בלוט: טוסט אים גוטס, און ער בייסט נאָך! — האָט געזאָגט דער, וואָס האָט אים געהאַלטן, און כמעט מיט ליבשאַפט געקוקט אויפן בייזן פויגל.

— לאָז אים אָפּ, מיקיטקאַ!

— לאָז אים אָפּ אויף דער פריי, אויף דער הפקרדיקער פרייער פרייהייט.

מען האָט אַראָפּגעוואָרפן דעם אָדלער פון בערגל אין סטעפּ אַראָפּ. עס איז געווען טיפער הערבסט און דער טאָג איז געווען אַ קאַלטער און טריבער. דער ווינט האָט געסווישטשעט אין דער סטעפּ, געראַשט צווישן דעם געלן, אויסגעטריקנטן, פאַרהאַרטעוועטן סטעפּישן גראָז.

דער אָדלער האָט זיך אַראָפּגעלאָזט גלייך, געפּאָכעט מיטן קראַנקן פליגל און פּונקט ווי געאיילט זיך אַוועקצוגיין פון אונדז וווהין די אויגן טראָגן.

די אַרעסטאַנטן האָבן נייגעריק נאָכגעקוקט ווי ס'האָט אויף דער פלאַך פון גראָז געשוועבט זיין קאָפּ.

— זעסט אים? — האָט איינער אויסגערעדט פאַרקלערט.

— ער קוקט זיך אפילו נישט אום. — האָט אַן אַנדערער צוגעגעבן. — קיין איין מאָל, ברידערלעך, האָט ער זיך נישט אומגעקוקט, לויפט זיך!

— און דו וואָס האָסט געמיינט, ער וועט קומען דאַנקען? — האָט אַ דריטער באַמערקט.

— אַ פּשוטע זאַך — פרייהייט: ער האָט דערשפּירט די פרייהייט.

— פרייהייט — הייסט עס.

— און מען זעט אים שוין נישט אָן, ברידערלעך...

— וואָס איז דאָס פאַר אַ שטיין? מאַרש! — האָט די וואַך זיך צעשריגן, און אַלע האָבן זיך שווייגנדיק אַוועקגעשלעפּט צו דער אַרבעט.

ניעטאטשקא און קאטיא

ניעטאָטשקאַ און קאַטיאַ.

ניעטאָטשקאַ האָט אין איין און דעם זעלבן טאָג פאַר־לוירן איר פאָטער און מוטער, און אַ פירשטלעכע משפחה האָט זי אַריינגענומען צו זיך אין שטוב. דאָרט האָט זי אין אָנהייב איבערגעלעבט אַ שווערע קרענק. איר באַ־וווסטזיין האָט זיך איר אומגעקערט ערשט דאַמאָלס, ווען זי איז געזונט געוואָרן. דאָס זיינען אירע שפּע־טערדיקע כּתבים וועגן דעם, וואָס עס איז געווען מיט איר ווייטער.

דאָס איז געווען דער צווייטער און לעצטער פּעריאָד פון מיין קרענק.

ווען איך האָב אויפסניי געעפנט די אויגן, האָב איך דערזען פאַר זיך אַ קינד, אַ מיידעלע אין מיין עלטער, און מיין ערשטע באַוועגונג איז געווען אויסצושטרעקן צו איר די הענט. באַלד פון ערשטן קוק אויף איר, — איז מיין האַרץ פול געוואָרן מיט אַ זיסן פאָרגעפיל, מיט אַ געפיל פון גליק. שטעלט זיך פאָר אַ זעלטן שיין פּנימל, אַן איבעראַשנדע, בלענדנדיקע שיינהייט, אַזאַ שיינהייט, פאַר־וועלכער איר בלייבט פלוצלינג שטיין אַ פאַרחושטער, אַ באַגייס־טערטער, אַ באַהערשטער פון אַ זיסער פאַרלעגנהייט, און וועלכער דו ביסט דאַנקבאַר דערפאַר, וואָס זי עקזיסטירט, דערפאַר, וואָס אייער בליק איז געפאַלן אויף איר, דערפאַר, וואָס זי איז אייך אַקעגנגעקומען.

דאָס איז געווען דעם פּירשטס טאָכטער, קאַטיאַ, וואָס האָט זיך אומגעקערט פון מאָסקווע.

זי האָט אַ שמייכל געטון צו מיר, און מיין אָפּגעשוואַכט האַרץ האָט אָנגעהויבן נאָגן פון אַ זיסער באַגייסטערונג.

קאַטיאַ האָט צוגערופן דעם פאָטער, וואָס איז געשטאַנען נישט ווייט פון מיר און האָט גערעדט מיטן דאָקטאָר.

— נו, גאָט צו דאַנקען! גאָט צו דאַנקען! — האָט דער פּירשט געזאָגט, מיך אָנגענומען באַ דער האַנט, און זיין פּנים האָט בשעת מעשה געשטראַלט פון אַן אויפריכטיקן פרייד-גפּיל. — איך בין צופרידן, צופרידן, זייער צופרידן, — האָט ער ווי זיין שטייגער איז געווען, גיך, גיך גערעדט. — און דאָס איז, קאַטיאַ, מיין מיי-דעלע: באַקענט זיך, — האָסטו שוין אַ חברטע אויך. ווער נאָר גיי-כער געזונט, ניעטאַטשקאַ. אָט אַ שלעכטע, אַזוי, אַזוי איבערגע-שראָקן!...

מיין געזונט-ווערן איז אַוועק מיט גיכע טריט.

אין עטלעכע טעג אַרום בין איך שוין אַרומגעגאַנגען. קאַ-טיאַ פלעגט יעדן פרימאָרגן צוקומען צו מיין בעט, און אַ שטענ-דיקער שמייכל, אַ געלעכטער האָט שטענדיק געשוועבט אויף אירע ליפּן. איך האָב געוואַרט אויף איר קומען, ווי מען וואַרט אויף אַ גליק; מיר האָט זיך אַזוי געוואָלט איר אַ קוש טון! נאָר געקומען איז די שטיפערקע קוים אויף עטלעכע מינוט; זי האָט בשום אופן נישט געקענט איינזיצן רויק. עס איז געווען באַ איר אַן אָרגאַניש באַדערפעניש שטענדיק צו באַוועגן זיך, אַרומצולויפן, שפּרינגען, רוישן און טומלען איבער דער גאַנצער שטוב. און דאָס ערשטע מאָל האָט זי מיר דערקלערט, אַז איר איז שרעקלעך לאַנגווייליק צו זיצן מיט מיר און דעריבער וועט זי זייער זעלטן קומען צו מיר, און דאָס אויך נאָר דערפאַר, וואָס איר איז אַ רחמנות אויף מיר, — איז וואָס-זשע טוט מען, מוז מען שוין קומען; נאָר אָט,

לאָמיר געזוגט ווערן, וועט שוין גיין בעסער. און יעדן פרימאָרגן איז דאָס געווען איר ערשט וואָרט:

— נו, שוין געזוגט?

נאָר אַזוי ווי איך בין נאָך אַלץ געווען דאַר און בלאַס, און דער שמייכל אויף מיין אומעטיקן פּנים איז געווען אַ קרענקלעכער, האָט קאַטיאַ ברוגז גערינצלט דעם שטערן, געשאָקלט מיטן קאָפּ און געטופּעט מיטן פיסל פון פאַרדראָס.

— איך האָב דאָך דיר נאָך נעכטן געזאָגט, אַז דיר זאָל בע־סער ווערן! וואָס? אפשר גיט מען דיר קיין עסן נישט?

— יאָ, ווינציק, — האָב איך מיט מורא געענטפערט, ווייל איך האָב שוין מורא געהאַט פאַר איר. איך האָב מיטן גאַנצן האַרץ געוואָלט וואָס מער איר געפעלן און דערפאַר האָב איך זיך געשראָקן פאַר מיין יעדן וואָרט, פאַר מיין יעדער באַוועגונג. אירע באַזוכן האָבן מיך אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער באַגייסטערט. איך פלעג נישט אַראָפּלאָזן פון איר קיין אויג, און אַז זי איז אַוועק, האָב איך נאָך אַלץ, ווי אַ באַצויבערטע, געקוקט אויף דעם אָרט, וווּ זי איז געשטאַנען. זי האָט מיר אָנגעהויבן קומען צו חלום, און אויף דער וואָר, בשעת זי איז נישט געווען, האָב איך זיך פאַרנומען מיט אויסטראַכטן גאַנצע שמועסן פאַר אירעטוועגן, פאַר־געשטעלט זיך, אַז איך בין איר חברטע און אַז איך שטיף, שפּיל זיך און וויין צוזאַמען מיר איר, ווען מען באַשטראָפט אונדז. איך האָב זייער שטאַרק געוואָלט טון, וואָס זי האָט געהייסן, גיכער גע־זונט ווערן, וואָס גיכער גראָב ווערן.

און ווען קאַטיאַ פלעגט אינדערפרי אַריינלויפן און אַ געשריי טון: „נישט געזונט געוואָרן? נאָך אַלץ אַ דאַרע!” האָב איך זיך געפילט זייער שולדיק. און קיין זאַך וואָלט נישט געקענט זיין ערנ־סטער פון קאַטיאַס וווּנדערן זיך, פאַרוואָס איך באַווייז נישט צו קו־

מען צו מיינע קרעפטן אין משך פון אַ מעת-לעת; ענדלעך, האָט זי זיך שוין אויף אַן אמת אָנגעהויבן בייזערן.

— נו, אפשר ווילסטו, וועל איך דיר הייסן ברענגען אַ קוכן? — האָט זי מיר איינמאָל געזאָגט. — עס, פון דעם וועסטו גיך גראָב ווערן.

— ברענג, — האָב איך געענטפערט און בין גליקלעך געווען, וואָס איך וועל זי נאָכאַמאָל זען.

דערוווסט זיך וועגן מיין געזונט-צושטאַנד, פלעגט זיך קאַטיאַ געוויינטלעך אַנידערזעצן אויף אַ שטול קעגניבער מיר און אָנהייבן באַטראַכטן מיך מיט אירע שוואַרצע אויגן. אין אָנהייב, אין דער ערשטער צייט פון אונדזער באַקאַנטשאַפט, האָט זי נישט אויפגעהערט מיט אַ נאַיווער פאַרוווּנדערונג צו באַטראַכטן מיך פון קאָפּ ביז די פיס. נאָר אונדזער געשפּרעך האָט זיך נישט איינגעגעבן. איך בין שיער נישט אויסגעגאַנגען, אַזוי האָב איך געוואָלט רעדן מיט איר, נאָר איך האָב מורא געהאַט פאַר אירע פלוצלינגדיקע איינפאַלן.

— וואָס-זשע שווייגסטו? — הייבט קאַטיאַ אָן נאָך אַ שטילשווייגן.

— וואָס טוט דער טאַטע? — טו איך אַ פרעג און בין צופרידן, וואָס עס איז דאָ יעדעס מאָל מיט וואָס אָנצוהייבן דאָס געשפּרעך.

— נישקשה, דעם טאַטן איז גוט. איך האָב היינט אויסגעטרונקען צוויי גלעזער טיי, נישט איינס, און דו וויפל?

— איינס.

און מיר שווייגן ווייטער.

— און פאָלסטאָף האָט מיר היינט געוואָלט אַ ביס טון.

— דאָס איז דער הונט.

— יאָ, דער הונט. דו האָסט אים דען נישט געזען?

— ניין, געזען.

און איך ווייס ווייטער נישט וואָס צו ענטפערן, און זי טוט ווידער אויף מיר פאַרחידושט אַ קוק.

— וואָס? דיר איז פריילעך, בשעת איך רעד מיט דיר?

— יאָ, זייער פריילעך: קום עפּטער.

— מען האָט מיר טאַקע געזאָגט, אַז איך וועל קומען צו דיר וועט דיר זיין פריילעך, אָבער דו שטייסט שוין גיכער אויף; איך וועל דיר שוין היינט געוויס ברענגען אַ קוכן... אָבער פאַרוואָס שווייגסטו אַלץ?

— אַזוי.

— דו האָלסט אין איין טראַכטן, מסתמא?

— יאָ, איך טראַכט אַ סך.

— און מיר זאָגט מען, אַז איך רעד אַ סך און טראַכט ווייניק, עס איז דען נישט גוט, אַז מען רעדט?

— ניין, איך בין צופרידן, אַז דו רעדסט.

— המ, איך וועל פרעגן בא מאַדאַם לעאָטאַר, זי ווייסט אַלץ. און וועגן וואָס טראַכסטו!

— איך טראַכט וועגן דיר, — האָב איך נישט באַלד געענטפערט.

— און פון דעם איז דיר פריילעך?

— יאָ.

— הייסט עס, האָסטו מיך ליב?

— יאָ.

— און איך האָב דיך נאָך נישט ליב. דו ביסט אַזאַ דאַרע! אָט וועל איך דיר ברענגען דעם קוכן. נו, אַ גוטן!

און קאַטיאַ טוט מיר אַ קוש כמעט אין די ליפּן אַריין און ווערט פאַרשווונדן.

נאָר באַלד נאָך מיטאָג האָב איך טאַקע באַקומען דעם קוכן.

זי איז אַריינגעלאָפן ווי אַ דולע און שרעקלעך געלאַכט פון גרויס פרייד, וואָס זי האָט מיר געבראַכט אַ פאַרבאָטן געריכט.

— עס מער, עס דיך גוט אָן, דאָס איז מיין קוכן. איך אַליין האָב נישט געגעסן. נו, אַ גוטן! — און מער האָב איך זי שוין נישט געזען.

אַ צווייט מאָל איז זי פּלוצלינג אַריינגעפלויגן צו מיר, אויך נישט אין דער באַשטימטער צייט, נאָך מיטאָג; די שוואַרצע האָר־לאָקן זיינען געווען צעוואָרפן ווי פון אַ שטורם־ווינט, די בעקלעך האָבן געברענט, די אייגלעך געגלאַנצט; אַ סימן, אַז זי איז שוין אַ שעה אָדער צוויי אַרומגעלאָפן און געשפּרונגען.

— אין אַ שפּרינגעלקע קענסטו זיך שפּילן? — האָט זי אין איין אָטעם פאַרסאָפּעט אויסגעשריגן און אַפּנים ערגעץ געאיילט זיך.

— ניין, — האָב איך אָפּגעענטפערט מיט אַ באַנג געפיל, וואָס איך קען נישט זאָגן: יאָ!

— אָט אַ מאָדנע! נו, וועסט געזונט ווערן, וועל איך דיך אויסלערנען. איך בין געקומען נאָר צוליב דעם. איך שפּיל זיך אַצינד מיט מאַדאַם לעאָטאַר. אַ גוטן, מען וואַרט אויף מיר.

ענדלעך, האָב איך זיך אויפגעהויבן פונם בעט, נאָר איך בין אַלץ נאָך געווען שוואַך און אָן כּוחות. מיין ערשטער געדאַנק איז געווען שוין קיינמאָל זיך נישט צו שיידן מיט קאַטיען. עפּעס האָט מיך געצויגן צו איר מיט אַ שטאַרקער קראַפט. איך האָב זיך נישט געקענט זאַט אָנקוקן אויף איר, און דאָס האָט קאַטיען זייער פאַר־חידושט.

מיין נייגונג צו איר איז געווען אַזוי גרויס, מיין ניי געפיל איז אַזוי שנעל געוואַקסן, אַז זי האָט דאָס נישט געקענט נישט באַמערקן, און אין אָנהייב האָט דאָס איר אויסגעזען זייער אויס־טערליש, מאָדנע.

איך געדענק, ווי איך האָב איינמאָל, בשעת עפּעס אַ שפּיל,

נישט אויסגעהאַלטן, אַרויפגעוואָרפן זיך איר אויפן האַלדז און אָנגעהויבן זי קושן.

זי האָט זיך באַפרייט פון מײַנע אָרעמס, אָנגעכאַפּט מיך בײַ די הענט, און מיט אַ גערונצלטן שטערן, פונקט ווי איך וואָלט זי באַליידיקט, האָט זי געפרעגט:

— וואָס איז מיט דיר? פאַרוואָס קושסטו מיך?

איך האָב פון איר פּלוצלינגדיקער פראַגע אַ ציטער געטון, זיך פאַרלוירן, ווי אַ שולדיקער, און נישט געענטפערט קיין וואָרט. קאַטיאַ האָט אַ מאַך געטון מיט די אַקסלען, וואָס עס איז געווען בײַ איר אַ סימן פון נישט פאַרשטיין (די תנועה איז בײַ איר געוואָרן אַ געוווינהייט), זייער ערגסט צונויפגעפרעסט אירע פולע ליפּעלעך, אוועקגעוואָרפן דאָס שפּילן זיך, אוועקגעזעצט זיך אויף דער סאָפע אין אַ ווינקעלע, און פון דאָרטן זייער לאַנג געקוקט אויף מיר. זי האָט אין זיך וועגן עפּעס געטראַכט, געזוכט אין זיך אַ באַשייד אויף דער נייער פראַגע, וואָס איז אויפגעשטאַנען בײַ איר אין מוח.

דאָס איז אויך געווען אירס אַזאַ געוווינהייט אין אַלע שווער-סטע פאַלן. און איך פון מײַן זײַט האָב זיך אויך זייער לאַנג נישט געקענט צופּאַסן צו איר שאַרפער, פּלוצלינגדיקער שטימונג.

די ערשטע צײַט האָב איך זיך אַליין באַשולדיקט, געטראַכט, אַז איך פאַרמאָג טאַקע אַ סך מאָדנע מידות. הגם דאָס איז געווען ריכטיק, האָב איך דאָך נישט געקענט פאַרשטיין, פאַרוואָס קען איך זיך נישט צונויפגיין מיט קאַטיען פונם ערשטן מאָל אָן, פאַרוואָס קען איך איר נישט איינמאָל פאַר אַלעמאָל געפעלן. עס האָבן מיר פּשוט ווי געטון מײַנע דורכפאַלן, און איך בין גרייט געווען זיך צו צעוויינען צוליב יעדן נישט באַטראַכטן וואָרט, צוליב יעדן נישט-צוטרויעלעכן בליק מצד קאַטיען צו מיר.

מײַנע צרות זײַנען געוואַקסן נישט מיט יעדן טאָג, נאָר מיט יעדער שעה, ווײַל בײַ קאַטיען איז אַלץ זייער גיך געגאַנגען.

אין עטלעכע טעג אַרום האָב איך באַמערקט, אַז זי האָט מיך פיינט געקריגן און אַפילו אָנגעהויבן צו פילן צו מיר אַן עקל. אַט דאָס מיידעלע האָט בכלל דורכגעמאַכט אַלץ גיך, שאַרף, — מען וואָלט אַפילו געקענט זאָגן ברוטאַל, ווען אין די בליץ־שנעלע איבערגאַנגען פון איר אַפּענעם, נאַיוו־אויפריכטיקן כאַראַקטער וואָלט נישט געווען געלעגן אַן איידעלער, אַן אמתער חן.

גענומען האָט זיך דאָס דערפון, וואָס זי האָט אָנגעהויבן צווייפלען אין מיר, און שפּעטער אַפילו מיך פאַראַכטן, לכתחילה, אַפנים, דערפאַר, וואָס איך האָב לחלוטין אין קיין איין שפּיל זיך נישט געקענט שפּילן.

קאַטיאַ האָט ליב געהאַט צו שטיפן, אַרומלויפן, איז געווען אַ שטאַרקע, אַ לעבעדיקע, אַ פלינקע; און איך — דער היפּך. איך בין געווען נאָך שוואַך פון דער קרענק, געווען אַ שטילע, אַ פאַרחלומטע, די שפּילעכלעך האָבן מיך נישט געפרייט; מיט איין וואָרט, איך האָב אינגאַנצן נישט פאַרמאָגט קיין מעגלעכקייטן קאַטיען צו געפעלן. אַ חוץ דעם, האָב איך נישט געקענט איבערטראָגן, אַז מען איז צוליב עפּעס נישט צופרידן מיט מיר: איך פלעג באַלד ווערן אומעטיק, פאַרלירן דעם מוט און שוין נישט באַוויזן צו פאַרגלעטן דעם טעות און צום גוטן איבערצואַנדערשן דעם שלעכטן איינדרוק וועגן מיר, — מיט איין וואָרט, איך פלעג זיך שוין אינגאַנצן באַגראָבן.

און קאַטיאַ האָט דאָס בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין.

זי האָט זיך פאַר מיר די ערשטע צייט אַפילו געשראָקן און, ווי איר שטייגער איז געווען, פאַרווונדערט געקוקט אויף מיר, נאָכדעם, ווי זי האָט אַ שעה צייט געפּטרט אויף מיר, געוואָלט מיך אויסלערנען אַ שפּיל און גאָרנישט געפועלט.

און איך פלעג באַלד ווערן אומעטיק, און מיינע אויגן זיינען שוין גרייט געווען אַ שפּריץ צו טון מיט טרערן. האָט זי זיך אַזוי־

אַ דריי מאָל אָפּגעגעבן מיט טראַכטן וועגן מיר, נאָר איז גאָרנישט דערגאַנגען, נישט פֿון מיר, נישט פֿון איר טראַכטן און האָט מיך ענדלעך אינגאַנצן פֿאַרלאָזט, מער שוין מיך נישט איינגעלאַדן, אַליין זיך געשפּילט און גאַנצע טעג אַפֿילו קיין איין וואָרט מיט מיר נישט אויסגערעדט. דאָס האָט מיך שטאַרק איבעראַשט, און איך האָב קוים איבערגעטראָגן איר גרינגשעצונג.

מיין בייע איינזאַמקייט איז געווען פֿאַר מיר כמעט נאָך שווערער פֿון דער פֿריערדיקער, און איך האָב ווייטער אָנגעהויבן בענקען, פֿאַרטראַכטן זיך, און מיין האַרץ איז ווייטער איבערפֿולט געוואָרן מיט שוואַרצע מחשבות.

ענדלעך האָט מאַדאַם לעאָטאַר, אונדזער דערציִערין, באַמערקט, אַז אין אונדזערע באַציִונגען איז עפּעס פֿאָרגעקומען. צוערשט האָב איך מיט מיין געצוווּנגענער איינזאַמקייט זיך איר געוואָרפֿן אין די אויגן, און זי האָט זיך געווענדט גלייך צו קאַטיען, איר געמאַכט פֿאָרוווּרפֿן, אַז זי ווייסט נישט, ווי צו באַגיין זיך מיט מיר.

קאַטיאַ האָט געריונצלט דעם שטערן, אַ מאַך געטון מיט די אַקסלען און דערקלערט, אַז זי האָט נישט וואָס צו טון מיט מיר, אַז איך קען זיך נישט שפּילן, אַז נאָר איך טראַכט וועגן עפּעס, און אַז זי וועט בעסער צוואַרטן אויפֿן ברודער סאַשע, וואָס וועט קומען פֿון מאָסקווע, און דאַמאָלס וועט זיי ביידע זיין אַ סך פֿריילעכער.

נאָר מאַדאַם לעאָטאַר האָט זיך נישט באַנוגנט מיטן ענטפֿער און האָט געזאָגט, אַז קאַטיאַ לאָזט מיך איבער אַליין, אין דער צייט, וואָס איך בין נאָך קראַנק און קען נישט זיין אַזוי לעבעדיק און פֿריילעך ווי קאַטיאַ, און דאָס איז, אגב, בעסער, ווייל קאַטיאַ איז צו שטיפֿעריש; אַז זי האָט דאָס אָפּגעטון, יענץ אָפּגעטון, אַז איי־ערנעכטן האָט זי דער הונט שיִער נישט אויפֿגעגעסן, — מיט איין וואָרט, מאַדאַם לעאָטאַר האָט זיך נישט געפֿוילט און זי גוט אויס-

געמוסרט; צום סוף האָט זי איר באַפוילן באַלד צוצוגיין צו מיר און זיך איבערבעטן.

קאַטיאַ האָט שטאַרק אויפמערקזאַם אויסגעהערט מאַדאַם לעטאַר, פונקט ווי פון יענערס ווערטער וואָלט איר קלאָר געוואָרן עפּעס נייעס און גערעכטיקס, זי האָט אַ וואָרף געטון די רייף, וואָס זי האָט געהאַט אַרומגעיאָגט איבערן צימער, צוגעגאַנגען צו מיר און מיט אַן ערנסט פאַרוווּנדערט אויסזען אַ פרעג געטון.

— איר ווילט זיך דען שפּילן?

— ניין, — האָב איך געענטפערט אין שרעק פאַר זיך, פאַר קאַטיען, וואָס מאַדאַם לעאָטאַר האָט זי געמוסרט.

— וואָס־זשע ווילט איר?

— איך וועל זיצן אַ ביסל; מיר איז שווער אַרומצולויפן; אָבער איר זייט נישט בייז אויף מיר, קאַטיאַ, ווייל איך האָב אייך זייער ליב.

— נו, וועל איך זיך שפּילן אַליין, — האָט קאַטיאַ שטיל און לאַנגזאַם געענטפערט זייער פאַרחידושט, וואָס עס קומט אויס, הייסט עס, אַז זי איז נישט שולדיק. נו, אַ גוטן, איך וועל זיך נישט בייזערן אויף אייך.

— אַ גוטן, — האָב איך געענפערט, בין אויפגעשטאַנען און איר דערלאַנגט די האַנט.

— איר ווילט אפשר זיך צעקושן מיט מיר, — האָט זי נאָך אַ ביסל טראַכטן אַ פרעג געטון, אַפּנים דערמאַנט זיך, וואָס עס איז אַנומלט פאָרגעקומען צווישן אונדז, און געוואָלט מיר מאַכן וואָס מער אָנגענעם, כּדי וואָס גיכער און בשלום מיט מיר צו פאַרענדיקן.

— ווי איר ווילט, — האָב איך מיט אַ שוואַכער האָפנונג אָפּגעענטפערט.

זי האָט זיך דערנענטערט צו מיר און זייער ערנסט, אָן אַ שמייכל, מיר אַ קוש געטון.

אָפּגעפּאַרטיגט אויף אַזאַ אופן אַלץ, וואָס מען האָט געפּאָ־זיערט פון איר, אָפּגעטון אפילו מער ווי מען האָט געדאַרפט, כדי אָנצוטון אַ פאַרגעניגן דעם אָרימען מיידל, צו וועלכער מען האָט זי צוגעשיקט, איז זי אַוועקגעלאָפן פון מיר אַ צופרידענע און פריי־לעכע.

און באַלד האָט זיך איבער אַלע צימערן אויפסניי שוין דער־הערט איר געלעכטער און אירע אויסגעשרייען, ביז וואַנען זי איז אַ פאַרמאַטערטע, מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם נישט אַנידערגעפאַלן אויף דער סאָפע — אָפּרוען זיך און אָנזאַמלען פרישע כוחות.

אַ גאַנצן אויפדערנאַכט האָט זי געקוקט אין מיין זייט אַריין מיט אַ חשד.

איך האָב, ווייזט אויס, אויסגעזען אין אירע אויגן זייער אויס־טערליש און מאָדנע. מען האָט געזען, אַז איר גלוסט זיך אָנצוהייבן רעדן מיט מיר, זיך קלאָר מאַכן דאָס, וואָס זי האָט אין מיר נישט פאַרשטאַנען.

געוויינטלעך פלעגן זיך אינדערפרי אָנהייבן באַ קאַטיען אירע לערן־שעהן. די מאַדאַם לעאָטאַר האָט געלייענט מיט איר פראַנצוי־זיש. דאָס גאַנצע לערנען איז באַשטאַנען אין איבערחזרן די גראַ־מאַטיק און אין לייענען לאַפאָנטענען. מען האָט מיט איר קיין סך נישט געלערנט, ווייל מען האָט אַזוי אויך קוים געפּועלט באַ איר, זי זאָל אַ שעה צוויי אין טאָג זיך אָפּגעבן מיט די ביכער. אויף דעם איז זי ענדלעך באַשטאַנען ערשט נאָכן פאָטערס בקשות, נאָך דער מוטערס באַפעלן, און זייער ערלעך דאָס דורגעפירט, ווייל זי האָט אַליין געגעבן דאָס וואָרט.

זי האָט געהאַט זעלטענע פעיקייטן.

זי האָט אַלץ אויפגענומען גיך און געשווינד. נאָר אויך דער־ביי האָט זי געהאַט מאָדנע איינפאַלן: טאָמער איז עפּעס נישט קלאָר געווען, האָט זי פיינט געהאַט צו בעטן דערקלערונגען, — זי

האָט דאָס געהאַלטן פאַר אַ בזיון, — נאָר אַליין אָנגעהויבן טראַכטן וועגן דעם. מען האָט דערציילט, אַז זי האָט געקענט גאַנצע טעג זיך ברעכן דעם קאָפּ איבער אַ זאַך, וואָס איר איז נישט קלאָר געווען, מלא כּעס, וואָס זי קען נישט אַליין, אָן פרעמדער הילף, דאָס בייקומען. און נאָר אין לעצטן פאַל, אַז זי איז שוין געבליבן אָן כּוחות, האָט זי זיך ערשט געווענדט צו מאַדאַם לעאָטאַר נאָך דערקלערונגען. די איינגעשאַפּט האָט באַגלייט איר יעדן אויפטו.

זי האָט זייער אַ סך געטראַכט, הגם פונם ערשטן בליק האָט זיך געקענט אַנדערש דאַכטן. און דערצו איז זי נאָך געווען אויסערגעוויינטלעך נאַיוו: זי האָט געקענט אַמאָל אַ שטעל טון אַ מאָדנע נאַרישע פראַגע; טיילמאָל זיינען אירע ענטפערן געווען זייער קלוג און ווייטזעענדיק.

און ענדלעך, ווען איך האָב שוין געהאַט די מעגלעכקייט עפּעס צו טון, האָט מאַדאַם לעאָטאַר אויסגעפּרווט מיינע קענטעניש, איינגעפונען, אַז איך לייען זייער גוט, שרייב זייער שלעכט און אַז איך מוז שוין, נישט לאַנג געטראַכט, אָנהייבן זיך לערנען פראַנצויזיש.

איך האָב גאָרנישט געהאַט דאַגעגן, און איינמאָל אינדערפרי זיך אַוועקגעזעצט צום לערן-טיש, צוזאַמען מיט קאַטיען. און ווי אויף צולהכעיס איז קאַטיאַ דאָס מאָל געווען זייער טעמפּ און שטאַרק צעשטרייט. מאַדאַם לעאָטאַר האָט זי נישט דערקענט. איך אָבער בין, צוליב מאַדאַם לעאָטאַר, געווען זייער פלייסיק, און אין איין מאָל שוין געקענט דעם גאַנצן אלף-בית. צום סוף פון דער לעקציע איז מאַדאַם לעאָטאַר שוין אינגאַנצן ברוגז געווען אויף קאַטיען.

— קוקט אויף איר, — האָט זי געזאָגט און אָנגעוויזן אויף מיר: — אַ קראַנק קינד, לערנט זיך דאָס ערשטע מאָל און קען שוין צען מאָל מער פאַר אייך. און איר שעמט זיך נישט?

— זי קען מער פון מיר? — האָט קאַטיאַ שטאַרק פאַרוווּנ־דערט געפרעגט, — זי לערנט זיך דאָך ערשט דעם אַלף־בית!

— אין וויפיל צייט האָט איר אויסגעלערנט דעם אַלף־בית.

— אין דריי מאָל.

— און זי אין איין מאָל... הייסט דאָס, אַז זי פאַרשטייט דריי מאָל גיכער פון אייך און וועט אייך באַלד איבעריאָגן, נישט אמת?

קאַטיאַ האָט אַ טראַכט געטון, זיך איבערצייגט, אַז מאַדאַם לעאָטאַר האָט רעכט און איז רויט געוואָרן, ווי אַ פייער. רויט ווערן, פאַרברענט ווערן פון בושה — דאָס איז געווען די ערשטע זאַך, וואָס זי האָט געטון באַ יעדן דורכפאַל פון פאַרדראָס אָדער באַליידיקטן שטאָלץ, בשעת מען האָט זי געכאַפּט באַ אַ שטות, מיט איין וואָרט, כמעט אין אַלע פאַלן. און דאָס מאָל האָבן זיך איר באַוויזן טרערן אין די אויגן. זי האָט געשוויגן, נאָר אַזאַ קוק געטון אויף מיר, ווי זי וואָלט מיך געוואָלט פאַרברענען מיטן בליק.

איך האָב מיך באַלד אָנגעשטויסן אין וואָס עס האַנדלט זיך. די קלייבע איז געווען שטאָלץ און זייער גאַווהדיק.

ווען מיר זיינען אַוועקגעגאַנגען פון מאַדאַם לעאָטאַר האָב איך געפרוווט רעדן צו איר, פאַרגלעטן איר פאַרדראָס, דערוויזן איר, אַז איך בין נישט שולדיק אין דער פראַנצויזינס ווערטער, נאָר קאַטיאַ האָט כלומרשט נישט געהערט און גאָרנישט געענט־פערט.

אין אַ שעה אַרום איז זי אַריינגעקומען אין דעם צימער, וווּ איך בין געזעסן איבערן ביכל אַלץ טראַכטנדיק וועגן איר, אָן אי־בעראַשטע און איבערגעשראָקענע פון דעם, וואָס זי האָט ווידער אויפגעהערט צו רעדן מיט מיר. זי האָט זייטיק אַ קוק געטון אויף מיר, ווי שטענדיק אַנידערגעזעצט זיך אויף דער סאָפע און אַ האַל־

בע שעה נישט אַראָפּגענומען קיין אויג פון מיר. ענדלעך, האָב איך נישט אויסגעהאַלטן און פאַרשנד אַ קוק געטון אויף איר.

— איר קענט טאַנצן? — האָט קאַטיאַ געפרעגט.

— ניין, איך קען נישט.

— און איך קען.

שטיל.

— און קלאַוויר שפּילט איר?

— אויך נישט.

— און איך שפּיל. עס איז זייער שווער זיך אויסצולערנען.

איך האָב געשוויגן.

— מאַדאַם לעאָטאַר זאָגט, אַז איר זענט קליגער פון מיר.

— די מאַדאַם לעאָטאַר איז אויף אייך בייז געוואָרן, — האָב איך געענטפערט.

— און דער טאַטע וועט זיך דען אויך בייזערן?

— איך ווייס נישט, — האָב איך געענטפערט.

ווידער אַ שטילשוויגן.

קאַטיאַ האָט אומגעדולדיק געקלאַפּט מיט איר קליין פּיסל איבער דער פּאָדלאָגע.

— וועט איר פון מיר לאַכן, וואָס איר פאַרשטייט בעסער פון מיר? — האָט זי ענדלעך געפרעגט, שוין נישט געקענט איינהאַלטן איר פאַרדראָס.

— אָך, ניין, ניין! — האָב איך אַ געשריי געטון, אויפגעשפּרונגען פון אָרט, זיך אַ וואָרף געטון צו איר און געוואָלט זי אַרומנעמען.

— און ווי איז אייך קיין בזיון נישט צו טראַכטן אַזוי און דאָס צו פרעגן? — האָט זיך פּלוצלינג דערהערט מאַדאַם לעאָטאַרס קול.

זי איז שוין אַ מינוט פינף געזעסן פון דערווייטנס און זיך

צוגעהערט צו אונדזער שמועס. — שעמט זיך! איר זענט מקנא אָן אָרים קינד און בארימט זיך פאר איר, אַז איר קענט טאַנצן און שפּילן קלאַוויר. אַ חרפּה; איך וועל דאָס אַלץ דערציילן דעם פּירשט.

קאַטיעס באַקן האָבן זיך אָנגעצונדן:

— דאָס איז אַ מיאוס געפּיל. איר האָט זי באַליידיקט מיט אייערע פראַגן. אירע עלטערן זיינען געווען אָרימע מענטשן און זיי האָבן איר נישט געקענט דינגען קיין לערערס: זי האָט זיך אַליין געלערנט, ווייל זי האָט אַ גוט, טייער האַרץ. איר וואָלט געדאַרפט זי ליב האָבן, און איר ווילט זיך מיט איר קריגן, שעמט זיך, שעמט זיך! זי איז דאָך — אַ יתומעלע. זי האָט קיינעם נישט. איר וואָלט זיך נאָך געדאַרפט באַרימען פאר איר, וואָס איר זענט אַ פּרינצעסין און זי נישט. איך לאָז אייך איבער אַליין, באַטראַכט גוט, וואָס איך האָב אייך געזאָגט, ווערט בעסער.

קאַטיאַ האָט געטראַכט פונקט צוויי טעג. צוויי טעג האָט מען נישט געהערט פון איר קיין געלעכטער, קיין געשריי, איך האָב זיך אויפגעכאַפּט באַנאַכט און דערהערט, אַז אַפילו אין שלאָף טענהט זי זיך אויס מיט מאַדאַם לעאָטאַר. זי איז אין די צוויי טעג אַפילו אַ ביסל אַראָפּ פון פּנים, און איר ליכטיק פּנימל האָט זיך אויסגע-בלייכט. ענדלעך, אויפן דריטן טאָג, האָבן מיר זיך ביידע געטראָפן אין די גרויסע צימערן, אונטן. קאַטיאַ איז געגאַנגען פון איר מו-טער, נאָר אַז זי האָט מיך דערזען, האָט זי זיך אָפּגעשטעלט און אַנידערגעזעצט זיך פונקט אַקעגן מיר. איך האָב געציטערט מיטן גאַנצן לייב, שוין מיט שרעק געוואַרט, וואָס עס וועט זיין ווייטער.

— ניעטאָטשקאַ, פאַרוואָס האָט מען געשריגן אויף מיר אי-בער אייך, — האָט זי ענדלעך געפרעגט.

— דאָס איז נישט איבער מיר קאַטיענקאַ, — האָב איך גע-איילט זיך צו פאַרענטפערן.

— און מאַדאַם לעאָטאַר זאָגט, אַז איך האָב אייך באַליידיקט.

— ניין, קאַטיענקאַ, ניין, איר האָט מיך נישט באַליידיקט.
קאַטיאַ האָט אַ מאַך געטון מיט די אַקסלען, אַלס אַ סימן פון נישט פאַרשטיין.

— פאַרוואָס-זשע וויינט איר אַלץ? — האָט זי, נאָך אַ שטיל-שווייגן, געפרעגט.

— אויב איר ווילט, וועל איך נישט וויינען, — האָב איך געענטפערט מיט טרערן אין קול.

זי האָט ווידער אַ מאַך געטון מיט די אַקסלען.

— איר פלעגט פריִער אויך נאָר וויינען?

איך האָב נישט געענטפערט.

— פאַרוואָס וויינט איר בײַ אונדז? — האָט קאַטיאַ פּלוצלינג אַ פרעג געטון, נאָכדעם ווי זי האָט אַ ביסל געשוויגן.

איך האָב שטאַרק פאַרחידושט אַ קוק געטון אויף איר, און עפּעס האָט מיר אַ שטאָך געטון אין האַרץ.

— ווײַל איך בין אַ יתומה, — האָב איך זיך צום סוף אָנ-גענומען מיט מוט צו ענטפערן.

— אַ טאַטן מיט אַ מאַמען האָט איר געהאַט?

— געהאַט.

— האָבן זיי אײַך נישט ליב געהאַט, וואָס?

— ניין... ליב געהאַט, — האָב איך קוים כּוח געהאַט צו ענטפערן.

— זײַנען זיי געווען אָרימע?

— יאָ.

— זייער אָרימע?

— יאָ.

— זיי האָבן אײַך גאָרנישט געלערנט?

— לייענען געלערנט.

— שפּילעכלעך האָט איר געהאַט?

— ניין.

— קוכן, לעקעך איז געווען?

— ניין.

— און וויפיל האָט איר געהאַט צימערן?

— איינס.

— איין צימער?

— איינס.

— און דינסטן האָט איר געהאַלטן?

— ניין, נישט געווען קיין דינסטן.

— ווער-זשע האָט אייך באַדינט?

— איך פלעג אַליין גיין איינקויפן.

קאַטיעס פראַגן האָבן מיך אַלץ מער און מער פאַרכאַפּט באַם האַרץ. דעריִנערונגען, מיין עלנטקייט, קאַטיעס ווונדערן זיך, — דאָס אַלץ האָט מיך איבעראַשט און באַליידיקט, און מיין האַרץ האָט זיך באַגאָסן מיט בלוט. איך האָב זיך געטרייסלט פון אויפרעגונג און זיך געשטיקט פון טרערן.

— זענט איר, הייסט עס, צופרידן, וואָס איר ווינט באַ אונדז? איך האָב געשוויגן.

— אַ קלייד האָט איר געהאַט אַ שיינס?

— ניין.

— אַ מיאוס?

— יאָ.

— איך האָב געזען אייער קלייד, מען האָט מיר געוויזן.

— פאַרוואָס-זשע פרעגט איר מיך? — האָב איך געזאָגט, אַן אויפגעציטערטע פון עפּעס אַ ניי, נישט באַקאַנט געפיל און זיך אויפגעהויבן פון אָרט.

— פאַרוואָס-זשע פרעגט איר? — האָב איך איבערגעחזרט אינגאַנצן רויט פון גרויס כּעס. — פאַרוואָס לאַכט איר פון מיר?

קאַטיאַ האָט זיך אָנגעצונדן און איז אויפגעשטאַנען פון אָרט, נאָר באַלד זיך באַהערשט.

ביין... איך לאָז נישט, — האָט זי געענטפערט. — איך האָב נאָר געוואָלט וויסן, צי עס איז אמת, אַז אייער טאַטע און מאַמע זיינען געווען אָרימע?

— פאַרוואָס פרעגט איר מיך וועגן מיין טאַטן און דער מאַמען? — האָב איך געפרעגט און זיך צעוויינט פון האַרצווייטיק. — פאַרוואָס פרעגט איר אויף אַזאַ אופן וועגן זיי? וואָס האָבן זיי אייך געטון, קאַטיאַ?

קאַטיאַ האָט זיך פאַרלוירן און נישט געוווסט, וואָס צו ענטפערן. און גראָד אין דער מינוט איז אַריינגעקומען דער פירשט.

— וואָס איז מיט דיר, ניעטאָטשקאַ? — האָט ער געפרעגט, ווען ער האָט אַ קוק געטון אויף מיר און דערזען מיינע טרערן: — וואָס איז מיט דיר? — האָט ער ווייטער גערעדט, דערזעענדיק קאַליען, וואָס איז געווען רויט, ווי פייער: — פון וואָס האָט איר גערעדט? פאַרוואָס האָט איר זיך צעקריגט? ניעטאָטשקאַ, פאַרוואָס האָט איר זיך צעקריגט?

אָבער איך האָב נישט געקענט ענטפערן. איך האָב געכאַפּט דעם פירשטס האַנט און מיט טרערן זי געקושט.

— קאַטיאַ, לייקן נישט, וואָס איז דאָ געשען?

קאַטיאַ האָט נישט געקענט זאָגן קיין ליגנט.

— איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב געזען איר מיאוס קלייד, וואָס זי האָט געטראָגן, בשעת זי האָט נאָך געוווינט מיט איר טאַטן און מאַמען.

— ווער האָט עס דיר געוויזן? ווער האָט געוואַגט דיר צו ווייזן?

— איך האָב אַליין געזען, — האָט קאַטיאַ אַנטשלאָסן געענטפערט.

— נו, גוט! דו וועסט נישט זאָגן אויף אַ צווייטן. איך קען דיך. וואָס-זשע ווייטער?

— און זי האָט זיך צעוויינט און געזאָגט: פאַרוואָס איך לאַך פון איר טאַטן און פון איר מאַמען.

— האָסטו, הייסט דאָס, געלאַכט פון זיי?

און כאָטש קאַטיאַ האָט נישט געלאַכט, איז אָבער, אפנים, ווי איך האָב דאָס אין דער ערשטער מינוט פאַרשטאַנען, שוין אַזאַ מיין געווען בא איר. זי האָט קיין וואָרט נישט געענטפערט: הייסט עס, זי האָט זיך מודה געווען.

— באַלד טאַקע גיי צו צו איר און בעט זי זאָל דיר מוחל זיין, — האָט דער פירשט געזאָגט און אָנגעוויזן אויף מיר.

קאַטיאַ איז געשטאַנען בלייך, ווי די וואַנט, און האָט זיך נישט גערירט פון אָרט.

— נו! — האָט דער פירשט געזאָגט.

— איך וויל נישט, — האָט קאַטיאַ ענדלעך אַרויסגערעדט שטיל און אַנטשלאָסן.

— קאַטיאַ!

— ניין, איך וויל נישט, איך וויל נישט! — האָט זי זיך פלוצלינג צעשריגן און דערביי געפינקלט מיט די אייגעלעך און געטופּעט מיט די פיס. — איך וויל נישט בעטן קיין מחילה, טאַטע. איך האָב זי נישט ליב. איך וועל נישט וווינען צוזאַמען מיט איר... איך בין נישט שולדיק, אַז זי וויינט אַ גאַנצן טאָג, איך וויל נישט.

— קום מיט מיר, — האָט דער פירשט געזאָגט, געכאַפּט זי בא דער האַנט און אַוועקגעפירט צו זיך אין אַרבעט-צימער אַריין. ניעטאָטשקאַ גיי אַרויף.

איך האָב זיך געוואָלט וואַרפן צום פירשט, געוואָלט אים בעטן פאַר קאַטיען, נאָר דער פירשט האָט שטרענג איבער'געחזרט זיין באַפעל, און איך בין אַוועק אַרויף, אַ דערשראָקענע, אַ טויטע

פון שרעק. אין באַ אונדז אין צימער בין איך אַנידערגעפאַלן אויף דער סאָפע און מיט די הענט פאַרדעקט דאָס פּנים.

איך האָב געציילט די מינוטן, מיט אומגעדולד געוואַרט אויף קאַטיען, געוואָלט זיך וואַרפן צו אירע פיס. ענדלעך איז זי געקו־מען, מיר קיין וואָרט נישט געזאָגט, דורכגעגאַנגען פאַרביי מיר און זיך געזעצט אין ווינקל. אירע אויגן זייַנען געווען רויט, די באַקן אָנגעשוואָלן פון טרערן. מיין גאַנצער מוט איז פאַרשוואונדן. איך האָב מיט שרעק געקוקט אויף איר, און פאַר שרעק נישט געקענט זיך רירן פון אָרט.

איך האָב נישט אויפגעהערט צו באַשולדיקן זיך, נישט אויפ־געהערט צו דערווייזן זיך, אַז נאָר איך אַליין בין אין אַלעם שול־דיק. טויזנט מאָל האָב איך באַשלאָסן צוצוגיין צו קאַטיען און טויזנט מאָל זיך אָפּגעשטעלט, ווייל איך האָב נישט געוווסט, ווי אַזוי זי וועט מיך אויפנעמען.

אַזוי איז אַדורך אַ טאָג און צוויי.

צום סוף פון צווייטן טאָג איז קאַטיאַ געוואָרן פריילעכער, אַפילו אָנגעהויבן קאָליערן איר רייף איבער די צימערן, נאָר באַלד זי אוועקגעוואָרפן און אַריינגעזעצט זיך אַליין אין אַ ווינקל. פאַרן שלאָפן גיין האָט זי זיך פּלוצלינג אויסגעדרייט צו מיר, אַפילו צוויי טריט געמאַכט, און אירע ליפּעלעך האָבן זיך שוין צעעפנט עפּעס צו זאָגן מיר, נאָר זי האָט זיך אָפּגעשטעלט, צוריק זיך אויסגעדרייט און זיך אין בעט אַריין געלייגט.

אַזוי איז אַוועק נאָך איין טאָג, און ענדלעך איז די פאַוווּ־דערטע מאַדאַם לעאָטאַר צוגעשטאַנען צו קאַטיען: וואָס עס איז מיט איר? אפשר איז זי נישט געזונט, וואָס זי איז פּלוצלינק אַזוי שטיל געוואָרן.

קאַטיאַ האָט עפּעס אָפּגעענטפערט, גענומען זיך צו אַ שפּי־לעכל, אָבער ווי נאָר מאַדאַם לעאָטאַר האָט זיך אַוועקגעדרייט, איז

זי באַלד רויט געוואָרן און זיך צעוויינט. באַלד איז זי אַרויסגעלאָפן פון צימער, כדי איך זאָל דאָס נישט זען. און ענדלעך האָט צו דעם אַן ענדע גענומען: פונקט אין דריי טעג אַרום נאָך אונדזער צע-קריגן זיך איז זי פּלוצלינג נאָך מיטאָג אַריין צו מיר אין צימער און מיט שטילע טריט צוגעגאַנגען צו מיר.

— דער טאַטע האָט געהייסן איך זאָל בעטן בײַ אײַך מחילה, — האָט זי אַרויסגערעדט: — זענט איר מיר מוחל?

איך האָב שנעל אָנגעכאַפּט קאַטיען בײַ אירע בײדע הענט, און מײַן אָטעם האָט געשטאָקט, בשעת איך האָב געזאָגט:

— יאָ! יאָ!

— דער טאַטע האָט מיך געהייסן זיך צעקושן מיט אײַך, — איר וועט מיר אַ קוש טון?

אַנשטאָט אַן ענטפער האָב איך אָנגעהויבן קושן אירע הענט און באַגיסן זיי מיט מײַנע טרערן. ווען איך האָב אַ קוק געטון אויף קאַטיען, האָב איך דערזען, אַז איר פּנים האָט עפּעס אַן אויסערגע-וויינטלעכן אויסדרוק. אירע ליפּן האָבן זיך באַוועגט, דער קין האָט געציטערט און די אויגן זיינען געוואָרן פייכט, נאָר זי האָט באַלד געמאַכט אַן אָנשטרענגונג, און אַ שמייכל האָט זיך אויף אַ ווײַלע באַוויזן אויף אירע ליפּן.

— איך וועל גיין, איך וועל זאָגן דעם טאַטן, אַז איך האָב אײַך אַ קוש געטון און איבערגעבעטן, — האָט זי שטיל געזאָגט, ווי מיט זיך אַליין רעדנדיק. — איך האָב אים שוין דריי טעג נישט געזען. — זי האָט אַ ביסל געשוויגן און צוגעגעבן — ער האָט מיך אַן דעם נישט געהייסן אַרײַנקומען צו זיך.

נאָר אין אַ שעה אַרום האָט זיך שוין פון אויבן דערהערט אַ געשריי, אַ רעש, אַ געלעכטער, פּאָלסטאָף האָט געבילט, עפּעס האָט זיך איבערגעקערט און צעבראָכן, טעלערס ביכער זיינען אַראָפּגע-פלויגן אויף דער ערד, איבער אַלע צימערן האָט זיך שוין געדרייט

און געשפּרונגען די רייף, — מיט איין וואָרט, איך האָב פאַרשטאַנען, אַז קאַטיאַ איז שלום געוואָרן מיטן פאָטער, און מיין האַרץ האָט געצאַפּלט פון פרייד.

נאָר צו מיר איז זי נישט צוגעגאַנגען און אַפּנים אויסגעמיטן צו רעדן מיט מיר. דערפאַר אָבער האָב איך געהאַט די ערע אַרויסצורופן אין איר אַ שטאַרקע נייגעריקייט. אַלץ אָפטער און אָפטער פלעגט זי זיך זעצן אַקעגן מיר און אויפמערקזאַם אויף מיר קוקן. דער אופן ווי אַזוי זי פלעגט מיך באַטראַכטן איז געוואָרן אַלץ באַזיוער, מיט איין וואָרט, דאָס צעפּיעשטשעטע, קאַפּריזע מיידעלע, וואָס אַלע אין שטוב האָבן זי געצערטלט און געציטערט איבער איר, ווי איבער אַן אוצר, האָט בשום אופן נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי איך האָב זיך דאָס עטלעכע מאָל געשטעלט איר אין וועג, בשעת זי האָט דאָס גאָרנישט געוואָלט. נאָר זי האָט פאַרמאָגט אַ קליין דימענטן האַרץ, וואָס האָט שטענדיק אינסטינקטיוו געפונען פאַר זיך דעם ריכטיקן אויסוועג.

אַ גרויסע השפּעה אויף איר האָט געהאַט דער פאָטער, וועלכן זי האָט פאַרגעטערט. די מוטער האָט זי שרעקלעך ליב געהאַט, נאָר געווען איז זי מיט איר זייער שטרענג, און פון איר טאַקע האָט קאַטיאַ געירשנט דאָס עקשנות, גדלות און פעסטקייט פון כאַראַקטער. און דאָך האָט קאַטיאַ איבערגעטראָגן אַלע דער מוטערס משוגעתן, וואָס זיינען אָפט געווען פיינלעך און שווער.

די פירשטין האָט געהאַט אַ מאָדנע מיינונג וועגן דערציונג, און קאַטיעס דערציונג איז טאַקע געווען אַ מאָדנער געמיש פון אָן אַ שיער נאָכגיביקייט און גוואַלטיקער שטרענגקייט. וואָס עס איז דערלויבט געווען נעכטן, איז היינט פּלוצלינג, אָן שום סיבה, פאַרבאָטן געוואָרן. און דאָס האָט באַליידיקט אין קינד דאָס געפיל פון גערעכטיקייט.

איך וויל נאָר זאָגן, אַז דאָס קינד האָט שוין געהאַט אַ

באַשטימטע פאָרם פאַר אירע באַציִונגען צו דער מוטער און צום פאָטער. מיטן לעצטן איז זי געווען אַזוי, ווי זי איז, אָפן, וואָס אויף דער לונג דאָס אויף דער צונג. מיט דער מוטער פונקט פאַרקערט, — פאַרשלאָסן, אָן צוטרוי און אַבסאָלוט געהאָרכזאַם. באַר איר געהאָרכזאַמקייט איז געווען נישט קיין אויפריכטיקס און איבערצייגטעס, נאָר געטריבן פון אַ מוז. און אגב וויל איך נאָך זאָגן צום שבח פון מיין קאַטיען, אַז זי האָט צום סוף פאַרשטאַנען איר מוטער, פאַרשטאַנען די גרענעצלאָזיקייט פון דער מוטערס ליבע, וואָס פלעגט אָננעמען אַ מאָל קרענקלעכע פאָרמען, אריינגעפירט דאָס לעצטע אין איר חשבון, — און ערשט דאַן פרייוויליק זיך אונטערגעגעבן איר.

נאָר איך האָב כמעט נישט פאַרשטאַנען, וואָס עס טוט זיך מיט מיר, איך בין געווען פאַרליבט אין מיין קאַטיען. וואָס האָט מיך געצויגן צו איר? פון וואָס האָט זיך גענומען מיין ליבע? זי האָט זיך אָנגעהויבן מיטן ערשטן בליק אויף איר, בשעת אַלע מיינע געפילן זיינען זיס איבעראַשט געוואָרן פון איר מלאָכישער שיינקייט, צַלץ אין איר איז געווען זעלטן שיין; קיין איינער פון אירע חסרונות איז נישט געבליבן געוואָרן צוזאַמען מיט איר, — אַלע זיינען אויפגענומען געוואָרן און צַלע האָבן זיך געפונען אין אַ צושטאַנד פון קאַמף. אומעטום האָט מען געקענט זען דעם זעלטן גוטן שורש, וואָס האָט נאָר צייטווייליק אָנגענומען אַ פאַלשע פאָרם; נאָר אַלץ, אָנהייבנדיק פון אָט דעם קאַמף, האָט געשיינט אין איר מיט אַ גוטער האָפנונג, אַלץ האָט פאָרויסגעזאָגט אַ גלענצנדיקע צוקונפט. אַלע האָבן זיך געשפיגלט אין איר, אַלע, נישט נאָר איך אַליין, האָבן זי ליב געהאַט. ווען מען פלעגט אונדז אַ זייגער דריי ארויספירן שפּאַצירן, האָבן זיך אַלע דורכגייער, ווי נאָר זיי פלעגן זי דער זען, פאַרחושטע אָפּגעשטעלט, און אָפט פלעגט אַן אויסגעשריי פון איבעראַשונג באַגלייטן דאָס גליקלעכע קינד. קען זיין, אין מיר איז צום

ערשטן מאָל אַנגערירט געוואָרן מיין עסטעטיש געפיל, מיין געפיל פאַר שיינקייט, וואָס איז צום ערשטן מאָל דורך שיינקייט אויפגעוועקט געוואָרן, און — אָט איז די סיבה פון מיין ליבע.

קאַטיעס הויפּט-חסרון, אָדער, בעסער געזאָגט, דער הויפּט-שורש פון איר כאַראַקטער, וואָס האָט מיט אימפּעט געשטורעבט זיך איינצופּאַסן אין זיין אָרגאַנישער פאָרם, און וואָס איז, נאַטירלעך, אַוועק אין אַ זייט און געפונען זיך אין קאַמפּס-צושטאַנד, — איז געוועזן איר שטאָלצקייט. די שטאָלצקייט פלעגט דערגיין בא איר ביז נאַיווע קליינינקייטן און איבערגיין אין אַ געפיל פון אייגן-ליבע. און טאָמער פלעגט מען, למשל, אין וואָס עס זאָל נישט זיין, זיך איר אַקעגנשטעלן, האָט זי זיך נישט באַליידיקט, זיך נישט געבייזערט און נאָר זיך געוווּנדערט. זי האָט נישט געקענט באַגרייפן, ווי עס קען עפּעס זיין אַנדערש, ווי זי וויל. נאָר דאָס געפיל פון גערעכטיקייט האָט תמיד געזיגט אין איר האַרץ. אויב זי האָט זיך איבערצייגט, אַז זי איז נישט גערעכט, האָט זי באַלד נישט גערעדט און נישט געצווייפלט, אונטערגעוואָרפן זיך דעם אורטייל. און אויב זי האָט זיך ביז אַהער, אין די באַציונגען צו מיר, זיך אַרויסגעוויזן אַנדערש, דערקלער איך דאָס מיט דער אומבאַגרייפלעכער אַנטיפּאַטיע צו מיר, וואָס האָט אויף אַ צייט צעשטערט די גאַנצקייט און האַרמאָנישקייט פון איר גאַנצן וועזן. און אַזוי האָט עס געדאַרפט זיין.

זי האָט אַלץ אויפגענומען צו היציק, און נאָר אַ ביישפּיל, אַ דערפאַרונג האָט געקענט זי אַרויספירן אויפן ריכטיקן וועג. דער סך-הכל פון אַלע אירע אויפטוען איז געוועזן אַן אמתער, אַ גוטער און שיינער, נאָר געקומען איז זי צום סך-הכל דורך אָן אַ שיעור אָפּווייכונגען און טעותים.

קאַטיאַ האָט זייער גיך באַפרידיקט איר נייגעריקייט בנוגע צו מיר, און ענדלעך באַשלאָסן מיך צו רו צו לאָזן.

זי האָט זיך געפירט אַזוי, פּונקט ווי איך וואָלט נישט געווען אין שטוב; מיר — קיין איבעריק וואָרט נישט געשענקט, אפילו כמעט קיין נייטיקס נישט; איך בין באַזייטיקט געוואָרן פון די שפּילן, און באַזייטיקט געוואָרן נישט מיט געוואַלט, נאָר פלינק, פּונקט ווי איך אַליין וואָלט אויף דעם מסכים געווען. דאָס לערנען זיך איז זיך געגאַנגען מיט זיין וועג, און טאָמער האָט מען מיך אַרויסגעשטעלט אַלס ביישפּיל פון פאַרשטענדעניש און געלאַכנקייט, האָב איך שוין נישט געהאַט די ערע צו באַליידיקן איר אייגנליבע, וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק עמפּינדלעך, אַז אפילו דער הונט אונדזערער, דער הער דזשאַן פאַלסטאַף, האָט זי געקענט באַליידיקן.

פאַלסטאַף איז געווען אַ קאַלטבלוטיקער און פלעגמאַטישער, נאָר אַז מען האָט אים צערייצט, איז ער געוואָרן בייז ווי אַ טיגער, אפילו ביזן אָפּלייקענען די מאַכט פונם באַלעבאָס, און נאָך אַ שטריך: ער האָט לחלוטין קיינעם נישט ליב געהאַט; נאָר דער גרעסטער, שטאַרקסטער שונא זיינער איז אָן שום ספק געווען די אַלטע פירשטין...

נאָר וועגן דער מעשה שפּעטער.

און קאַטיאַ האָט מיט אַלע מיטלען געפּרוווט איינעמען דעם נישט העפלעכן פאַלסטאַף; איר איז געווען נישט אָנגענעם, וואָס עס איז דאָ כאָטש איין חיה אין שטוב — דאָס איינציקע — וואָס אָנערקענט נישט איר אויטאָריטעט, איר קראַפט, בייגט נישט פאַר איר דעם קאָפּ, האָט זי נישט ליב.

און אָט האָט קאַטיאַ באַשלאָסן אַליין אָנצוגרייפן פאַלסטאַפן. איר האָט זיך געוואָלט הערשן און האָבן די מאַכט איבער אַלע. ווי אַזוי־זשע האָט פאַלסטאַף געקענט באַפרייט ווערן פון דעם? נאָר דער שטיין־פעסטער הונט האָט זיך נישט אונטערגעגעבן.

איינמאָל, נאָכמיטאָג, זיינען מיר ביידע געזעסן אונטן, אין גרויסן זאַל. דער הונט האָט זיך אויסגעלייגט אינמיטן צימער און

פֿויל זיך געשעפּט תּענוג פֿון זיין נאָכמיטאָגדיקער רו. און אין דער מינוט האָט קאַטיאַ באַשלאָסן אים אַריינצוגעמען אין אירע הענט. האָט זי אַוועקגעוואָרפֿן איר שפּילן זיך און פּאַרזיכטיק, אויף די שפּיץ פֿינגער, זיך אָנגעהויבן דערנענטערן צו פֿאַלסטאַפֿן, פֿרייַנטלעך גע־מאַכט צו אים מיט דער האַנט, געלאַשטשעט זיך צו אים און אָנ־גערופֿן אים מיט די צערטלעכסטע נעמען. נאָר פֿאַלסטאַף האָט נאָך פֿונדערווייטנס אַ וויַז געטון זיינע שרעקלעכע ציין.

קאַטיאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט.

איר גאַנצער מ״ין איז געווען נאָר צוצוגיין צו פֿאַלסטאַפֿן. אַ גלעט צו טון אים, וואָס ער האָט לחלוטין קיינעם נישט דערלויבט, אַ חוץ דער פּירשטין, באַ וועלכער ער איז געווען אַ ליבלינג, און צווינגען אים צו גיין נאָך זיך: אַן אונטערנעמונג אַ שווערע, באַ־גלייט פֿון אַן ערנסטער געפֿאַר, ווייל פֿאַלסטאַף, אויב ער וואָלט נאָר געהאַלטן פֿאַר נייטיק, וואָלט זיך נישט פֿאַרטראַכט און אָפּגע־ביסן איר אַ האַנט, אָדער זי צעריסן.

ער איז געווען אַ שטאַרקער, ווי אַ בער, און איך האָב מיט אומרו, מיט אימה געקוקט פֿונווייטנס אויף קאַטיען. נאָר איבערצייגן זי אין ערשטן מאָל איז געווען נישט גרינג, און אַפֿילו פֿאַלסטאַפֿס ציין, וואָס ער האָט זיי זייער נישט העפֿלעך אַרויסגעשטעלט, זיי־נען געווען נישט גענוגנד.

דערזעענדיק, אַז אין ערשטן מאָל קען מען נישט צוגיין, האָט קאַטיאַ פֿאַרוווּנדערט אַרומגעקרייזט איר שונא.

פֿאַלסטאַף האָט זיך נישט גערירט פֿון אָרט.

קאַטיאַ האָט אים צום צווייטן מאָל אַרומגעקרייזט, דאָס מאָל שוין פֿאַרקלענערט דאָס ראָד, דערנאָך אַ דריט מאָל, נאָר ווען זי איז דערגאַנגען ביז אַן אָרט, וואָס פֿאַלסטאַף האָט באַשטימט פֿאַר אַ גרענעץ, האָט ער נאָכאַמאָל געוויזן די ציין.

קאַטיאַ האָט אַ קלאַפּ געטון מיטן פּיכל, זיך פאַרקלערט, מיט פאַרדרוס אַוועקגעגאַנגען און זיך געזעצט אויף דער סאָפע.

אין אַ מינוט צען אַרום האָט זי אויסגעטראַכט אַ נייַ מיטל. זי איז באַלד טאַקע אַרויס און צוריקגעקומען מיט אַ גאַנצער קראָם מיט קיכעלעך און זיסע בייגל, — מיט איין וואָרט, איבערגעביטן די טאַקטיק. נאָר פאַלסטאַף איז געווען קאַלטבלוטיק, קען זיין, דערפאַר, וואָס ער איז געווען צו זאַט. ער האָט אַפילו נישט קיין בליק געטון אויף די בייגל, וואָס מען האָט אים צוגעוואָרפן; אָבער אַז קאַטיאַ איז ווידער צוגעטרעטן צו דער באַשטימטער גרענעץ, האָט פאַלסטאַף אַרויסגעוויזן אַ ווידערשטאַנד, דאָס מאָל שוין אַ סך אַ גרעסערן, ווי פריִער.

ער האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ שטשערע געטון די ציין, אַ וואָרטשע געטון, געמאַכט אַ לייכטע באַוועגונג און ווי געוואָלט זיך אַ ריס טון פון אָרט.

קאַטיאַ איז רויט געוואָרן פון כּעס, אַ וואָרף געטון די קיכלעך און ווידער זיך געזעצט אויפן אָרט.

זי איז געזעסן שרעקלעך אויפגערעגט. איר פּיסל האָט געקלאַפּט אָן טעפּיך, די בעקלעך האָבן געפלאַמט, און אין די אויגן האָבן זיך אַפילו פאַר גרויס פאַרדרוס באַוויזן טרערן. און דאָ האָט זיך געדאַרפט מאַכן, אַז זי האָט אַ קוק געטון אויף מיר — דאָס גאַנצע בלוט האָט זיך איר אַ וואָרף געטון אין פּנים אַריין. זי איז אַנטשלאָסן אויפגעשפרונגען פונם אָרט און מיט זיכערע טריט אַוועקגעשפּאַנט גלייך צום שרעקלעכן הונט.

קען זיין, אַז דאָס מאָל איז פאַלסטאַף אַזוי פאַרוווּנדערט געוואָרן, אַז ער איז געווען אינגאַנצן באַהערשט פון דעם געפיל.

ער האָט געלאָזט דעם שונא אַריבערשפּאַנען די גרענעץ, און ווען די זינגלאָזע קאַטיאַ איז שוין געווען צוויי טריט פון אים, האָט ער זי באַגעגנט מיט אַ שרעקלעך בייזן ברום.

קאטיאַ האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט, אָבער נאָר אויף אַ מינוט, און אַנטשלאָסן זיך געלאָזט ווייטער.

איך בין געבליבן טויט פון דער שרעק.

קאַטיאַ איז געווען באַגייסטערט, איך האָב זי נאָך קיינמאָל אַזעלכע נישט געזען; אירע אויגן האָבן געשטראַלט מיט זיג, מיט פייערלעכקייט פון נצחון. מען האָט געקענט פון איר מאָלן אַ גלענ-צענד בילד.

זי האָט דרייסט אויסגעהאַלטן דעם שרעקלעך דראָענדיקן בליק פון דעם צעווילדעוועטן הונט און אַפילו נישט קיין פינטל גע-טון מיט די אויגן פאַר זיין צעעפנטן, גרויזאַמען מויל.

ער האָט זיך אויפגעהויבן; אַ ווילדער בריל האָט זיך אַרויס-געריסן פון זיין האָריקער ברוסט — נאָך איין מינוט, און ער וואָלט זי געווען צעריסן.

נאָר קאַטיאַ האָט שטאָלץ אַנידערגעלייגט אויף אים איר קליין הענטל און דריי מאָל טריומפירנדיק אַ גלעט געטון איבער זיין פּלייצע.

אַ רגע האָט זיך דער הונט געקווענקלט, און די רגע איז גע-ווען די שרעקלעכסטע; נאָר פּלוצלינג האָט ער זיך שווער אויפגע-הויבן פונם אָרט, זיך אַ צי געטון, פאַרשטאַנען מסתמא, אַז מיט קינדער לוינט ניש אָנצוהייבן און זיך רויק אַרויס פון צימער.

קאַטיאַ האָט זיך פייערלעך געשטעלט אויפן אויסגעקעמפטן אָרט און געוואָרפן אויף מיר אַן אומבאַגרייפלעך גליקלעכן בליק, אַ בליק, אַן איבערגעפולטן און שיכורן פון זיג. נאָר איך בין גע-ווען בלייך ווי די וואַנט; זי האָט דאָס באַמערקט און אַ שמייכל גע-טון. אויך אירע באַקן זיינען שוין געווען שרעקלעך בלאַס, זי האָט זיך צוגעשלעפּט צו דער סאָפע און אַ פאַל געטון אויף איר כמעט אין חלשות.

-אָר מיין ליבע צו איר האָט שוין נישט געוווּסט פון קיין צוימען. פון דעם טאָג אָן, וואָס איך האָב איבערגעטראָגן אַזוי פיל שרעק פאַר איר, האָב איך זיך שוין נישט געקענט באַהערשן. איך בין שיִער נישט אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט, טויזנט מאָל בין איך גרייט געווען זיך צו וואַרפן איר אויפן האַלדז, נאָר אַ מורא האָט מיך צוגעשמידט צום אָרט, נישט געלאָזט מיך רירן. איך געדענק, אַז איך האָב אָנגעהויבן זי אויסצומיידן, כדי זי זאָל נישט באַמערקן מיין אויפרעגונג. נאָר ווען זי פלעגט צופעליק אַריינקומען אין דעם צימער, ווו איך האָב זיך באַהאַלטן, האָב איך אויפגעציטערט, דאָס האַרץ האָט מיר געקלאַפּט, דער קאָפּ האָט זיך מיר געדרייט. מיר דאַכט זיך, אַז די שטיפערקע האָט דאָס באַמערקט און אַ טאָג צוויי אַליין געווען אין עפּעס אַ פאַרלעגנהייט. נאָר גיך איז זי צוגעוווינט געוואָרן צום ניים סדר אויך. אַזוי איז אַדורך אַ חודש, און די גאַנצע צייט האָב איך שטילערהייט געליטן. מיינע געפילן, אויב מען קען אַזוי זאָגן, האָבן אַ טבע זיך מאָדנע צו צעציִען; מיין געדולד האָט נישט קיין גרענעצן, און אָן אויסברוך, אַ פלוצלינגדיקער געפילן-אויסגוס טרעפט זיך בא מיר זייער זעלטן, אַ חוץ שוין אין לעצטן פאַל. און איר דאַרפט וויסן, אַז אין דער גאַנצער צייט האָבן מיר מיט קאַטיען צווישן זיך קיין פינף ווערטער נישט אַרויסגערעדט; נאָר ביסלעכווייז האָב איך אָנגעהויבן אויפכאַפּן קוים באַמערקבאַרע סימנים, אַז זי טוט דאָס אַלץ נישט צופעליק און נישט צוליב גלייכגילטיקייט צו מיר, נאָר אַז זי האָט זיך, דאַכט זיך, געגעבן אַ וואָרט צו האַלטן מיך פון דערווייטנס, אַז זי דערווייטערט זיך באַוווסטזיניק פון מיר. נאָר איך בין שוין נישט געשלאָפן אין די נעכט, און בא טאָג האָט שוין אפילו מאַדאַם לעאָטאַר באַמערקט מיין אומרויִקייט.

איינמאָל האָב איך שטילערהייט צוגענומען בא קאַטיען איר נאָז-טיכעלע, אַ צווייט מאָל איר באַנד, וואָס זי פלעגט אַריינפלעכטן

אין אירע צעפּ, און גאַנצע נעכט פֿלעג איך זיי קושן און באַגיסן מיט טרערן.

לכתּחילה האָט מיך קאַטיעס גלייכגילטיקייט שטאַרק באַליידיקט; נאָר אַצינד — האָב איך שוין אויפֿגעהערט פֿונאַנדערצוקלויבן זיך אין מיינע געפֿילן, עס האָט זיך אין מיר אַלץ פֿאַרפֿלאָנטערט. און אויף אַזאַ אופֿן זיינען די אַלטע איינדריקן אָפּגעשטופּט געוואָרן דורך די נייע, די ערינערונגען פֿון מיין אומעטיקער פֿאַרגאַנגענהייט האָבן אָנגעווירן זייער קרענקלעכקייט און אַ נייַ לעבן האָט פֿאַרנומען זייער אָרט.

איך געדענק, אַז איך פֿלעג מיך טײלמאָל אויפֿכאַפּן באַנאַכט, אויפֿשטיין פֿון מיין בעט און אויף די שפּיץ פֿינגער צוגיין צו קאַטיען. שעהנווייז פֿלעג איך מיך, בײַ דער שיין פֿון אונדזער נאַכט-לעמפּל, איינקוקן אין קאַטיען; אַמאָל זיך צוגעזעצט אויף איר בעט, נאָענט זיך אָנגעבויגן צו איר, און איר הייסער אָטעם האָט געוואַרעמט מיין פּנים. אַ גאַנצן חודש האָב איך נישט אַראָפּגענומען מיינע אויגן פֿון קאַטיען, און ביסלעכווייז האָב איך באַמערקט, אַז זי ווערט פֿון טאָג צו טאָג אַלץ מער פֿאַרטראַכטער; זי האָט אָנגעהויבן אַרויסווייזן סתירות: אָט הערט מען זי קיין גאַנצן טאָג נישט, אָט הייבט זי אויף אַזאַ טומל, וואָס איז נאָך נישט געהערט געוואָרן. זי האָט זיך גיך אויפֿגערעגט, געטשעפּעט זיך צו קלייניקייטן, גערויטלט זיך און געבייזערט זיך, און בנוגע מיר געווען אָפּטמאָל אפֿילו אַכזריותדיק.

פּלוצלינג פֿלעגט זי נישט וועלן זיצן נאָענט לעבן מיר בשעת דעם מיטאָג, פּונקט ווי עס וואָלט זי געעקלט פֿון מיר; אָדער זי פֿלעגט גאָר פּלוצלינג אַוועקגיין צו דער מוטער, אָפּזיצן דאָרט גאַנצע טעג, אין דער צייט, וואָס זי האָט, קען זיין געוווסט, אַז אָן איר גיי איך אויס פֿון בענקשאַפֿט; אָדער גאָר פּלוצלינג אָנגעהויבן קוקן אויף מיר, קוקן שעהנווייז, און איך האָב נישט געוווסט ווי-

זיך אַהינצוטון פאַר גרויס פאַרלעגנהייט, געוואָרן רויט, בלאַס, און דערביי נישט געוואַגט אַרויסצוגיין פון צימער.

צוויי מאָל האָט זיך שוין קאַטיאַ געקלאָגט, אַז עס פיבערט זי, ביז אַהער איז זי גאָר קיינמאָל אויף דעם נישט קראַנק געווען.

די פירשטין איז שיער נישט געשטאָרבן פאַר שרעק, וואָס קאַטיאַ פילט זיך נישט גוט, און ענדלעך איז איינמאָל איבערפרי אַרויס אַ באַפעל, אַז קאַטיאַ מוז זיך אומבאַדינגט איבערציִען אַראָפּ צו דער מאַמעשי. מען דאַרף נאָך צוגעבן, אַז די פירשטין איז געווען שטאַרק נישט צופרידן מיט מיר, און די גאַנצע ענדערונג אין קאַ-טיען, וואָס זי האָט אויך באַמערקט, האָט זי צוגעשריבן מיר און דער ווירקונג פון מיין, ווי זי האָט זיך אויסגעדריקט, מרהשחורה-דיקייט. זי וואָלט שוין אונדז לאַנג צעשיידט, נאָר זי האָט דאָס אָפּ-געלייגט אויף אַ שטיקל צייט, ווייל זי האָט געוווסט, אַז עס וועט איר אויסקומען אויסצוהאַלטן אַן ערנסטן קאַמף מיטן פירשט. הגם ער האָט איר אין אַלץ נאָכגעגעבן, פלעגט ער דאָך אַמאָל ווערן האַרט און איינגעשפּאַרט נישט צום איבערעדן, און זי האָט זייער גוט געקענט דעם פירשט.

קאַטיעס אָוועקגיין האָט מיך איבעראַשט.

אַ גאַנצע וואָך בין איך געווען זייער שלעכט און ביטער גע-שטימט. איך האָב שטאַרק געבענקט נאָך איר, און איינצייטיק גע-וואָלט דערגיין די סיבות, פאַרוואָס קאַטיאַ באַציט זיך צו מיר מיט עקל. מיר איז געווען זייער אומעטיק, און אין מיין באַליידיקטן האַרץ האָט אויפגעברויזט אַ געפיל פון גערעכטיקייט, אַ געפיל פון כעס. עס איז פלוצלינג געבוירן געוואָרן אין מיר אַ שטאָלץ געפיל, און אין דער שעה, וואָס מיר פלעגן זיך באַגעגענען מיט קאַטיען, כדי צוזאַמען צו גיין שפּאַצירן, האָב איך זיך געהאַלטן אַזוי אָפּ-געזונדערט, אַזוי ערנסט, אַזוי נישט ענלעך צום פריִערדיקן, אַז דאָס האָט קאַטיען שטאַרק פאַרוווּנדערט. אמת, אַזוינע ענדערונגען זיינען

פֿאַרגעקומען אין מיר נאָר צייטנווייז, און שפּעטער האָט דאָס האַרץ ווידער אָנגעהויבן קלאַפּן און נאָגן, און איך בין געוואָרן נאָך שוואַכער, נאָך קלײנמוטיקער ווי פֿריִער. און ענדלעך איז, צו מיין גרויסער פֿאַרוווּנדערונג און פֿרייד, איינמאָל אינדערפֿרי קאַטיאַ צוריקגעקומען צו אונדז אַרויף. זי האָט זיך באַלד מיט אַ שרעקלעכן געלעכטער געוואָרפֿן מאַדאַם לעאָטאַר אויפֿן האַלדז און דערקלערט, אַז זי פֿאָרט ווידער אַריבער צו אונדז, שפּעטער צו מיר אויך אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, אויסגעבעטן אַ דערלויבניש דעם הייַנטיקן פֿרימאָרגן זיך נישט צו לערנען און אַ גאַנצן פֿרימאָרגן אַרומגעלאָפֿן און אַרומגעשפּרונגען. איך האָב זי נאָך קיינמאָל נישט געזען לעבעדיקער און פֿריילעכער.

נאָר צום אָוונט צו איז זי געוואָרן שטיל, פֿאַרקלערט, און עפּעס אַן אומעט האָט אויפֿסניי פֿאַרשאָטנט איר שיין פּנים. און ווען די פֿירשטין איז געקומען באַנאַכט אַ בליק טון אויף איר, האָב איך געזען, אַז זי מאַכט געוואַלטיקע אָנשטרענגונגען אויסצוזען פֿריילעך. נאָר באַלד נאָך דער מוטערס אַוועקגיין, ווען זי איז געבליבן אַליין, האָט זי זיך פּלוצלינג שטאַרק צעוויינט. איך בין געווען איבעראַשט.

קאַטיאַ האָט באַמערקט מיין אויפֿמערקזאַמקייט און איז אַרויס פֿון צימער.

און גיך האָט זיך דאָס אַלץ געענדיקט צום גוטן. אויפֿן דריטן טאָג נאָך איר צוריקקומען, האָב איך באַמערקט, אַז אַ גאַנצן אינדערפֿרי קוקט זי אויף מיר מיט אַזוינע זעלטן גוטע אייגעלעך, מיט אַזוינע לאַנגע בליקן... עטלעכע מאָל האָב איך זיך באַגעגנט מיט אירע בליקן, און יעדעס מאָל האָבן מיר ביידע שעמעוודיק אַראָפּגעלאָזט די אויגן און געררויטלט זיך. ענדלעך האָט זיך קאַטיאַ צעלאַכט און איז אַוועק פֿון מיר. ווען עס איז געוואָרן דריי אַ זייגער, האָט מען אונדז אָנגעהויבן אָנטון צוליב דעם שפּאַציר.

פּלוצלינג איז קאַטיאַ צוגעגאַנגען צו מיר.

— די שנירלעך האָבן זיך אייך צעבונדן, — האָט זי מיטגעזאָגט — לאָזט, וועל איך זיי פאַרבינדן.

רויט, ווי אַ ווייַנשל, וואָס קאַטיאַ האָט ענדלעך אָנגעהויבן צו רעדן מיט מיר, האָב איך זיך געוואָלט אַליין אָנבייגן.

— לאָז! — האָט זי אומגעדולדיק געזאָגט צו מיר און זיך צעלאַכט.

באַלד האָט זי זיך אָנגעבויגן, מיט געוואַלט גענומען מיין פוס, אַנידערגעשטעלט אים צו זיך אויף דער קני און פאַרבונדן.

מיר האָט אויסגעפעלט אָטעם, פאַר זיסער שרעק האָב איך נישט געוווסט וואָס צו טון.

זי האָט געענדיקט דאָס פאַרבינדן דעם שיך, אויסגעגלייכט זיך און באַטראַכט מיך פון קאָפּ ביז די פיס.

— אָט איז דער האַלדז אויך אָפן, — האָט זי געזאָגט און צוגעריירט זיך מיט איר פינגער צו מיין אַנטבלויזטן האַלדז. — נו גיב שוין, גיב, איך וועל אַליין פאַרבינדן.

איך האָב געשוויגן. זי האָט צעבונדן מיין האַלדז-טיכל און אויפסנייַ עס פאַרבונדן.

— מען קען זיך נאָך אַזוי פאַרקילן, — האָט זי געזאָגט, קלוג אַ שמייכל געטון און אַ פינקל געטון אויף מיר מיט אירע שוואַרצע, פייכטע אייגעלעך.

איך בין געווען צעשרויפט; איך האָב נישט געוווסט אויף וואָסער וועלט איך בין און וואָס עס טוט זיך מיט קאַטיען. נאָר, גאָט צו דאַנקען, אונדזער שפּאַציר האָט זיך געענדיקט, אַז נישט וואָלט איך נישט אויסגעהאַלטן און אין מיטן גאַס זי אַרומגעכאַפּט קושן. אויף די טרעפּ שוין האָט זיך מיר איינגעגעבן שטילערהייט איר אַ קוש צו טון. זי האָט דאָס באַמערקט, נאָר נישט געזאָגט קיין וואָרט.

באַנאַכט האָט מען זי אויסגעפּוצט און אַוועקגעפירט אַראָפּ. באַ דער פירשטין זייַנען געווען געסט.

צומאָרגנס איז קאַטיאַ צוריקגעקומען צו אונדז אַ רויט-פאַר־ביקע, אַ פרייַלעכע, ווי שטענדיק, נאָר מיט אַזעלכע אייַנפאַלן און קאַפּריזן, וועלכע זי האָט נאָך קיינמאָל נישט אַרויסגעוויזן.

ערשטנס, האָט זי אַ גאַנצן אינדערפרי נישט געפאָלגט מאַ־דאַם לעאָטאַר. שפּעטער, האָט זיך איר פלוצלינג פאַרגלוסט צו גיין צו דער אַלטער פירשטין. די אַלטע האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די קרובה, שטענדיק געווען צעקריגט מיט איר, און נישט געוואָלט זי זען — נאָר דאָס מאָל האָט זי דערלויבט איר צו קומען צו זיך. לכתחילה איז אַלץ געגאַנגען כשורה, אין דער ערשטע שעה האָבן זיי געלעבט בשלום. נאָר דער שטיפערקע איז פלוצלינג אייַנגעפאַלן צו בעטן באַ דער אַלטער מחילה פאַר אַלע אירע זינד, פאַרן גע־שריי, טומל, פאַר דעם, וואָס זי לאָזט נישט די אַלטע צורו. די אַלטע האָט פייערלעך און מיט טרערן איר מוחל געווען. נאָר דער שטיפערקע איז דאָס געווען ווייניק. זי האָט אָנגעהויבן דערציילן וועגן שטותן, וואָס האָבן אפשר נאָר אין געדאַנק און אין פּראָיעקט עק־זיסטירט. קאַטיאַ האָט זיך געמאַכט פאַר אַ פרומע, אַ צנועה, און געזאָגט, אַז זי טוט תשובה; מיט איין וואָרט, די אַלטע איז געווען אַנטציקט און עס האָט איר שטאַרק הנאה געטון, וואָס קאַטיאַ, — דער אוצר, דער אָפּגאָט פון דער גאַנצער שטוב, וואָס אַפילו די מוטער האָרכט אירע משוגעתן, — אָט די קאַטיאַ גיט זיך איר אונטער.

און אָט האָט זיך די שטיפערקע מודה געווען, אַז, ערשטנס, האָט זי געוואָלט צוקלעבן צו דער אַלטערס קלייד אַ וויזיטקאַרטע; שפּעטער באַהאַלטן אונטער איר בעט פאַלסטאַפן; שפּעטער צעבּרעכן אירע ברילן, אַוועקטראָגן אַלע אירע ביכער און אָנשטאָט דעם, ברענגען דער מאַמעס פראַנצויזישע ראָמאַנען; שפּעטער קריגן אַ סך קלאָפּערס און צעוואַרפן זיי איבער דער פּאָדלאָגע, שפּעטער

באהאלטן איר אין קעשענע אריין א טאש קארטן און א. וו. און א. וו., מיט איין וואָרט, איין שטות גרעסער פאַרן אַנדערן.

די אַלטע איז געווען אויס'ער זיך און געוואָרן ברוין און בלאָ פאַר כעס; ענדלעך האָט קאַטיאַ נישט אויסגעהאַלטן, צעלאַכט זיך אויף אַ קול און אוועקגעלאָפן פון דער מומען. די אַלטע האָט באַלד געשיקט רופן די פירשטין. עס האָט זיך פאַרקאָכט אַ מעשה, און די פירשטין האָט צוויי שעה מיט טרערן אין די אויגן געבעטן רחמים בײַ דער קרובה, זי זאָל מוחל זיין קאַטיען, נעמען אין אַכט, וואָס יענע איז נישט געזונט און דערלויבן זי נישט צו באַשטראָפן.

די אַלטע האָט לכתחילה אפילו הערן נישט געוואָלט; זי האָט דערקלערט, אַז מאָרגן נאָך וועט זי פאַרלאָזן די שטוב.

ענדלעך האָט די פירשטין געגעבן אַ וואָרט, אַז באַלד ווי די טאָכטער וועט געזונט ווערן, וועט מען זי באַשטראָפן, כדי צו באַפרידיקן דעם געררעכטן כעס פון דער אַלטער פירשטין. די אַלטע האָט זיך איינגעשטילט, דאָך האָט מען קאַטיען שטרענג אויסגעמוסרט און אַראָפּגעפירט אונטן צו דער פירשטין.

נאָר די שטיפערקע האָט זיך באַלד נאָך מיטאָג אַרויסגעריסן.

איך בין געגאַנגען אַליין אַראָפּ, און איך האָב זי באַגעגנט אויף די טרעפּ שוין. זי האָט אויפגעעפנט די טיר און גערופן פאַלסטאַפן. איך האָב זיך באַלד אָנגעשטויסן, אַז זי האָט צוגעטראַכט אַ שרעקלעכע נקמה.

דער גרעסטער שונא פון דער אַלטער פירשטין איז געווען פאַלסטאַף. ער האָט זיך צו קיינעם נישט געלאַשטשעט, קיינעם נישט ליב געהאַט, און געווען שטאָלץ, גאַווהדיק און שרעקלעך גרויס בײַ זיך. ער האָט קיינעם נישט ליב געהאַט, נאָר פון אַלע געפאָדערט צו זיך אַ געהעריק אַכטונג-געפיל. און אַלע האָבן זיך אַזוי צו אים באַצויגן, מיט אַ געמישט געפיל פון אַכטונג און שרעק. נאָר פלוצלינג, מיטן אָנקומען פון דער אַלטער פירשטין, האָט זיך אַלץ

איבערגעבײַטן: מען האָט פֿאַלסטאַפֿן שרעקלעך באַליידיקט, — נעמלעך: מען האָט אים קאַטעגאָריש פֿאַרבאָטן דעם אַרײַנטריט אַרויף.

לכתחילה איז פֿאַלסטאַף געווען אויסער זיך פֿון דער באַליידיקונג, און אַ גאַנצע וואָך האָט ער געקראַצט מיט די לאַפּעס די אונטערשטע טיר פֿון די טרעפּ, וואָס האָבן געפֿירט אַרויף; נאָר ער האָט גיך פֿאַרשטאַנען די סיבה פֿון זײַן גירוש, און שוין אין דעם ערשטן זונטיק, בשעת די אַלטע פּירשטין איז געגאַנגען אין קלויסטער אַרײַן, האָט זיך פֿאַלסטאַף אַרויפֿגעוואָרפֿן אויף איר מיט אַ שרעקלעכן בילן און קוויטשען. מען האָט די אָרימע קוים אָפּגעראַטעוועט פֿון דער ווילדער נקמה, וואָס דער באַליידיקטער הונט האָט געוואָלט נעמען אין איר, דערפֿאַר, וואָס זי האָט דערקלערט, אַז זי קען אים נישט זען, דערפֿאַר וואָס ער איז אויף איר באַפֿעל אַרויסגעטריבן געוואָרן.

פֿון יענעם מאָל אָן האָט מען אויפֿן שטרענגסטן אופֿן פֿאַרבאָטן פֿאַלסטאַפֿן דעם אַרײַנטריט אַרויף, און ווען די אַלטע פּירשטין פֿלעגט קומען אין אונטערשטן טייל, האָט מען אים פֿאַרטריבן אין די ווײַטסטע צימערן אַרײַן. אַ שטרענגע פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט האָט מען געלייגט אויף די דינער. נאָר דער נקמה־דורשטיקער הונט האָט דאָך געפֿונען אַ מיטל אַ דרײַ מאָל זיך אַרײַנצורײַסן אַרויף.

ווי ער פֿלעגט נאָר באַטרעטן די טרעפּ, איז ער שוין פֿייל אויסן בויגן געפֿלויגן איבער אַלע צימערן גלײַך צו דער אַלטערס שלאָפֿצימער. עס האָט אים גאָרנישט געקענט אָפּהאַלטן. צום גליק איז די טיר פֿון דעם שלאָפֿצימער שטענדיק געווען פֿאַרמאַכט, און פֿאַלסטאַף האָט זיך באַנוגנט מיט אַ שרעקלעכן וואָיען און העשען. און געוואָיעט האָט ער אַזוי לאַנג, ביז עס פֿלעגן קומען צו לויפֿן מענטשן און אים אַוועקטרײַבן אַראָפּ. און די גאַנצע צײַט פֿון דעם שרעקלעכן באַזוך, האָט די אַלטע אַזוי געשריגן, פּונקט ווי מען וואָלט זי שוין דערהרגעט און איז יעדעס מאָל פֿון שרעק ערנסט

קראנק געווארן. עטלעכע מאל האט זי געשטעלט דער פירשטין איר אולטימאטום, און איינמאל אפילו דערקלערט, אז איינע פון די ביי-דע, אדער זי, אדער פאלסטאף, מוזן פארלאזן די שטוב, נאר די פירשטין האט זיך נישט געוואלט שיידן מיט פאלסטאפן.

די פירשטין האט קיינעם נישט ליב געהאט, נאר פאלסטאפן האט זי, נאך די קינדער, ליב געהאט מער פאר אלץ אויף דער וועלט. און אט פארוואס: איינמאל, מיט א יאר זעקס צוריק, איז דער פירשט געקומען פונם שפאציר אהיים און געברענגט צו פירן א קליין היבטל, א שמוציקס, א קראנקס און א נעבעכדיקס, נאר וועלכעס איז פונדעסטוועגן געווען פון די אמתע בולדאקן.

דער פירשט האט עס צופעליק געראטעוועט פונם טויט. נאר אזוי ווי דער אורח האט זיך געפירט זייער נישט פיין און נישט איידל, האט די פירשטין געפועלט מען זאל אים האלטן אויפן הינטערשטן הויף, און דארט איז ער אוועקגעזעצט געווארן אויף א שטריק. דער פירשט האט איינגעשטימט. אין צוויי יאר ארום האט זיך דאס הויז-געזונט געפונען אויף א זומערוווינונג און סאשע, קאטיעס יינגערער ברודער, איז אריינגעפאלן אין דעם טייך נעווא. די פירשטין האט א געשריי געטון, און איר ערשטע באוועגונג איז געווען צו ווארפן זיך נאכן זון. מען האט זי מיט געוואלט אפגעהאלטן פון דעם זיכערן טויט. און דער וואסער-לויף האט דערווייל געטריבן דאס קינד אלץ ווייטער און ווייטער, און נאר זיינע קליידער זיינען געשווומען ארויף. מען האט אנגעהויבן גיך אפבינדן א שיפל, אבער נאר א נס האט געקענט ראטעווען דאס קינד.

פלוצלינג באווייזט זיך א גרויסער, ריזיק-שטארקער בולדאק, ווארפט זיך אריין אין טייך, שניידט דורך דאס וואסער גלייך אקעגן דעם טרינקענדיקן יונגל, כאפט אים אן מיט די ציין און שווימט מיט נצחון ארויס מיט אים צום ברעג. די פירשטין האט זיך א ווארף געטון קושן דעם ברודיקן, נאסן הונט. נאר פאלסטאף, וואס האט

נאָך דאָמאָלס געטראָגן דעם פּראָזאַישן און זייער פּראָלעטאַרישן נאָמען פריסקאָ, האָט נישט געקענט ליידן קיין שום צערטלערייען און האָט אָפּגעענטפערט דער פירשטין אויף איר אַרומנעמען און קושן אים מיט אַ ביס אין דער פּלייצע אַריין, מיט אַ שטאַרקן ביס פון אַלע זיינע ציין.

די פירשטין האָט איר גאַנץ לעבן געליטן פון אָט דער ווונד, אָבער איר דאַנקבאַרקייט איז געווען אָן אַ ברעג.

מען האָט פאַלסטאַפן אָפּגערייניקט און אויסגעוואַשן און אַריינגענומען אים אין די ריינע צימערן. ער האָט באַקומען אַ זייער טייער זילבערן האַלדז-קייטל און איז באַזעצט געוואָרן אין דער פירשטינס אַרבעטס-צימער אויף אַ זעלטענער בערן-פעל.

גיך האָט די פירשטין שוין דערגרייכט די מדרגה, ווען זי האָט אים געקענט גלעטן אָן מורא פאַר אַ באַלדיקער שטראָף פון הונטס זייט.

דערוווּסט זיך, אַז איר ליבלינג הייסט פריקסאָ, איז זי געבליבן אויסער זיך, און באַלד אָנגעהויבן זוכן אַ נייעם נאָמען, ווי ווייט מעגלעך עפּעס אָן אַלטערטימלעכן. נאָר די נעמען העקטאָר, צערבער און א. וו. זיינען שוין געווען צו שאַבלאָן; עס האָט זיך געפאָדערט אַ נאָמען, וואָס זאָל פּאַסן צום שטוב-ליבלינג.

ענדלעך האָט דער פירשט, אויפן סמך פון פריקסאָס קאָלאָסאַלער פרעסעריי, פאַרגעלייגט דעם נאָמען פאַלסטאַף. דער נאָמען איז אָנגענומען געוואָרן מיט אַנטציקונג און פאַרבליבן דעם הונט אויף שטענדיק.

פאַלסטאַף האָט זיך זייער גוט אויפגעפירט:

ווי אַן אמתער ענגלענדער, איז ער געווען שווייגנדיק, מרה-שחורהדיק, אויף קיינעם זיך דער ערשטער נישט געוואָרפן, נאָר געפאָדערט מען זאָל אויסמיידן זיין אָרט אויף דער בערן-פעל מיט גרויס כבוד און בכלל אַרויסווייזן אים די געהעריקע אַכטונג.

נאָר טיילמאָל פלעגט ער ווערן דול, עפּעס אַ משוגעת פלעגט אים באַפאַלן, און אין דער מינוט האָט זיך פאַלסטאַף מיט ביטערקייט דערמאַנט, אַז זיין שונא, זיין בלוטיקער שונא, וואָס האָט געמאַכט אַן אָנגריף אויף זיינע רעכט, איז נאָך נישט באַשטראָפט. דאַמאָלס פלעגט ער זיך שטילערהייט אונטערגנבענען צו די טרעפּ, וואָס האָבן געפירט אַרויף, און, ווי שטענדיק, געפונען די טיר פאַרשלאָסן, האָט ער זיך געלייגט נישט ווייט, באַהאַלטן זיך אין אַ ווינקל, און פון דאָרטן געלויערט עמעץ זאָל נאַכלעסיק אָפן לאָזן די טיר. טיילמאָל האָט דער נקמה-דאָרשטיקער הונט געקענט אָפּוואַרטן צו דריי טעג. נאָר עס זיינען געגעבן געוואָרן שטרענגע באַפעלן, — אַכטונג צו געבן אויף דער טיר, און אַט זיינען שוין געהאַט אַריבער צוויי חדשים, ווי מען האָט אויבן נישט אָנגעקוקט פאַלסטאַפן.

— פאַלסטאַף, פאַלסטאַף! — האָט קאַטיאַ גערופן, אויפגע-עפנט די טיר און פריינטלעך אַריינגערופן פאַלסטאַפן צו אונדז אויף די טרעפּ אַרויף.

פאַלסטאַף האָט דערפילט, אַז מען עפנט די טיר, און איז שוין גרייט געווען אַריבערצושפּרינגען די פאַרבאָטענע שוועל. נאָר קאַטיעס רופן האָט אים אויסגעזען אַזוי אוממעגלעך, אַז ער האָט אַ שטיק צייט אינגאַנצן זיך אָפּגעזאָגט צו גלייבן זיינע אייגענע אויערן. ער איז געווען כיטרע, ווי אַ קאַץ, און ער האָט געמאַכט אַן אָנ-שטעל, אַז ער באַמערקט נישט די נאַכלעסיקייט פון דעם, וואָס האָט געעפנט די טיר.

איז ער זיך צוגעגאַנגען צום פענסטער, אַנידערגעלייגט אויפן פענסטער זיינע מעכטיק-גרויסע לאָפּעס און אָנגעהויבן באַטראַכטן די געביידע, וואָס אַקעגניבער, — מיט איין וואָרט, ער האָט זיך געהאַלטן ווי אַן אַבסאָלוט זייטיקער מענטש, וואָס איז זיך אַרויס שפּאַצירן און זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ מינוט באַטראַכטן די שיינע אַרכיטעקטור פון דער שכנישער געביידע. און זיין האַרץ האָט דער-

ווייל שטאַרק געקלאַפּט און געקוויקט זיך מיט דער זיסער האָפנונג. שטעלט זיך אָבער פאָר זיין פאַרווּנדערונג, זיין פרייד, די ווילדע פרייד, ווען מען האָט פאַר אים צעפּראַלט די טיר, און, נאָך מער, מען האָט אים גערופן, איינגעלאַדן, געבעטן אים באַלד אַרויפצוגיין און באַפרייִדיקן זיין גערעכטן כּעס.

ער האָט אַ קוויטש געטון פון פרייד, אַרויסגעשטעלט די ציין, און אַ שרעקלעכער, מיט אַ פריידיקן אימפּעט, זיך אַ לאָז געטון אַרויף.

דער אימפּעט פון זיין לויף איז געווען אַזוי שטאַרק, אַז אַ שטול, וואָס ער האָט פאַרביילויפנדיק פאַרטשעפּעט אין וועג, איז אָפּגעשפּרונגען אויף אַ סאַזשען און זיך איבערגעדרייט אויפן אָרט. פאַלסטאַף איז געפלויגן ווי אַן אויסגעשאָסענע האַרמאַטן-קויל. מאַדאַם לעאָטאַר האָט אַ געשריי געטון פון גרויס שרעק, נאָר פאַלסטאַף איז שוין געקומען צו דער געגאַרטער טיר, מיט ביידע לאַפּעס אָנגעקלאַפּט זיך אָן איר, נאָר פונדעסטוועגן זי נישט געעפנט און זיך צעוואָיעט, ווי אַ ווילדער. באַלד האָט אים אָפּגעענטפערט אַ שרעקלעך געשריי פון דער אַלטער פירשטין. אָבער פון אַלע זייטן זיינען שוין געלאָפן גאַנצע מחנות פיינט, די גאַנצע שטוב האָט זיך איבערגעטראָגן אַרויף; מען האָט אויפן הינטס קאָפּ פליגנק אַרויפגעוואָרפן אַ דראָטן-נעץ, געפענטעט זיינע פיס און אויף אַ שטריק אים אַראָפּגעשלעפּט פון אַלע טרעפּן. אָט אויף אַזאַ אופן האָט פאַלסטאַף, דער מאָדנער, בייזער פאַלסטאַף, זיך מיט שאַנד אומגעקערט פונם שלאַכט-פעלד.

מען האָט געשיקט נאָך דער פירשטן אַ שליח.

דאָס מאָל איז שוין די פירשטין נישט געניגט געווען צו שווייגן און מוחל צו זיין.

נאָר וועמען באַשטראָפן?

עס איז איר באַלד אין דער ערשטער מינוט איינגעפאַלן; אירע אויגן האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף קאַטיען...

אַזוי איז עס:

קאַטיאַ שטייט אַ בלייכע און ציטערט פון שרעק. זי האָט ערשט אַצינד, די אָרימענקע, פאַרשטאַנען דעם שטות. מען האָט נעקענט חושד זיין די דינער, די אומשולדיקע, און קאַטיאַ איז שוין גרייט געווען צו זאָגן דעם גאַנצן אמת.

— דו ביסט שולדיק? — האָט די פירשטין שטרענג געפרעגט.

איך האָב געזען, ווי קאַטיאַ איז טויט-בלאַס און בין אַרויס־געטרעטן און געזאָגט מיט אַ זיכערער שטימע.

— דאָס האָב איך אַריינגעלאָזט פאַלסטאַפן... צופעליק — האָב איך צוגעגעבן, ווייל די פירשטין האָט אויף מיר בייז אַ קוק געטון, און מיין גאַנצער מוט איז פאַרשוווּנדן.

— מאַדאַם לעאָטאַר, באַשטראָפט ווי געהעריק! — האָט די פירשטין געזאָגט און איז אַרויס פון צימער.

איך האָב אַ קוק געטון אויף קאַטיען: זי איז געשטאַנען אַ געפּלעפטע; אירע הענט זיינען אַראָפּגעהאָנגען; איר בלייך פנים איז געווענדט געווען צו דער ערד.

די איינציקע זאַך מיט וואָס מען פלעגט באַשטראָפן דעם פירשטס קינדער, איז געווען — איינזעצן זיי אין אַ ליידיקן צימער.

אָפּזיצן אַ שעה צוויי אין אַ ליידיקן צימער, — איז גאָרנישט, נאָר ווען מען האָט דאָס קינד איינגעזעצט מיט געוואַלט, קעגן זיין ווילן, און דערקלערט עס, אַז מען נעמט עס צו די פרייהייט, איז שוין די שטראָף געווען אַ גרויסע.

קאַטיען אָדער איר ברודער פלעגט מען געוויינטלעך איינ־זעצן אויף צוויי שעה, נאָר מיך האָט מען, אַ דאַנק דעם גרויסן חטא מיינעם, איינגעזעצט אויף פיר שעה. און איך האָב געצאַפּלט פון פרייד, בשעת איך בין אַריינגעטרעטן אין מיין תפיסה. איך

האָב געטראַכט וועגן קאַטיען. איך האָב געוווּסט, אַז איך האָב גע-זיגט. נאָר, אַנטשטאַט פיר שעה, בין איך אָפּגעזעסן ביז פיר אינ-דערפרי.

און אָט ווי אַזוי דאָס איז געשען.

אין צוויי שעה אַרום נאָך דעם איינזעצן מיך, האָט די מאַ-דאַם לעאָטאַר זיך דערוווּסט, אַז עס איז געקומען צו פאָרן פון מאָסקווע איר טאָכטער, וועלכע איז פּלוצלינג קראַנק געוואָרן און וויל זי זען. מאַ-דאַם לעאָטאַר איז אַוועקגעפאָרן, און אָן מיר האָט זי פאַרגעסן. דאָס מיידל, וואָס האָט אונדז באַדינט, האָט מסתמא געמיינט, אַז איך בין שוין אַרויסגעלאָזט. קאַטיען האָט מען אַראָפּגערופן צו דער מוטער, און זי איז געווען געצוווּנגען אָפּצוזיצן באַ איר ביז עלף אַ זייגער באַנאַכט. אַז זי איז געקומען צוריק, האָט זי זיך שטאַרק פאַרחידושט, וואָס איך ליג נישט אין בעט. דאָס מיידל האָט זי אויס-געטון, אַריינגעלייגט אין בעט, נאָר קאַטיאַ האָט געהאַט אירע סיבות נישט צו פרעגן וועגן מיר. זי האָט זיך געלייגט און, וויסנדיק אויף געוויס, אַז איך בין אַרעסטירט נאָר אויף פיר שעה, האָט זי גע-וואַרט אויף מיר, גערעכנט, אַז אונדזער ניאַניע וועט מיך ברענגען צו פירן. נאָר נאַסטיאַ האָט וועגן מיר לחלוטין פאַרגעסן, קען זיין דערפאַר, וואָס איך פלעג זיך אויסטון אַליין. און אויף אַזאַ אופן בין איך געבליבן נעכטיקן אין תפיסה.

איך האָב זיך, ווי עס איז, איינגעאָרדנט אויף דער פּאָד-לאָגע און אַנטשלאָפן געוואָרן.

פיר אַ זייגער באַנאַכט האָב איך פּלוצלינג דערהערט, אַז מען קלאַפּט אין דער טיר און מען רייסט זיך צו מיר אין צימער אַריין. האָב איך זיך אויפגעכאַפּט און פון שרעק אַ געשריי געטון, נאָר באַלד האָב איך דערקענט קאַטיעס שטימע, וואָס האָט גע-שריגן העכער פאַר אַלע, שפּעטער די שטימע פון מאַדאַם לעאָטאַר, שפּעטער פון דער דערשראָקענער נאַסטיאַ און פון דער הויז-ווירטין.

גנדלעך האָט מען אויפגעעפנט די טיר, און מאַדאַם לעאָטאַר האָט מיך אַרומגענומען און מיט טרערן אין די אויגן מיך געבעטן איך זאָל איר מוחל זיין, וואָס זי האָט אָן מיר פאַרגעסן.

איך האָב מיך אַ וואָרף געטון צו איר אויפן האַלדז און זיך צעוויינט.

איך בין געווען דורכגענומען פון דער קעלט, און אַלע מיינע ביינער האָבן מיך געבראָכן פון ליגן אויף דער הילצער פּאָדלאָגע. איך האָב קאַטיען מיט די אויגן געזוכט, נאָר זי איז שוין אַוועקגעלאָפן אין אונדזער שלאָפצימער אריין, אַריינגעשפּרונגען אין איר בעט, און ווען איך בין אַריין, איז זי שוין געשלאָפן אָדער געמאַכט זיך שלאָפן.

זי האָט אויף מיר געהאַט געוואַרט, נאָר נישטווילנדיק אַנטשלאָפן געוואָרן, און איז אָפּגעשלאָפן ביז פיר פאַרטאָג. און ווען זי האָט זיך אויפגעכאַפּט, האָט זי אויפגעהויבן אַ געוואַלט, די גאַנצע שטוב געשטעלט אויף די פיס, אויפגעוועקט מאַדאַם לעאָטאַר, וואָס איז שוין געהאַט צוריקגעקומען, די ביאַגיע, אַלע מיידלעך, און האָט מיך באַפרייט.

צומאָרגנס האָבן זיך אַלע שטוב־מענטשן דערוווּסט וועגן דער געשעעניש מיט מיר; אפילו די פירשטין האָט געזאָגט, אַז מען איז זיך מיט מיר באַגאַנגען צו שטרענג. וואָס איז שייך דעם פירשט, האָב איך אים דאָס ערשטע מאָל געזען אַזאַ בייזן. אַ שטאַרק אויפגערעגטער, איז ער אַ זייגער צען אינדערפרי אַרויפגעקומען צו אונדז.

— גאָט איז מיט אייך — האָט ער זיך געווענדט צו מאַדאַם לעאָטאַר: — וואָס טוט איר? ווי זענט איר זיך באַגאַנגען מיט דעם אָרימען קינד? דאָס איז באַרבאַריש, אמת באַרבאַריש, ווילד! נעמען און איינזעצן אין אַ פינסטערן צימער אַריין אויף אַ גאַנצער נאַכט אַ קראַנק, אַ שוואַך קינד, אַזאַ פאַרחלומט שרעקנדיק מיידעלע, אַזאַ טרוימערקע! דאָס הייסט דאָך זי אומברענגען! איר ווייסט דען

נישט איר געשיכטע? דאָס איז דאָך באַרבאַריש, אוממענטשלעך, איך זאָג דאָס אייך, מאַדאַם! און נאָך אַזאַ שטראָף! ווער האָט דאָס צוגעטראַכט, ווער האָט דאָס געקענט צוטראַכטן אַזאַ שטראָף?

די אָרעמע מאַדאַם לעאָטאַר האָט מיט טרערן אין די אויגן אָנגעהויבן דערציילן, ווי אַזוי די מעשה איז געווען, געזאָגט, אַז זי האָט פאַרגעסן אָן מיר, אַז עס איז געקומען צו איר אַ טאָכטער, נאָר אַז די שטראָף אַליין פאַר זיך איז אַ גוטע, אויב זי געדויערט נישט לאַנג, און אַז אפילו זשאַן זשאַק רוסאָ האָט אויך עפּעס אין דעם ערך געזאָגט?

— זשאַן זשאַק רוסאָ, מאַדאַם? זשאַן זשאַק איז אַ שלעכטער מענטש, מאַדאַם!

— זשאַן זשאַק רוסאָ! זשאַן זשאַק איז אַ שלעכטער מענטש! פּירשט! פּירשט! וואָס רעדט איר?

און מאַדאַם לעאָטאַר האָט זיך אָנגעצונדן.

מאַדאַם לעאָטאַר איז געווען אַ דימענטענער מענטש און האָט געהאַט אַ טבע זיך נישט צו באַליידיקן; נאָר טשעפּען עמעצן פון אירע ליבלינגען, אָנרירן דעם אָנדענק פון די קלאַסיקער קאָרנעל, ראַסין, באַליידיקן וואָלטערן, זאָגן, אַז זשאַן זשאַק רוסאָ איז אַ שלעכטער מענטש, אַ באַרבאַר, — גאָט מייגער! עס האָבן זיך באַוויזן טרערן אין אירע אויגן; די אַלטעטשקע האָט זיך געטרייסלט פון אויפרעגונג.

— איר ווייסט נישט, וואָס איר רעדט, פּירשט! — האָט זי ענדלעך אַרויסגערעדט אויסער זיך פון אויפרעגונג.

דער פּירשט האָט זיך באַלד באַהערשט און געבעטן בײַ איר פאַרצייונג, שפּעטער צוגעגאַנגען צו מיר, שטאַרק גערירט מיר אַ קוש געטון, איבערגעצלמט מיך און אַרויס פון צימער.

— אָרימער פּירשט! — האָט מאַדאַם לעאָטאַר, שוין אויך

געריירט, אַ זאַג געטון אויף פראַנצויזיש. שפּעטער האָבן מיר זיך געזעצט לערנען.

נאָר קאַטיאַ איז זייער צעשטרייט געווען באַם לערנען, און בשעת מיר האָבן זיך געקליבן צו גיין עסן מיטאָג, איז זי, אַ פאַרפּלאָנטע, מיט אַ געלעכטער אויף די ליפּן, צוגעגאַנגען צו מיר, אָנגעכאַפּט מיך באַ די פּלייצעס און האַסטיק און ווי שעמעוו־דיק געזאָגט:

— וואָס? אָנגעזעסן זיך פאַר מיר נעכטן? לאָמיר זיך שפּילן אין זאַל.

נאָכמיטאָג, בין־השמשות־צייט, האָבן מיר זיך אָנגענומען באַ די הענט און ביידע אַראָפּגעגאַנגען אין גרויסן זאַל אַריין.

קאַטיאַ איז געווען שטאַרק אויפגערעגט און האָט שווער גע־אָטעמט. איך בין געווען גליקלעך און צופרידן, ווי קיינמאָל נישט.

— ווילסט שפּילן אין באַלם? — האָט זי געזאָגט צו מיר: — שטעל דיך דאָ!

זי האָט מיך אַוועקגעשטעלט אין איין עק צימער, אָבער אַליין, אָנשטאָט אַוועקצוגיין אין דער צווייטער זייט און וואַרפן מיר דעם באַלם, האָט זי זיך גאָר אָפּגעשטעלט לעבן מיר, אַ קוק געטון אויף מיר, רויט געוואָרן, פאַרשטעלט דאָס פּנים מיט ביי־דע הענט און אַ פאַל געטון אויף דער סאָפע.

איך האָב געמאַכט אַ טריט צו איר; זי האָט געמיינט, אַז איך וויל אַוועקגיין.

— גיי נישט, ניעטאָטשקאַ, זיי מיט מיר אַ ביסל, — האָט זי געזאָגט: — עס וועט באַלד דורכגיין.

נאָר באַלד איז זי אויפגעשפּרונגען פון אָרט און, אַ רויטע, אַ פאַרוויינטע, זיך אַ וואָרף געטון מיר אויפן האַלדז. אירע באַקן זיינען געווען פייכט, די האָר צעוואָרפן. זי האָט מיך באַשאָטן

מיט קושן: געקושט מיין פנים, די אויגן, די הענט און בשעת מעשה געציטערט פון געוויין.

איך האָב זיך שטאַרק צוגעדריקט צו איר, און מיר האָבן זיך אַרומגענומען מיט אַ זיסער פרייד, ווי פריינט, וואָס האָבן זיך שוין לאַנג גישט געזען. און קאַטיעס האַרץ האָט אַזוי שטאַרק געקלאַפּט, אַז איך האָב געהערט יעדן קלאַפּ.

נאָר אין שכנישן צימער האָט זיך דערהערט אַ שטימע, מען האָט גערופן קאַטיען צו דער פירשטין.

— אַך, ניעטאַטשקאַ! נו! ביז אויפדערנאַכט, ביז באַנאַכט! אַצינד גיי אַרויף, וואַרט אויף מיר.

זי האָט מיר צום לעצטן מאָל שטיל און צאַרט, אָבער שטאַרק, אַ קוש געטון און האָט זיך געלאָזט לויפן אויפן רוף.

איך בין אַרויפגעלאָפן צו אונדז, אַן אויפגעלעבטע, אַ וואָרף געטון זיך אויף דער סאָפע און זיך צעוויינט פון פרייד. מיין האַרץ האָט שיִער נישט דורכגעריסן די ברוסט, אַזוי האָט עס געצאַפּלט. איך געדענק נישט, ווי איך האָב די נאַכט איבערגעלעבט.

ענדלעך האָט געשלאָגן עלף, און איך האָב זיך געלייגט שלאָפן. קאַטיאַ איז געקומען ערשט צוועלף אַ זייגער; זי האָט פונווייטנס אַ שמייכל געטון צו מיר, נאָר קיין וואָרט נישט געזאָגט. נאַסטיאַ האָט זי אָנגעהויבן אויסטון און ווי אויף צולהכעיס געטון דאָס זייער פּאַמעלעך.

— גיכער, גיכער, נאַסטיאַ! — האָט קאַטיאַ געמורמלט.

— וואָס איז מיט אייך, פּרינצעסין, איר זענט מסתמא געלאָפן אויף די טרעפּ, וואָס דאָס האַרץ קלאַפּט אייך אַזוי האַסטיק?... — האָט נאַסטיאַ געפרעגט.

— אַך מיין גאָט, נאַסטיאַ! אַזאַ לאַנגווייליקע! גיכער, גיכער! — און קאַטיאַ האָט פאַרדראָסיק אַ קלאַפּ געטון מיטן פיסל אָן דער פּאָדלאָגע.

— אוך, אַ הערצל! — האָט נאַסטיאַ געזאָגט און אַ קוש געטון קאַטיעס פּיסל, וואָס זי האָט אַראָפּגענומען דעם שיך דערפון.

ענדלעך האָט זיך אַלץ געענדיקט.

קאַטיאַ האָט זיך געלייגט און נאַסטיאַ איז אַרויס פון צימער.

די מינוט איז קאַטיאַ אויפגעשפּרונגען פון בעט און געלאָזט זיך צו מיר. איך האָב זי באַגעגנט מיט אַן אויסגעשריי.

— קום צו מיר, לייג זיך מיט מיר! — האָט זי געזאָגט און אַראָפּגעשלעפּט מיך פון בעט.

אַ רגע שפּעטער בין איך שוין געווען אין איר בעט, מיר האָבן זיך אַרומגענומען און פעסט זיך צוגעדריקט איינע צו דער צווייטער.

— ניעטאָטשקאַ! — האָט קאַטיאַ מיט טרערן אין קול געשעפּטשעט: — מלאכל מיינס, איך האָב דאָך דיך אַזוי לאַנג, אַזוי לאַנג שוין ליב! ווייסט פון ווען אָן?

— פון ווען?

— פון דאַמאָלס אָן, ווען דו האָסט דיך אָנגענומען פאַר דיין טאַטן, און מיין טאַטע האָט מיך געהייסן דיך איבערבעטן, ניעטאָטשקאַ... יתום־מע־לע דו מיינס! — האָט זי אויסגעצויגן און ווידער מיך אָנגעהויבן צו קושן.

זי האָט געוויינט און געלאַכט צוזאַמען.

— אָך, קאַטיאַ!

— נו, וואָס? נו, וואָס?

— פאַרוואָס האָבן מיר אַזוי לאַנג... אַזוי לאַנג...

איך האָב נישט געענדיקט. מיר האָבן זיך אַרומגענומען און אַ מינוט דריי געשוויגן.

— הער, וואָס האָסטו געטראַכט וועגן מיר? — האָט קאַטיאַ געפרעגט.

— אַך, אַ סך האָב איך געטראַכט, קאַטיאַ! אַלץ געטראַכט, באַטאָג און באַנאַכט געטראַכט.

— און פון שלאָף וועגן מיר גערעדט, איך האָב געהערט.

— טאַקע?

— געוויינט אַ סך מאָל.

— זעסט! פאַרוואָס־זשע האָסטו זיך אַזוי שטאָלץ געהאַלטן?

— איך בין דאָך געווען נאַריש, ניעטאָטשקאַ. עס קומט מיר אָן, און אַן עק. איך בין דאָך אַלץ געווען אין כּעס אויף דיר.

— פאַרוואָס?

— דערפאַר, וואָס איך אַליין בין געווען אַ שלעכטע. פריִער דערפאַר, וואָס דו ביסט בעסער פאַר מיר: שפּעטער דערפאַר, וואָס דער טאַטע האָט דיך מער ליב. און דער טאַטע איז אַ גוטער מענטש, ניעטאָטשקאַ! יאָ?

— אַך, יאָ! — האָב איך זיך דערמאָנט אָן פּירשט און מיט טרערן געענטפערט.

— אַ גוטער מענטש, — האָט קאַטיאַ ערנסט געזאָגט: — וואָס זאָל איך טון מיט אים? ער איז תּמיד אַזעלכער... נו און שפּעטער האָב איך געבעטן בײַ דיר מחילה, זיך שיִער נישט צעוויינט, און דערפאַר נאָך ערגער אין כּעס געוואָרן.

— און איך האָב אָבער געזען, איך האָב אָבער געזען, אַז דו האָסט געוואָלט וויינען.

— נו, שווײַג, נאַרעלע, דו אַליין האַלסט דאָך אין איין ווייַנען! — האָט קאַטיאַ אַ געשריי געטון און מיט איר האַנט מיר פאַרשטופּט דאָס מויל. — הער, איך האָב זייער געוואָלט דיך ליב האָבן, און פּלוצלינג פּלעגט זיך מיר גאָר פאַרגלוסטן דיך פײַנט צו האָבן, און איך האָב דיך אַזוי געהאַסט, אַזוי געהאַסט!...

— אָבער פאַרוואָס?

— איך בין זייער אין כּעס אויף דיר, איך ווייס נישט פאַר־

וואָס; און שפּעטער האָב איך ‏דערזען, אַז דו קענסט אָן מיר גיש... לעבן, האָב איך זיך געטראַכט: איך וועל זי שוין דערמוטשען, די שלעכטע!

— אַך, קאַטיאַ!

— האַרץ מײַנס! — האָט קאַטיאַ געזאָגט און מיר געקושט די הענט: — נו, און שפּעטער האָב איך נישט געוואָלט רעדן מיט דיר, בשום אופן נישט געוואָלט! געדענקסט, ווי איך האָב פּאַל-סטאַפּקען געגלעט?

— אַך דו דרייסטע!

— און ווי איך האָב מו-רא גע-האַט, — האָט קאַטיאַ אויס-געצויגן. — אָבער דו — ווייסט, פאַרוואָס איך בין צוגעגאַנגען צו אים?

— פאַרוואָס?

— דו האָסט דאָך געקוקט. ווען איך האָב דערזען, אַז דו קוקסט... אַך! זאָל זײַן, וואָס עס וועט זײַן, און איך בין געגאַנגען. איך האָב דיך גוט איבערגעשראָקן, האַ? האָסט מורא געהאַט פאַר מיר?

— אַ שרעק!

— איך האָב געזען — אָבער ווי איך בין צופרידן געווען, אַז פּאַלסטאַפּקאַ איז אַוועק! גאָט, מײַן גאָט, האָב איך דאָס געצי-טערט ערשט, ווען ער איז אַוועק. אַזאַ העסלעכקייט!

און קאַטיאַ האָט זיך שטאַרק צעלאַכט; באַלד פלוצלינג אויפ-געהויבן איר הייס קעפּל און אָנגעהויבן אויפמערקזאַם קוקן אויף מיר. טרערן, ווי פּערל, האָבן געציטערט אויף אירע לאַנגע ברעמען.

— נו, וואָס אַזעלכעס איז דאָ אין דיר, וואָס איך האָב דיך אַזוי ליב געקריגן? זע, אַ בלאַסענקע, די האָר העלענקע, אַליין אַ נאַרעלע, נאָר זי ווײַנט, די אויגן בלויענקע, יתו-מע-לע דו מײַנס!!!

און קאַטיאַ האָט זיך אָנגעבויגן צו מיר און ווידער לאַנג מיך

געקושט. עטלעכע טראָפּן פון אירע טרערן זיינען געפאַלן אויף מיי-נע באַקן. איך בין געווען טיף גערירט.

— איך האָב דאָך דיך אַזוי ליב געהאַט, און טראַכט זיך אַלץ — ניין, און ניין! איך וועל איר נישט זאָגן! איך האָב זיך אַזוי איינגעשפּאַרט! וואָס האָב איך עפּעס מורא געהאַט, וואָס האָב איך זיך עפּעס געשעמט פאַר דיר? זעסט דאָך ווי גוט עס איז אונדז אַצינד!

— קאַטיאַ! — האָב איך געזאָגט איבערגעוּולט פון פרייד — דאָס האַרץ טוט וויי!

— יאָ ניעטאָטשקאַ! הער ווייטער... הער-זשע, ווער האָט דיר אַ נאָמען געגעבן ניעטאָטשקאַ?

— די מאַמע.

— דו וועסט מיר אַלץ דערציילן וועגן דער מאַמען?

— אַלץ, אַלץ, — האָב איך מיט התפעלות געענטפערט.

— און ווו האָסטו אַהינגעטון מיינע צוויי טיכלעך מיט די שפּיצן? און מיין באַנד ווו האָסטו אַוועקגעטראָגן? אַך דו, אומפאַר-שעמטע! איך ווייס דאָך אַלץ.

איך האָב זיך צעלאַכט און בין שטאַרק רויט געוואָרן.

— ניין, טראַכט איך זיך: — איך וועל זי מאַטערן אַ ביסל, זאָל זי צוּוואַרטן. און אַמאָל — טראַכט איך זיך: — איך האָב זי גאָר נישט ליב, פאַרטראָגן קען איך זי נישט. און דו ביסט תּמיד אַזאַ מילדע, אַזאַ שטילע, שעפעלע דו מיינס! און איך האָב אַזוי מורא געהאַט טאָמער מיינסטו, אַז איך בין אַ נאַר! דו ביסט אַ קלוגע, ניעטאָטשקאַ, דו ביסט דאָך זייער קלוג? האַ?

— וואָס רעדסטו, קאַטיאַ! — האָב איך געענטפערט, כמעט באַליידיקט.

— ניין, דו ביסט קלוג, — האָט קאַטיאַ געזאָגט ערנסט און זיכער: — דאָס ווייס איך. נאָר איינמאָל אינדערפרי בין איך אויפגע-

שטאַנען און אַזוי אָנגעהויבן דיך ליב צו האָבן, שרעקלעך! דו האָסט זיך מיר אַ גאַנצע נאַכט געחלומט. איך האָב זיך געטראַכט, אַז איך וועל אַוועקגיין צו דער מאַמען און וועל דאָרט וווינען. איך וויל זי נישט ליב האָבן, איך וויל נישט. און אויף דער צווייטער נאַכט בין איך אַנטלאָפן מיטן געדאַנק: אַך, ווען דו קומסט ווידער צוגיין, ווי אין דער פאַריקער נאַכט, און דו ביסט טאַקע געקומען! און איך האָב מיך דאָס געמאַכט, אַז איך שלאָף... אַך, מיר זיינען אומ-פאַרשעמטע, ניעטאָטשקאַ!

— אָבער פאַרוואָס-זשע האָסטו מיך נישט געוואָלט ליב האָבן?

— אַזוי... אָבער וואָס זאָג איך! איך האָב דאָך דיך שטענ-דיק ליב געהאַט! שטענדיק ליב געהאַט! שוין שפּעטער דיך נישט געקענט ליידן איבער דעם; איך האָב זיך געטראַכט, אָדער איך וועל זי אַמאָל אויסקושן, אָדער צעקנייפּן ביז טויט. נאַדיר, נאַרעלע דו איינס!

און קאַטיאַ האָט מיר אַ קניפּ געטון.

— און דאָס געדענקסטו, ווי איך האָב דיר דעם שיך צוגעבונדן?

— איך געדענק.

— איך געדענק; איז דיר גוט געווען? איך קוק אַזוי אויף דיר; אַזאַ ליבענקע, טראַכט איך: לאָמיך איר דעם שיך צובינדן, וואָס וועט זי טראַכטן! און אַליין איז מיר גוט געוואָרן. און, ערנסט, איך האָב זיך דאָך געוואָלט מיט דיר צעקושן... און נישט צעקושט זיך! און שפּעטער איז מיר אַזוי קאָמיש געוואָרן, אַזוי קאָמיש! און דעם גאַנצן וועג, וואָס מיר האָבן צוזאַמען שפּאַצירט, האָב איך זיך קוים איינגעהאַלטן, איך זאָל נישט אויסשיסן מיט קיין געלעכ-טער. איך האָב נישט געקענט קוקן אויף דיר, אַזוי קאָמיש. און אַז דו ביסט אַוועק אָנשטאָט מיר אין תפיסה, בין איך אַזוי צו-פרידן געווען.

דאָס פּוסטע צימער האָבן מיר אָנגערופן „די תּפיסה".

— און דו האָסט מורא געהאַט?

— שרעקלעך מורא געהאַט.

— און נישט דערפאַר בין איך געווען צופרידן, וואָס דו האָסט אויף זיך די שולד גענומען, נאָר דערפאַר, וואָס דו וועסט זיצן צוליב מיר. איך טראַכט זיך: זי וויינט איצט, אָבער ווי שטאַרק איך האָב זי ליב! מאָרגן וועל איך זי אַזוי קושן, אַזוי קושן! און מיר איז גאָר קיין רחמנות נישט געווען, אויף מיין וואָרט, גאָר קיין רחמנות נישט געווען אויף דיר, הגם איך האָב געוויינט.

— און אָט איך האָב טאַקע נישט געוויינט, נאָר אויך זייער צופרידן געווען!

— נישט געוויינט? אַך דו, שלעכטע! — האָט קאַטיאַ אַ גע־שריי געטון און געכאַפּט מיך קושן.

— קאַטיאַ, קאַטיאַ! גאָטעניו, ביסט דאָך אַזאַ שיינענקע.

— איך אמתן? נו, אָצינד טו מיט מיר, וואָס דו ווילסט! מו־טשע מיך, קנייפּ מיך! איך בעט דיך, טו מיר אַ קניפּ! פייגעלע מיינס, טו מיר אַ קניפּ!

— שטיפערקע!

— נו, וואָס נאָך?

— נאַרעלע...

— און נאָך?

— און נאָך — טו מיר אַ קוש.

און מיר האָבן זיך צעקושט, געלאַכט, געוויינט.

— ניעטאָטשקאַ! ערשטנס, וועסטו תּמיד קומען צו מיר שלאָפן. דו האָסט זיך ליב צו קושן? וועלן מיר זיך קושן. דערנאָך וויל איך נישט דו זאָלסט זיין אַזאַ אומעטיקע. פאַרוואָס איז דיר געווען אומעטיק? דו וועסט מיר אַלץ דערציילן, האַ?

— אַלץ דערציילן; נאָר אַצינד איז מיר נישט אומעטיק, נאָר פריילעך!

— ניין, דו וועסט שוין האָבן רויטע באַקן, ווי איך! אַך, דער מאָרגן זאָל שוין גיכער קומען! דו ווילסט שלאָפן, ניעטאָטשקאַ?

— ניין.

און אַ שעה צוויי האָבן מיר נאָך געפּלוידערט, איין גאָט ווייסט וועגן וואָס. ערשטנס, האָט קאַטיאַ מיר דערציילט וועגן אי־רע אויסזיכטן אין דער צוקונפט און וועגן דעם, וואָס עס איז באַ איר אַצינד. איז אָט האָב איך זיך דערוווסט, אַז דעם טאַטן האָט זי מער ליב פאַר אַלע, אפילו כמעט מער פון מיר. שפּעטער האָבן מיר ביידע באַשלאָסן, אַז מאַדאַם לעאָטאַר איז אַ זעלטענע פרוי, און אַז זי איז גאָרנישט קיין שטרענגע. ווייטער, האָבן מיר באַלד צוגעטראַכט, וואָס מיר וועלן טון מאָרגן, איבערמאָרגן, און בכלל באַשטימט דעם אופן פון אונדזער לעבן כמעט אויף גאַנצע צוואַנ־ציק יאָר.

קאַטיאַ האָט צוגעטראַכט, אַז מיר וועלן זיך אַזוי לעבן:

איין טאָג וועט זי באַפעלן, און איך וועל אַלץ פאָלגן, און דעם צווייטן טאָג פאַרקערט — וועל איך באַפעלן, און זי וועט געהאָרכזאַם פאָלגן; און שפּעטער וועלן מיר ביידע גלייך איינע דער אַנדערער באַפעלן; און טיילמאָל וועט עמעצער ספּעציעל נישט וועלן פאָלגן, וועלן מיר זיך צעקריגן, אַזוי זיך, נאָר אַן אָנשטעל מאַכן, און שפּעטער וועלן מיר זיך באַלד איבערבעטן. מיט איין וואָרט, אויף אונדז האָט געוואַרט אַן אַ שיער גליק.

ענדלעך, זיינען מיר מיד געוואָרן צו פּלוידערן, די אויגן האָבן זיך באַ מיר געקלעבט. קאַטיאַ האָט געלאַכט פון מיר, וואָס איך בין אַ שלעפעריקע, נאָר אַנטשלאָפן געוואָרן איז זי פריער פאַר מיר.

אינדערפרי האָבן מיר זיך ביידע מיטאַמאָל אויפגעכאַפּט, אויף

גיך זיך צעקושט, און ווען איך בין קוים צוגעלאָפן ביז מיין בעט, איז שוין עמעצער אַריין צו אונדז אין צימער.

אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר פון פרייד נישט געוווּסט, וואָס עס טוט זיך מיט אונדז. מער פאַר אַלץ האָבן מיר זיך געהיטן פאַר אַ פרעמד אויג, און מיר פלעגן פון אַלע אַנטלויפן, פאַר אַלע באַהאַלטן זיך. ענדלעך, בין איך צוגעטרעטן צו מיין געשיכטע, קאַטיאַ איז געווען ביז טרערן דערשיטערט.

— עך שלעכטע דו, שלעכטע! פאַרוואָס-זשע האָסטו מיר דאָס אַלץ פריִער נישט דערציילט? איך וואָלט דאָך דיך אַזוי ליב געהאַט, אַזוי ליב געהאַט! און שטאַרק האָבן דיך די גאַסן-יונגלעך געשלאָגן?

— שטאַרק, איך האָב אַזוי מורא געהאַט פאַר זיי.

— אוך, שלעכטע! ווייסט, ניעטאָטשקאַ, איך האָב אַליין געזען, ווי איין יונגל האָט געשלאָגן דאָס אַנדערע. מאָרגן וועל איך שטילערהייט נעמען פאַלסטאַפּקעס קאַנטשיק, און ווען איך וועל באַגעגענען עמעצן פון זיי, וועל איך אים אַזוי אָנשלאָגן, אַזוי אָנשלאָגן!

די אייגלעך אירע האָבן געפינקלט פון גרויס כעס.

מיר האָבן זיך דערשראָקן, ווען עמעצער פלעגט אַריינקומען אין צימער. מיר האָבן מורא געהאַט מען זאָל נישט זען, ווי מיר קושן זיך. און געקושט האָבן מיר זיך אין דעם טאָג אפשר אַמאָל הונדערט.

אַזוי איז פאַרביי אַ טאָג און צוויי.

איך האָב געמיינט, אַז איך וועל שטאַרבן פון גליק, נישט אויסהאַלטן פון דער גרויסער פרייד.

נאָר אונדזער גליק האָט נישט לאַנג געדויערט.

וועגן יעדן קאַטיעס ריר האָט מאַדאַם לעאָטאַר געדאַרפט מודיע זיין דער פירשטין. זי האָט זיך צוגעקוקט צו אונדז גאַנצע

דריי טעג, און אין פאַרלויף פון די דריי טעג האָט זיך באַ איר אָנגע-קליבן אַ סך וואָס צו דערציילן. ענדלעך, אַז זי איז אַוועק צו דער פירשטין און דערציילט איר אַלץ, וואָס זי האָט באַמערקט, — אַז מיר ביידע געפינען זיך אין אַ מאָדנעם צושטאַנד, שוין דריי טעג, אַז מיר צעשיידן זיך נישט, יעדער ווײַלע קושן מיר זיך, וויינען, לאַכן, ווי פון זינען געריירטע, — ווי פון זינען געריירטע פּלוידערן מיר אָן אַן אויפהער, אין דער צייט, וואָס פריִער איז דאָס לגמרי נישט געווען צו באַמערקן, און זי ווייסט נישט מיט וואָס דאָס צו דערקלערן, נאָר איר דאַכט זיך, אַז קאַטיאַ לעבט איבער אַן איבער-לעבן קריזיס און, ענדלעך, דאַכט זיך איר, אַז עס וואָלט געווען בעסער, ווען מיר זען זיך זעלטענער.

— איך האָב שוין דאָס לאַנג געטראַכט, — האָט די פירשטין געענטפערט: — איך האָב שוין לאַנג באַפוילן, אַז דאָס מאָדנע יתומעלע וועט אונדז אָנמאַכן צרות. מען האָט מיר דערציילט וועגן איר, וועגן איר פריִערדיקן לעבן, — אַ שרעק, אַן אמתע שרעק. זי האָט אַפנים אַ ווירקונג אויף קאַטיען. קאַטיאַ האָט זי זייער ליב, זאָגט איר?

— משוגע ליב.

די פירשטין איז רויט געוואָרן פון פאַרדרוס. זי איז שוין געווען אייפערזיכטיק אויף מיר.

— דאָס איז נישט באַטירלעך, — האָט זי געזאָגט. — פריִער זיינען זיי געווען אַזוי פרעמד צווישן זיך און איך בין זיך מודה, איך האָב זיך געפרייט צוליב דעם. ווי קליין אַט דאָס יתומעלע זאָל נישט זיין, בין איך דאָך זייער און זייער נישט רויִק. איר פאַר-שטייט מיך? צוזאַמען מיט דער מוטערס מילך האָט זי שוין איינ-געזאַפּט אין זיך אירע אייגנשאַפטן, מידות און, קען זיין, איר אַרט דענקען אויך. איך פאַרשטיי נישט, וואָס עס זעט אַזוינס אין איר

דער פירשט. איך האָב שוין טויזנט מאָל פאַרגעלייגט אַוועקצוגעבן זי אין אַ פּענסיאָן.

מאַדאַם לעאָטאַר האָט געפּרוּווט מיך כּאַרטיידיקן, נאָר די פירשטין האָט שוין באַשטימט צו צעשיידן אונדז.

מען האָט באַלד געשיקט נאָך קאַטיען, און ערשט אונטן האָט מען איר דערקלערט, אַז זי וועט זיך מיט מיר נישט זען ביז אי־בעראַכטאָג זונטיק, ד. ה. פּונקט אַ וואָך צייט.

איך האָב זיך וועגן אַלץ דערוווּסט שפּעט באַנאַכט און בין געוועזן אויסער זיך; איך האָב געטראַכט וועגן קאַטיען, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי וועט דאָס נישט איבערטראָגן. איך בין שיער נישט משוגע געוואָרן פון צער, און צרות, און בא נאַכט בין איך קראַנק געוואָרן.

אינדערפרי איז געקומען צו מיר דער פירשט און אַ שעפּטשע געטון, אַז עס איז דאָ אַ האָפענונג. דער פירשט האָט אָנגענומען אַלע מיטלען, נאָר אַלץ איז געווען אומזיסט: די פירשטין איז נישט אָפּ־געטרעטן פון איר באַשלוס.

ביסלעכווייז בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ יאוש, אָטעם האָט מיר פאַרפעלט פון גרויס צער.

אויפן דריטן טאָג אינדערפרי האָט מיר נאַסטיאַ געבראַכט אַ צעטעלע פון קאַטיען. קאַטיאַ האָט געשריבן מיט אַ בלייפעדער, און די אותיות זיינען געווען ענלעך צו קאָטשערעס.

עס איז געווען אָנגעשריבן.

„איך האָב דיך זייער ליב. איך זיץ מיט דער מאַמען און טראַכט ווי אַזוי צו אַנטלויפן צו דיר. נאָר איך וועל אַנטלויפן — איך זאָג דאָס, און דעריבער וויין נישט. שרייב מיר אָן, ווי אַזוי דו האָסט מיך ליב. איך האָב דיך אַ גאַנצע נאַכט אין חלום אַרומגע־גענומען, איך האָב שטאַרק געליטן, ניעטאָטשקאַ. איך שיק דיר אַ צוקערקע. זיי געזונט".

איך האָב איר כמעט אויך אַזוי געענטפערט. אַ גאַנצן טאָג האָב איך באַוויינט קאַטיעס בריוועלע. מאַדאַם לעאָטאַר האָט מיך נישט אויפגעהערט צו צערטלען און לאַשטשען.

באַנאַכט האָב איך זיך דערוווּסט, אַז זי איז אַוועק צום פּירשט און אים געזאָגט, דאָס אויב איך וועל זיך נישט זען מיט קאַטיען, וועל איך געוויס צום דריטן מאָל קראַנק ווערן, און אַז זי האָט חרטה, וואָס זי האָט דערציילט דער פירשטין. איך האָב אויסגעהערט באַסטיען וואָס עס איז מיט קאַטיען. זי האָט געזאָגט, אַז קאַטיאַ וויינט נישט, נאָר איז זייער בלאַס.

צומאָרגנס האָט מיר באַסטיאַ אַ מורמל געטון:

— גייט אַריין אין עקסעלענצס אַרבעט-צימער. גייט מיט די טרעפּ, רעכטס.

איך בין אויפגעלעבט געוואָרן פון אַ גוטן פאָרגעפיל. איך בין גיך אַראָפּגעלאָפן און אויפגעעפנט די טיר פון אַרבעט-צימער. זי איז נישט געווען. פלוצלינג האָט מיך קאַטיאַ אַרומגעכאַפּט פון הינטן און שטאַרק מיר אַ קוש געטון.

אַ געלעכטער, טרערן...

קאַטיאַ האָט זיך באַלד אויסגעריסן פון מיינע אָרעמס, ווי אַ וועוורעקל אַרויפגעקראָכן אויפן פאָטער, אַרויפגעשפּרונגען אויף זיינע פּלייצעס, נאָר פאַרלוירן דאָס גלייכגעוויכט און אַראָפּגעשפּרונגען אויף דער סאָפע. נאָך איר איז דער פירשט אויך אַ פאַל געטון.

קאַטיאַ האָט געוויינט פון התפעלות.

— טאַטע, ביזט אַ גוטער מענטש, טאַטע!

— שטיפערקעס, וואָס איז דאָס מיט אייך געוואָרן? וואָס איז דאָס פאַר אַ פריינטשאַפט? וואָס איז דאָס פאַר אַ ליבע?

— שווייג, טאַטע, דו ווייסט נישט אונדזערע סודות.

און מיר האָבן זיך ווידער אַרומגענומען.

איך האָב זי אָנגעהויבן באַטראַכטן. זי איז אָפּגעפאַלן אין די דריי טעג. איר פּנים האָט שוין נישט געהאַט די שטענדיקע רויט־פאַרביקייט, נאָר געווען זייער בלאַס.

איך האָב זיך צעוויינט פון עגמת נפש.

ענדלעך האָט נאַסטיאַ אָנגעקלאַפּט, אַ סמן, אַז מען זוכט קאַטיען. קאַטיאַ איז בלייך געוואָרן, ווי דער טויט.

— גענוג, קינדער, מיר וועלן זיך יעדן טאָג צונויפקומען. גייט געזונט, און גאָט זאָל אייך בענטשן! — האָט דער פירשט געזאָגט.

ער איז געווען זייער גערירט, קוקנדיק אויף אונדז; נאָר ער האָט פאַרגעסן שלעכטס.

באַנאַכט איז אָנגעקומען אַ ידיעה פון מאָסקווע, אַז סאַשע איז פלוצלינג קראַנק געוואָרן און זיין צושטאַנד איז געפערלעך. די פירשטין האָט באַשלאָסן שוין מאָרגן צו פאָרן. דאָס האָט זיך אַזוי פלוצלינג געטראָפן, אַז איך האָב גאָרנישט געוווסט, ביזן געזעגענען זיך. און דאָס האָט דער פירשט געפועלט, אַז מיר זאָלן זיך געזעגענען, די פירשטין האָט קוים מסכים געווען.

קאַטיאַ איז געווען, ווי אַ דערהרגעטע. איך בין אַראָפּגעלאָפן, אויסער זיך, און זיך אַ וואָרף געטון איר אויפן האַלדז. די גרייטע קאַרעטע האָט שוין געוואַרט באַם אַריינפאָר. קאַטיאַ האָט אַ קוק אויף מיר, אַ געשריי געטון און געבליבן חלשות. איך האָב זי אַרומגעכאַפּט קושן. די פירשטין האָט זי געמינטערט. ענדלעך, איז זי געקומען צו זיך און מיך ווידער אַרומגענומען.

— זיי געזונט, ניעטאָטשקאַ! — האָט זי געזאָגט און פלוצלינג זיך צעלאַכט מיט אַ מאָדנעם אויסדרוק פון פּנים; קוק נישט אויף מיר, דאָס איז גלאַט אַזוי; איך בין געזונט, איך וועל אין אַ חודש אַרום ווידער קומען, און מיר וועלן זיך שוין נישט שיידן.

— געגוג, — האָט די פירשטין רויִק געזאָגט: — קום פאָרן!

באַר קאַטיאַ האָט זיך נאָכאַמאָל אומגעקערט. זי האָט מיך צוגעדריקט אין אירע אָרעמס.

— לעבן מיינס! — האָט זי אַ שעפּטשע געטון. אויף ווידערזען!

מיר האָבן זיך צום לעצטן מאָל צעקושט, און קאַטיאַ איז פאַרשוואונדן — אויף לאַנג, אויף זייער לאַנג.

סוף.

אידישע פאָלקס ביבליאָטעק
Montreal - מאָנטרעאל
JEWISH PEOPLE'S LIBRARY